STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10980

NIT OYSGETRAKHT

M. Alberton

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פעלקער לינגענ

צונויפגעשטעלט –
ד. האָפשטיינ, אי. פעפער

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטנ אינ אוססר
קיִעוו — 1939.

העלער פון דער זון

(פון אודמורטיש)

„וואָס איז העלער פון דער זון?
וואָס איז העכער פון די וואָלקנס?
וואָס איז טיפער פונעם יאם?"—
פרעגט דאָס אייניקל באַם זיידן.
און דער זיידע ענטפערט גוט:
„גליק איז העלער פון דער זון,
טרוים איז העכער פון די וואָלקנס,
מענטש איז טיפער פונעם יאם,—
האָסט קיין צווייטן ענטפער ניט!"

לאַכט דאָס אייניקל... „דײַן וואָרט
איז מיר טײַער, איז מיר ליב,
כ׳וועל נאָר פרעגן פינעף שאלעס,
פינעף ענטפערס נאָר מיר גיב!"

„ווער האָט דעם אודמורט געגעבן
אַזאַ גליק און רום און קרעפטן,
ווער האָט טויערן געעפנט
דעם אודמורט צו זונען-שטראַלן,
מיטן העכסטן טרוים באַקרוינט אים?
ווער איז אונדזער בעסטער פרײַנט?"

„סטאַלין האָט דעם טרוים געבראַכט אונדז,
סטאַלין האָט די קראַפט געבראַכט אונדז,
סטאַלין האָט דעם רום געבראַכט אונדז, —
ער איז אונדזער לערער־פרײַנט!

ער שײַנט ווי די יונגער שטראַלן,
ער שטײַגט איבער אַלע וואָלקנס,
ער איז העלער פון זומער־טאָג.
א מעכטיקער אָדלער איז סטאַלין —
ער פירט אונדז פאָרויס! מײַן ליבער,
הער מיך אצינד, וואָס איך זאָג:
זאָל שײַנען אף וועלטן סטאַלין,
ווי די זון,
ווי די פאָן,
ווי די ליד.
די שײַן פון זײַן פײַער שײַנט אונדז,
ווו נאָר מיר שטעלן די טריט!״

★ ★

זעט, ווי שיין!

(פון אודמורטיש)

אוי, שניי ווײַסער, אוי, שניי ווײַסער,
נאָך ווײַסער פון שניי איז מײַן טוך.
אוי, שניי ווײַסער, אוי, שניי ווײַסער,
נאָך ווײַסער פון שניי איז מײַן טוך.

גאָלדענער לײַן, גאָלדענער לײַן,
נאָך גאָלדענער זײַנען מײַנע האָר.
גאָלדענער לײַן, גאָלדענער לײַן,
נאָך גאָלדענער זײַנען מײַנע האָר.

אוי, שווארץ זײַנען קארשן, שווארץ,
מײַנע אויגן זײַנען שווארצער פון זיי.
אוי, שווארץ זײַנען קארשן, שווארץ,
מײַנע אויגן זײַנען שווארצער פון זיי.

די עפּל אין סאָד זײַנען רויט,
מײַנע באַקן זײַנען רויטער פון זיי.
די עפּל אין סאָד זײַנען רויט,
מײַנע באַקן זײַנען רויטער פון זיי.

גרין איז אין פרילינג דאָס גראָז,
גרינער פון גראָז איז מײַן קלייד.

גרינ איז אינ פרילינג דאָס גראָז,
גרינער פונ גראָז איז מײַנ קלײד.

אוי, איז דער רעגנבויגנ בונט,
ס'איז בונטער מײַנ פארטעכ פונ אים.
אוי, איז דער רעגנבויגנ בונט,
ס'איז בונטער מײַנ פארטעכ פונ אים.

אוי, אפ פעלדער פונ קאָלווירטנ
גייט דער טראקטאָר מיט א פרייד.
אוי, אפ פעלדער פונ קאָלווירטנ,
גייט דער טראקטאָר מיט א פרייד.

טוט א קוק ווי שיינ, כאווײרים,
פירט מײַנ ליבער אים אינ פעלד!
טוט א קוק ווי שיינ, כאווײרים,
פירט מײַנ ליבער אים אינ פעלד!

★ ★

די מילכאָמעס און לעגינ

(פונ אוזבעקיש)

אסאכ זײַנעג דורכ דער ערד און קײנ צײכנ געלאָזט,
און דאָכ זײַנעג מענטשנ פאראנענ, וואָס האָבנ א צײכנ געלאָזט.
כאָטש ווײניק אזעלכע געווענ, נאָר גרויס זײַנעג צײכנס פונ זײ —
א מאָל מיט רעציכע און רויב, און א מאָל מיט אומענדלעכנ גוטס.

שוינ לאנג, זײער לאנג האָט געשפאנט איבער ערדנ דער קרומער טימור,
געלאָזט האָט ער צײכנס פונ בלוט און פונ כאָרעווע שטעט,
געלאָזט האָט ער וויסטעס און פלאמענ און מײסימ אסאכ.
און ווו נאָר זײַנ אויג האָט באמערקט נאָר יאָנטעוו און שײַנ,
פלעג ער קומענ און ברענגענ אהינצו נאָר טרויער און נאכט.
דער קרומער טימור האָט געהאט אינ זיכ שטארקײַט גענוג,
נאָר אויסגענוצט האָט ער זײַנ שטארקײַט אפ טײטנ די ערד...

טשינגיז־כאנ האָט די אָרדעס די ווילדע געבראכט אפ דר׳ערד,
געוווסט האָט ער אײנס נאָר, דער רויבער, האריגע און רויב.
דורכ זאמדנ און וויסטעס געגאנגענ איז ער, טשינגיז־כאנ,
דורכ וועלדער און סטעפעס, דורכ שטעט און דורכ טאָלנ געגאנ,
און ווו נאָר זײַנ פוס האָט געשטעלט זיכ, גערינענ האָט בלוט
און טרערנ, עס האָבנ אימ ביטערע קלאָלעס אינ וועגנ באגלײט...
ס׳איז מעכטיק געווענ טשינגיז־כאנ. נאָר זײַנ כאיעל דאָס ווילדע
האָט קײנ ווינקל קײנ גאנצ ניט געלאָזט אפ דר׳ערד...

ס'איז אויך איסקאנדער [1]) געקומענ דורכ יאמענ, אינ שטאָל אונ אינ גאָלד,
זײַנ כאיעל האָט שיינ מיט די אײַזערנע היטלענ געגלאנצט ביז דער זונ,
די פאנצערס אונ שפיזנ בא זיי זײַנענ פראכטפול געווענ,
ס'האָט די זונ זיכ געמינעט, ווענ זיי זײַנענ געגאנגענ באנאנד,
געגאנ אונ געשוויגנ אונ נאָר מיט די שפיזנ געגלאנצט.
אונ קיינער געקאָנט האָט פארהאלטנ די אײַזערנע וואנט,
עס איז ניט אנטלאָפנ, ווי טשינגיז־כאנס מיליטער.
נאָר פלייצע צו פלייצע געגאנגענ פאָרויס אונ פאָרויס.
נאָר געלאָזט האָט עס אויכ אונטער זיכ הוילע כורוועס אונ אש,
ווי דער קרומער טימור אונ דער וואָלפ טשינגיז־כאנ...

אונ ניט לאנג איז געווענ ניקאָלײַ, ס'הייסט דער רוסישער צאר,
ער וועט אויכ אינ זיקאָרנ פונ מענטשנ פארבלײַבנ אפ לאנג,
ער האָט אויכעט די כורוועס פארמערט אונ געהארגעט, געברענט,
אונ גאנצענע פעלקער פארקנעכטעט, באזיגט אונ צעקלאפט.
ער האָט אינ א רײַכקײַט געלעבט אינ א שטיינערנער שטאָט,
די עלטסטע בא אימ האָבנ אויכ נאָר אינ גאָלד זיכ געצירט,
נאָר א בײַטש האָבנ אלע געהאט אינ די הענט, אזוי שווער
איז געווענ יענע בײַטש, ווי די בײַטש אינ טאליאָנישע הענט.

די נעמענ אָט די וועט שוינ אייביק געדענקענ די ערד,
נאָר בעסער אסאכ וואָלט געווענ, ווענ די ערד זאָל פארגעסנ אינ זיי, —
זי געדענקט זייער גרויסע פארוויסטונג אונ שאנד.

ערשט ניט לאנג איז געשטאָרבנ א מענטש, אזא מענטשלעכער מענטש,
געלעבט האָט ער אויכ אינ דער שטאָט, ווו דער צאר ניקאָלײַ,
געלעבט אינ דער שטאָט אונ די מענטשנ די זעלבע געפירט,
ערשט ניט לאנג איז ער, לעניג, געשטאָרבנ, אוועק פונ דער ערד...

---

1) א י ס ק א נ ד ע ר — אלעקסאנדער מאקעדאָנסקי.

און אים וועט גאָר אנדערש געדענקען די ריזיקע ערד.
געזייט האָט ער ליכטיקייט דאָרט, ווו די נאַכט האָט געשפּרייט ניקאַליַי,
דעם אַש פון די ווייסטעס צעזייט, וואָס טימור האָט געלאָזט,
און ווו טשינגיז־כאַן האָט פאַרבּרענט, האָט ער שטעט אויפגעשטעלט...

דער קרומער טימור, טשינגיז־כאַן, איסקאַנדער און אויך ניקאַליַי,
ווו מ'האָט נאָר א ליכטונג באַמערקט — פלעג מען קומען מיט נאַכט,
ווו מ'האָט נאָר א גאָרטן באַמערקט — האָט מען ווייסטעס געמאַכט,
און ווו ס'האָט דאָס לעבן געבּרויזט — פלעג מען ברענגען דעם טויט.
ווען לענין האָט פינצטערניש ערגעץ דערזען — פלעג ער קומען מיט שיַין,
פון ווייסטעס — א סאָד, און פון טויט האָט ער לעבן געמאַכט,
געווען איז ער שטאַרקער פון אַלע די קריגס־לײַט ביז אים,
פאַר אַכט יאָר אינגאַנצן האָט ער אַפּ דר'ערד אויפגעשטעלט
דאָס, וואָס זיי האָבן הונדערטער יאָרן פאַרניכטעט, געבּרענט...

אַוועק וועלן טויזנטער יאָרן — דער מענטש וועט ניט זען
קיין ווייסטעס און קריגן, פאַרגעסן אין טויט;
נאָר לענינען וועט ביזן אָטעם דעם לעצטן געדענקען די וועלט,
זי וועט ניט פאַרגעסן די ריזיקע שטראָמען פון בלוט,
וואָס לענין האָט אָפּגעשטעלט, לענין דער ליכטיקער פריַינט.

★ ★

ס׳וווינט אין מאָסקווע א מענטש

(אוויראָטישע ליד)

ס׳איז אלטײַ מיט א וווּנדער־בוים אײנעם באַרימט,
ס׳איז א טײַערער בוים, אונדז איז גוט אונטער אים
סײַ אין זון־טעג, און סײַ ווען ס׳ע רעגנט.

ס׳וווינט אין מאָסקווע א מענטש, און אף וועלטן־באַראַט
אזא טײַערער מענטש איז ניטאָ, ווײַל ער האָט
גליק געבראכט יעדן פאָלק, יעדער געגנט.

ווי־זשע הייסט אָט דער בוים, וואָס צו זון און צו שטערן
ער שטרעקט זיך און נערט זיך מיט ערד־זאפט, מיט פעטער?
— ס׳איז א קעדער! א קעדער! — כ׳וועל ענטפערן גערן.
אז וויסן זאָל יעדער:
— דער בוים רופט זיך קעדער!

ווער־זשע איז אָט דער מענטש, וואָס זייט קערן נאָך קערן
פון פרייד און פון גליק און דאָס לעבן באַשײַנט?
— דאָס איז סטאלין! — כ׳שרײַ אויס, גאָר די וועלט זאָל דערהערן.
— סטאלין איז אָט דער מענטש, אונדזער פירער און פרײַנט.

פּ. אוסענקאָ

די שאָטנס פונעם אלטן דעמב

I.

וויפל זינגערס האָבן דאָ געשפּאנט,
אונטער צווײַגן איבער וואָרצלען דורכגעגאנגען,
אין דעם שאָטן דײַנעם האָבן זיך פארזאמט,
דאָ אנטפּלעקט די אלטע ווייען און פארלאנגען.

אָ, מײַן דעמב, מײַן הערשער, ציסט און רופסט!
נעבן דיר אצינד ווער קלאָגט, פארשעלט זײַן עלטער,
און בא וועמען כליפּעט די באנדורע,
צווישן יוגנט שטייט, ווי דו, אן עלנטער?

וועמעס ווייען ווילסטו איצט פארהיילן,
אין די בלעטער דײַנע, אין דעם דאך דעם גרינעם?
זיי באהאלטן ווילסטו, קיינעם ניט דערציילן,
ס'זאָל דער טרויער אף דער וועלט זיך ניט צערינען.

מיטאמאָל פארגייט זיך די באנדורע,
טוט א הילך און ווידער שוינ אין שווײַגן,
ס'איז געווען אן אופשטאנד, ס'איז געווען א שטורעם,
און מיט בלוט פארגאָסן, אײַנגעשטילט מיט בײַטשן.

און דער זינגער בייגט דעם קאָפּ איבער די סטרונעס,
און דעם טרויער בלעטער פילן מיט און לײַדן,

און א שאָטן פֿאַלט אַף אַלטע ווונדן,
ווי אַמאָל געפֿאַלן איז פֿאַרצײַטן.

*

שפּילן כמאַרעס זיך אין גרינע האָריזאָנטן,
שאַרפֿע בליצן־צייכנס שנײַדן דורך די וואָלקנס,
ווערן שטומע קרעפֿטן מיט דעם ווינט פֿאַרלאָשן,
און מיט שטערנס ווערט די שוואַרצע נאַכט פֿאַרשאָטן.

II.

ווידער ווערט פֿאַרומערט שוין דער הימל,
און פֿאַרטרויערט ווערן האָריזאָנטן,
עלנט שטייסטו, נאָר צו דיר מע ציט זיך,
אַלע מידע ביסטו אַ באַקאַנטער.

און פֿון דעם געבלעטער טראָגן זיך געזאַנגען.
אוי, ווער זינגט עס דאָ: אַ ווײַב, אַ מיידל.
„ווּעסט אַף נאַכט דאָ בלײַבן, ווי דער מאַמע דײַנער״—
קאַטערינע זאָגט איר קינד דעם קליינעם.

און זי גייט, די מוטער, די פֿאַריאָגטע,
טוט אַ לאָז זיך צו די שוואַרצע טײַכן —
פֿליוך — און אויס, אין וואַסער שוין פֿאַרבאָרגן,
קרײַזן נאָר פֿונויבן, שוואַרצע צײַטן־קרײַזן.

יינגלעך גייען, יינגלעך זינגען,
עטוואָס זיך פֿאַרהאַלטן, אָפּגערוט אַ ווײַלע
און געלאָזט זיך קעגן זון און ווינטן,
אַרבעט זוכן אין דעם קאַנט דעם ווײַטן.

וויפֿל זינגערס האָבן דאָ געשפּאַנט,
אונטער צווײַגן איבער וואָרצלען דורכגעגאַנגען,

אין דעם שאָטן דײַנעם האָבן זיך פאַרזאַמט,
דאָ אַנטפּלעקט די אַלטע ווייען און פאַרלאַנגען.

שוואַרצע מאַכנעס פּריצים זײַנען דאָ געפּלאָסן,
ליאַכן אַפּ די סטעפּן האָבן דאָ געררודערט.
און ניט אײנער מיט זײַן ווײ און מיט זײַן קאָבזע
איז געגאַנגען אין שאָטן, מיט געזאַנג פאַרומערט.

בענקענדיקע בלעטער הענגען איבער זינגער,
וואָס דורך שליאַכן לאַנגע גײען דאָ פון לאַנג שוין.
ציטערן די בלעטער, און מיר דאַכט — אַ שאָטן
הייבט זיך אופ און פרעגט שוין: „נו, וואָס קאָנסטו זאָגן?"

און אַ ווידערקאָל צעקײַקלט זיך און ענטפערט
מיט אַ ליד אַ פרײַער, מיט אַ ליד אַ שטאָלצער.
פליסט די ליד דורך בלעטער איבער שטעט און דערפער,
און די וועלט די אַלטע ווערט אין איר פאַרשאָלטן.

און דער דעמב דער אַלטער, ער הייבט אופּ די צווײַגן
און דערהערן וויל ער אָט די נײַע לידער,
וואָס אין בלויע הייכן צו דער זון אַזש שטײַגן,
און אַ פליער זינגט דאָרט, איבער וואָלקנס העכער פליט ער.

★ ★

פ. אוסענקאָ

ליב צו די געפאלענע

★

ליב צו די געפאלענע!
זייער רו און פרידן,
זייער העלן נאָמען טריַ
אייביק וועלן מיר היטן.

ליבע העלדן רוען דאָרט,
גראָזן ווינטיק ווייען,
אין דער שלאכט געגאנגענע דרייסט —
ארבעטער־ארמייען.

★

ליב צו די געפאלענע,
ליב צו זיי און ערע!
אלץ, וואָס נאָר פארמאָגט, געשענקט
אין די טעג די שווערע,

פאר דעם לעבן, וואָס ערשט גייט...
טײַכן פליסן פרײַע,
פעלדער שוין אָפּ אייביק פרײַ,
פעלדער ברייטע, נײַע.

★

לויב צו די געפאלענע,
וואָס מיט לײַב און לעבנ
הייליק פײַער אונדז געבראכט
און עס אָפּגעגעבנ

פאַר דעמ ווײַטערדיקנ דאָר.
ווי דער רויטער שטערנ,
זייער גײַסט וועט ברענענ העל, —
ניט פארלאָשנ ווערנ.

★

לויב צו די געפאלענע!

★ ★

פ. אוסענקאָ

יאָנטעוו

א פריילעכער יאָנטעוו.
אין דאָרפישער לופט —
אן אָדלערשער פליגל —
די פאָן הייבט זיך אופ.

זי שוועבט און זי פלאטערט,
די זון שוועבט ארויס,
עס שפרייט זיך אין נידער
געזאנגען־געררויש.

איך ווייס, איצט מע זעצט זיך
באם טיש האנט בא האנט,
די טאטעס, די מאמעס —
און אונדז מע דערמאנט.

איך ווייס, איצט מע זעצט זיך
אלע ענגער אין ראָד,
און קויסעס זיך הייבן,
און קויסעס אין זאָד.

ביז גרונט קויסעס זידן
מיט פייער — מיט וויין,

און אלע דערמאנען,
און יעדערער זײַנס:

פּילאָטן, טאנקיסטן,
די ברידער, די זין,
די יונגע ראדיסטן,
וואָס שווימען, וואָס פליִען.

אויב ס׳פעלן אויס ווערטער,
א ליד זיך צעשפּרייט,
פארליבטע דערקענט מען
אָן ווערטער, אָן רייד.

און ווער וועט עס גלייבן
אז די, יענע־אָט —
זי ווארט ניט, זי טרוימט ניט —
אָט קומט א פּילאָט.

און ווער וועט עס גלייבן,
אז אָט־אָ די
ניט ווארט, אז פון ווײַטן
קומט איר קאָמאנדיר.

און ווינטן — זיי וויעגן
אַפ סטעפּישער ברייט,
אין אָדלערשע קאנטן
א ליד זיך צעשפּרייט.

עס הילכן די טאָסטן
פאר עלטערן דאָר,
פאר בלומען, פאר בליִונג,
פאר גליקלעכן דאָר.

פאר שטעט אונ פאר דערפער,
פאר יונג אונ פאר אלט,
אונ פריידיק אונ פריילעכ
די ליד זיכ צעשאלט.

בא טישנ פארפולטע
מע זיצט ביז באגינ,
מע טרינקט פאר דעמ מאזל
פונ טעכטער, פונ זינ.

מע טרינקט פאר דער צוקונפט,
פאר מוטערשער פרייד —
פאָרויס אונדזער לעבנ
מיט זיכערקייַט גייט.

★ ★

פ. אוסענקאָ

א מאָלדאווישע ליד

בייגט דער ווינט א צווייַגל,
בייגט עס ביזן גרונט,
ווערן עפּל צייַטיק
אינעם סאָד בא אונדז.

טיף אין גרינס באוואָרנט
ווערן עפּל רייַף,
אין דעם לאנד דעם קלאָרן,
אין דעם שיינעם קאנט.

דאָ איז וואָס צו קלייַבן
צווישן זון און זאפט,
האָניק, זיסע טרויבן,
טרייַע ברודערשאפט.

זיסן ווייַן געניסן
לאָמיר מיט געזאנג...

. . . .

כ׳טו א קוק אפ יענער זייַט דניעסטער —
אוי, א פינצטער לאנד...

אלע בליטנ כאָרעוו,
פינצטער אונ פארלאָזט,
ווי א ווילדער שטורעמ
וואָלט דורכויס געבלאָזט.

ניט קיינ בליט, קיינ פערע,
ניט קיינ זיסער טרוימ,
נאָר דער ווינט דער שטערער
אינ דעמ פוסטנ רוימ.

גייט דער קאָס אריבער...
טרויערט מענ באמ טיש...
אוי, כאווירימ ליבע,
ס׳ווערט א לאנד צונישט.

זאָל דער דניעסטער רוישנ,
רייסנ זיכ פונ ברעג,
ס׳וועט דער העלד קאָטאָווסקי
וויַיזנ אונדז דעמ וועג.

★ ★

פּ. אוסענקאָ

אַ ליד וועגן דאָרף „נאָווי סאַנזשאַרי"
און אַ באַרימטן פּוטילאָוועץ

אין זוניקע סטעפּעס
ווערט צײַטיק דער זאַנג,
צעהוליעט דאָס דאָרף זיך,
אין סאָד — אַ געזאַנג.

די שלאָגלער פון סטעפּעס
געקומען פון ווײַט,
עס טאַנצן און זינגען
די כאָשעווסטע לײַט.

עס דרייט זיך און פרייט זיך
אין לופטן דער בלאַט,
אַ גאַסט איז געקומען,
אַ באָכער, אַ יאַט.

פון עסנס און ווײַנען
דער טיש ברעכט זיך אײַן,
דעם קעמפער דעם אַלטן —
אַ קעלישאָק ווײַן.

אַ שיסל, אַ לעפל,
דעם בעסטן געטראַנק.

איז נעענטער און ענגער,
א באנק צו א באנק.

אסאך איז געפארן
דער גאסט אף דער ערד,
ביז אונדזער גאסט איז
געקומען אהער.

געזעען ניט ווייניק!
— דערציילט, ווי מע האט
דעם סוינע געטריבן
פון דארף און פון שטאט.

און יעדערער רוקט זיך
נאך נעענטער צום טיש,
געבליבן איז שטייען
די פלאש לעם די פיש...

די מיידלעך, די כעוורע,
ס'ווערט ענגער דער קרייז,
דער קעמפער דער אלטער
הייבט אנעט באנייס:

— דער וועג איז א קלארער:
פון שטרייק צום געווער,
און ס'האבן זיך רויטע
געמערט אף דער ערד.

— געגאנגען, געפאלן
אף לעבן און טויט,
דער ציל האט פון וויטן
אין הימלען געבלויט.

— דער ציל איז שוין נאָענט
פאר אונדז אויסגעשפרייט,
אפ דאָרעמ איז יאָנטעוו,
און מײַרעוו איז גרייט.

— אין אונגארן טאָגט שוין,
אין שלאכט דער באָלגאר איז,
און ס'הייבן זיך אופעט
פאָלטאווער סאנזשארעס...

— סע פלאמען סאנזשארעס,
פארשווונדן סאנזשארעס,
און ס'לויפן די פריצימ
אוועק, ווי די כמארעס.

— און ס'האָבן קאָלאָנעס
די סאָנימ געשפּארט,
געפירט האָט זיי אלע
א גיבער, א גוואר.

— ער איז ניט קיין ריטער,
א פּאָשעטער שמיד,
געפירט די קאפּצאָנימ
אין שלאכט מיט א ליד.

— מע זאָגט, א פּוטילאָוועצ
איז דער סאָלדאט,
אז נאָר די סאָוועטנמאכט
מאכט אלע זאט...

— פאר מאָרגנס פאר גוטע
פון כאטעס ארויס,

צעיאָגנזיך פאָלקנ
צו זיגנ פאָרויס.

— אפ וועגנ צו קאנטנ
צו ווײַטע צעוויגט,
איז איינע א ראָטע
געלאָפנ צוריק.

— צי האָט דער פאראט דאָרט
די זוימענ צעזייט,
צי האָט דאָרט דער סוינע
די קעפ זיי געדרייט...

— איז זאָל א שאָליעכ
קיינ מאָסקווע אוועק:
א פיר צענדליק ווערסטנ
גענומענ! אנ עק!

— וווהינ איז דאָס יאָגנ?
געענדיקט דעמ שלאכט,
בא אונדז אינ די דערפער
בא ראטנ די מאכט...

— איז דער פּוטילאָוועצ
דער ערשטער ארויס
אונ הילכיק אונ וואָגיק
געמאָלדנ: פאָרויס!

— שטייט אופעט, סאנזשארעס,
קיינ רעגע ניט זאמענ,
די סרייפעס צעצינדנ
העט־העט ביז די יאמענ...

— געגאַנגען, געפאַלן
אַף לעבן און טויט,
דער ציל האָט פון ווײַטן
אין הימלען געבלויט.

— דער ציל איז שוין נאָענט
פאַר אונדז אויסגעשפּרייט,
אַף דאָרעם איז יאָנטעוו,
און מײַרעוו איז גרייט!

— אַרויף אַף די פערדלעך,
די וואָגנס מע וואַרפט,
מע האַקט די איקאָנעס,
די מעסערס מע שאַרפט.

— און מאַרשן, און מאַרשן,
און וועגן און ווײַט,
די בלוטיקע פעלדער,
די רוישיקע צײַט.

— געפירט און געגאַנגען,
מיטן שליאַך, מיטן טראַקט,
אַזש ביז ס׳האָט אַ קויל אים
אין סטעפּ ניט געפּאַקט.

— די ברוסט אים צעלעכערט,
דאָס האַרץ דורכגעשטראַלט,
די קויל איז אַ וויסטע
געפאַלן אין וואַלד.

— און ער איז געפאַלן,
דורך נעפּלען — אַ קוק,

אין נעפּל, אין ווײַט
האָט געצאָקעט א צוג.

. . . .

אָ, גרויזאמע מארשן,
אָ, גרויזאמער שלאכט,
דעם אָנפירער האָט מען
באהאלטן באנאכט.

. . . .

אראָפּ איז בא אלע
פון הערצער דער שלאָס,
און ס'האָט זיך לעם דעמבעס
געהוידעט דאָס גראָז.

פון ערטער זיך הייבן
די אלטיטשקע לײַט.
די יונגע, די אלטע —
מע שטייט און מע שווײַגט.

די הערצער דערפילן
דורך ווײַטקײַט די פּײַן.
די טרערן, זיי קאפּען
אין פלאמיקן ווײַן.

מיט אומרו און רום
טוט פון דעמבעס א יאָג,
דורך פעלדער, דורך וועלטן
גערוישט האָט דער טאָג.

און פלוצלינג דורך בלעטער
דער ווינט טוט א ברום,

די ארויסטרעטונג פונעם כאווער סטאלינ אפנ 8־טנ אויסעראָרדנטלעכנ ראטנ־צוזאמענפאָר.

„דאַס איז פונ זיי ניט אָפהענגיק”.

אָט הייבּן זיך קויסעס
שוין איצט אומעטום.

אָט הייבּן זיך קויסעס
שוין איצט אומעטום:
פאַר נײַע סאַנזשאַרעס,
וואָס לויכטן מיט רום.

זאָל אײבּיק אין הערצער
ניט דרעמלען דער בּרויז!
פאַר אונדזער פּוטילאָווער
טרינקען מיר אויס.

* *

1843—3

ניט געוועזן קיינמאָל נאָך...

(אוקראַינישע פאָלקס־ליד)

ניט געוועזן קיינמאָל נאָך
אזוי גרינג אין פעלד.
נײַע, פרישע פריילעכקײַט
אונדזער דאָרף באהעלט.

ס'האָט אזוי נאָך קיינמאָל ניט
געקלונגען אונדזער ליד,
אָט אזוי האָט קיינמאָל נאָך
דער קאָרן ניט געבליט.

א זון א שפּאָגל־נײַ־ינקע
מיר האָבן הײַנט דערזען:
זי איז, די זון, בא סטאלינען
אין קרעמל געוועזן.

יונגען דאָ און מיידלעך דאָ
אסאך פון אונדזער ערד,
וואָס האָבן סטאלינס וווּנדער־רייד
אין קרעמל געהערט.

וויפל ברייטע וואסערן
אונדזער דניעפּער יאָגט?

מער געדאנקען מעכטיקע
סטאַלינ פאַרמאָגט.

וויפל שטערנדלעך אינ הייך
האָט די בלויע נאַכט?
מער געדאנקען ליכטיקע
אונדזער סטאַלינ טראַכט.

אַרום דעמב דער יונגוואַלד וואַקסט,
קרעפטיק וואַקסט און זינגט,—
מיר אַלע אַרום סטאַלינען
א קינדערשע רינג.

פאר לייַוונטנ אַפ זעגל־שיפ
דער ווינט דעם קויעך שאַפט,—
צו אונדז עס קומט פונ סטאַלינען
די גיבערישע קראַפט.

ווי הרעבליע אינ געוויסער־צייַט
באַקעמפט די ווילדע געסט,—
מיר וועלנ זיך פאַר סטאַלינען
שטעלנ אייַזנפעסט!

★ ★

יעדעס וואָרט דײַנס פֿאַר אונדז איז טײַער

(פֿון אוקראַיִניש)

ווו דו וואַרפֿסט ניט דײַנע בליקן,
בליִען סעדער אָן א שיר.
אין קאָלווירט מיר זײַנען גליקלעך,
און פֿאַרמעגלעך לעבן מיר.

און די סעדער, סעדער בליִען,
זינגט דאָס דאָרף היינט אָן א שיר.
סטאַלין, פֿאָטער, אונדזער ליבער,
אונדזער דאַנק מיר שיקן דיר.

אין געזעץ אונדזער דעם העלן
מיט דײַן האַנט פֿאַרשריבן שטייט:
אַלץ פֿאַר אונדז — דעם פֿאָלק דעם פֿרײַען —
מענטשן־גליק און מענטשן־פֿרייד.

יעדעס וואָרט דײַנס פֿאַר אונדז טײַער,
שטענדיק, שטענדיק ביסט געררעכט —
אַלע גלײַך — אין מי דער פֿרײַער, —
אַלעמען, — די גרויסע רעכט.

אָ, געוואַגטער, שטאָלצער אָדלער,
שטענדיק זײַנען מיר מיט דיר,

אין די הערצער, אפ די פאָנען
די קאָנסטיטוציע טראָגן מיר.

זאָל די זון נאָך העלער שײַנען,
פעלדער, סעדער, העלער בליט,
אונדזער ערד זאָל זײַן נאָך שענער,
פרײלעך קלינגען זאָל איר ליד.

★ ★

סאָקאָלן

(פון אוקראַיניש)

אפּן דעמבּ דעם גרינעם,
אינעם קלאָרן דרויסן,
געפּירט האָבן צוויי סאָקאָלן
א געשפּרעך א גרויסן.

און אָט די בּיידע סאָקאָלן
דערקענט האָבן דאַן אלע:
דער ערשטער סאָקאָל — לענין,
דער צווייטער סאָקאָל — סטאַלין.

דער ערשטער סאָקאָל — לענין.
דער צווייטער סאָקאָל — סטאַלין.
ארום זיי — די קינדער
געפּלויגן זײַנען אלע.

אז ס׳האָט דער ערשטער סאָקאָל
זיך געזעגנט מיטן צווייטן,
האָט ער פאַר זײַן טויט
אזוי געטאָן דאַן ריידן:

„סאָקאָל דו מײַן קלאָרער,
איך דאַרף מיט דיר זיך שיידן,

אלע מיַינע זאָרגן
אפ דיר זיך איצטער לייגן".

ענטפערט צווייטער סאָקאָל
אין אָט דער טרויער־רעגע —
„איך שווער: מיר וועלן קיינמאָל ניט
אראָפּ פון דיַינע וועגן".

געהאלטן האָט ער וואָרט זיַינס,
וואָס ער האָט אים געגעבן,
ער האָט געבראכט דאָס היימלאנד
צו א גליקלעכן לעבן.

(פאַרשריבן אפן זאַוואָד
„לענקוזניע" אין קיִעוו).

★ ★

מ. איסאַקאָווסקי
(אָרדענטרעגער)

ליד וועגן סטאַלינען

עס רוישן די זעטיקע סטעפּעס,
עס פֿליסן די שטראָמיקע טײַכן.
עס פֿינקלען די שטערן אין הימל
אַף אונדזער פֿילפּריידיקן הויז.
איז לאָמיר, כאַווײרים, אַ זינג טאָן
די ליד פֿונעם מענטשן דעם גרעסטן,
דעם נאָענטסטן און דעם באַליבטסטן,
פֿון סטאַלינען זינגען די ליד.

ער האָט אונדז געפֿירט אין די קריגן,
פֿאַר גליק און פֿאַר פֿרייד, און פֿאַר פֿרײַהײַט,
געמונטערט און קראַפֿט אונדז געגעבן
אַף רומפֿולע וועגן פֿון שלאַכט.
איז לאָמיר, כאַווײרים, אַ זינג טאָן
די ליד פֿון דעם פֿירער דעם גרעסטן,
די ליד פֿונעם שרעקלאָזן מענטשן,
פֿון סטאַלינען זינגען די ליד.

ער האָט אונדז באַוואָרנט די גרענעץ,
באַוואָרנט פֿון קראָען פֿון שוואַרצע,
פֿאַרצאַמט מיט בעטאָן און מיט אײַזן,
פֿאַרגאָסן מיט הייסן טשוהונ.

איז לאָמיר א זינג טאָן, כאווירים,
די ליד פון דעם וועכטער דעם בעסטן,
וואָס זעט פון דער וויַט אלץ און הערט אלץ,
פון סטאלינעס זינגען די ליד.

ווי ס׳שפּאַנען די זונען אין פרילינג,
ער שפּאַנט איבער אונדזערע ערדן,
און דרייסטקייַט און יאָנטעוו פארזייט ער
אין גליקלעכן בלייִקן סאָד.
איז לאָמיר, כאווירים, א זינג טאָן
די ליד פון דעם גערטנער דעם בעסטן,
דעם סאמע באליבטסטן און קלוגן,
פון סטאלינעס זינגען די ליד.

געגעבן דאָס גליק אלע פעלקער,
דעם גרויסן געזעץ פון אָקטיאבער,
און לויטערע שטערן פון פרילינג
צעבליצט אפן גליקלעכן דאך.
איז לאָמיר, כאווירים, א זינג טאָן
די ליד פונעם נאָענטסטן מענטשן,
דער זון און דעם עמעס פון פעלקער,
פון סטאלינעס זינגען די ליד.

★ ★

ס. אלימאָוו

(אָרדענטרעגער)

פּאַרטיזאַנישע ווײַטמיזרעכדיקע

1. איבער טאָלן, בערג און פּליינען
די דיוויזיע האָט געשפּאַנט,—
אַפּ אַרויסיאָגן דעם סוינע
פון ביַי־יאַמער ווײַטן קאַנט.

2. גיסן אָן זיך רויט די פאָנען,
ווי פון בלוט דער לעצטער שפּור,
גייען רויטע עסקאַדראָנען—
פּאַרטיזאַנער פון אַמור.

3. יענע צײַט פון קאַנאָנאַדע
ניט פאַרגעסן ווערן וועט,
פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן
האָבן אײַנגענומען שטעט.

4. ווי אַ פײַערדיקער טורעם
וועט אונדז שטענדיק זײַן אין וועג,
יענע נעכט פון ספּאַסקער שטורעם,
וואָלאָטשײַעווקער געשלעג.

5. שוין צעקלאַפּט דעם פײַנט אַפּ שטענדיק
ביזן לעצטן אַטאַמאַן,
און מיט זיג דעם מאַרש פאַרענדיקט
אַפּן שטילן אָקעאַן.

★ ★

אסאד

רײַכקײַטן

(פון אזערבײַדזשאניש)

„מיר רימען זיך! — זאָגט רוסלאַנד מיט א שטאָלץ, —
סײַ ווײץ, סײַ אײַזן האָב איך אָן א שיר!"
„און קוילן! — זאָגט אוקראַיִנע מיט א שטאָלץ, —
הײבן זיך ווי הויכע בערג בא מיר!"

און ס'זינגט ווײַסרוסלאַנד אין די וועלדער: „קום!
די ביימער מײַנע וואקסן אומעטום,
אף יעדער בויונג — מײַנע ביימער־רום,
איז נעמט די סטויפעס, שפאַלן נעמט בא מיר!"

און ס'זאָגט אוזבעקיסטאַן מיט פרייד:
„ווי זון אין וואָלקנס, כ'בין אין פוך געקליידט,
פון פלאַקס א שטורעם אף די שכײנים גײט,
אין נײַעם אָנטוג וועט איר זײַן בא מיר!"

אזערבײַדזשאַן ווארפט נאָר אף אים א בליק:
„מײַן פלאַקס וועט צארטער זײַן אין שטיק,
ניט בלויז אין פלאַקס איז איצטער אונדזער גליק,
ס'איז נאָך דאָ עטוואָס מעכטיקערס בא מיר!
עס רוישט די נאַפט, ווי ס'רוישט א פרילינג־טײַך,
זי שײַנט אין שטעט מיט דער לעוואָנע גלײַך,
דאָס פאָנעם שווארץ, דאָס הארץ מיט יוגנט רײַך,

און היץ, און שײַן, און פֿלאַם איז דאָ בײַ מיר!
אין טיף פֿון ערד, אין טיפֿן ברויזט די נאַפֿט,
זי וואַנדערט אום ווי אַ געהיימע קראַפֿט,
און פֿליט אין הייך דורך וועגן, וואָס זי שאַפֿט!..
און צוימען יענעם שוואַרצן פֿערד
איז נאָר דעם אַרבעטער באַשערט!
באַשיידן שווײַגט אַצינד, מײַן פֿרײַנט, מײַן ליד,
וועגן די זײַד־פֿאַבריקן זאָגט זי ניט,
אין דופֿט פֿון סעדער שווײַגט מײַן צוויט,
זיי שווײַגן אין די אָרעמס דאָ בײַ מיר...
איך האָב טשאַלטיק [1]) און ווײַנטרויבן אַסאַך,
פֿאַר ברידער מײַנע טירן ניט כ׳פֿאַרמאַך,
פֿאַר פֿרײַנט איז דאָ אַן אָרט אונטער מײַן דאַך!
ס׳איז צען באַליבטע ברידער דאָ בײַ מיר!״

זאָל פֿרייען אײַך די ליד פֿון פֿרילינג־פּראַכט,
וואָס כ׳האָב אײַניינעם מיט מײַן סאַז [2]) געמאַכט,
נעמט צו אַ דאַנק פֿונעם אַשוג אַסאַד,
דערפֿאַר, וואָס איר האָט אים געהערט מיט אַכט!

★ ★

---

1) טשאַלטיק — רײַז.
2) סאַז — אַ מוזיקאַלישער פֿאָלקס־אינסטרומענט.

נ. אסייעוו

(ערדענטרעגער)

בודיאָנעס קאוואלעריע

פון וועג פון ביז אהעריקנ
קיינ טראָט צוריק, קיינ שטויס,
בודיאָנעס קאוואלעריע,
דיוויזיע פאָרויס!

כאָר:

בודיאָנעס קאוואלעריע,
דיוויזיע פאָרויס! (2)

פון דאָרעמ־הימל העלישנ
דו, היצ, ניט ברענ די קעפּ,
בודיאָנעס קאוואלעריע
צעוואָרפנ איז אינ סטעפּ.

כאָר:

בודיאָנעס קאוואלעריע
צעוואָרפנ איז אינ סטעפּ. (2)

ניט מיט רומ פונ עלטערנ
איז אונדזער יוגנט רייַכ,
אליינ געווינט מיט העלדישקייַט
זיכ ווארפנ אפ דעמ פייַנט!

כאָר:

אַליין געוווינט מיט העלדישקייט
זיך וואַרפֿן אין דעם פֿײַנט! (2)

ס'וועלן ווײַסע פֿאַרגעדענקען שוין
פֿון גראָזן דעם געוויש,
ווען כאַיל אַרבעט־פֿויערישס
צעיאָגט זיך אין פֿאָרויס.

כאָר:

ווען כאַיל אַרבעט־פֿויערישס
צעיאָגט זיך אין פֿאָרויס. (2)

ביט מיר דעם קריג מיר הייבן אָן,
נאָר פֿאַרגעסט ניט פֿערעקאָפּ!
און שאַרף געווער פֿאַרגרייטן מיר
אויף סוינעס ווילדן קאָפּ.

כאָר:

און שאַרף געווער פֿאַרגרייטן מיר
אויף סוינעס ווילדן קאָפּ. (2)

די צוימלעך קלינגען, וואָרענען,
דערמאָנען יענעם טאָג,
אַז יעדער מיִעסן וואָרעם דאָ
צעטרעטן וועלן טלאָ. (2)

כאָר:

אַז יעדער מיִעסן וואָרעם דאָ
צעטרעטן וועלן טלאָ. (2)

★ ★

נ. אסייעוו

מארש פון די רויטע פליִערס

.1

אפ ראכוועס פון סטעפּ,
אפ דעם שנייִקן שעטעכ,
אפ מידבערשן ברעג,
אפ דעם כוואלישן ראנד—
די פאָנען די רויטע
דורכ הימלען מיר טראָגן,
מיר, פליִערס פון ערשטן פון ארבעטער־לאנד!

.2

ס'האָבן הענט פון די שלאָגלערס
די פליגל געקליבן,
געזעצט דעם פּראָפּעלער,
געשטעלט דעם מאָטאָר.
דורכ שטורעמס,
דורכ וואָלקנס
יאָגן עסקאדריליעס.
מיר וועלן באהערשן די סטיכיישע וואָר!

.3

אינ הימלען, געשיקטע
פון פעלדער, זאוואָדן,

א שטאָלענע ריי
פונ קאָמיוגישער קראפט;
אינ אויסשפיר מיר גייענ,
אפ וואכטע,
אינ מארשנ—
באהערשער פונ מי אונ פונ גרעסטער מאכט.

.4

אינ וואָלקנס גייענ,
איבער לופטיקע שטיקער,
די בויונג מיר היטנ,
מיר שפירנ נאָכ שארפ,—
דאָס ארבעטער־לאנד
פונעמ סוינע פארהיטנ,
ניט געבנ
סאָוועטישע ערד
קיינ שפאנ!

★ ★

די באגעגעניש פונעם העלדישן עקיפאזש,

קינסטלער מ. ס. מאלצעוו

נ. אסייעוו

אוויאַ־מארש

פליגל פּאַלירטע — מיט בליץ!
אונדזער אעראָ! — באַשיץ!
אונדזער אעראָ,
די זוניקע ערע —
אונדזער אעראָ, באַשיץ!

זאָל אונדזער הארץ זײַן פארשײַט,
הודען זאָל האסטיק די ווײַט,
אָן גרענעץ זאָל רוישן
אין שטעטער אין גרויסן
פליערס אין הימלען — אין שטרײַט!

שטאָלענע מאכנעס ברייט
זײַנען אין הייכן צעזייט,
אונדזערע פּילאָטן
איבער די זאוואָדן
ראטנלאנד היטן — גרייט.

מיר בויען א לעבן פון מי,
פויגל אָקטיאבערשער — פלי!
אין שלאכט אין הארבער
פארן וועלט־אָקטיאבער,
פויגל אונדזערער — פלי!

סוינע דו בײזער, אװעק!
מיר פארהיטנ דעמ ברעג,
אונדזערע פילאָטנ
אפ ראכװעס צעשאָטנ,
ניטאָ שױנ קײנ שקלאפנ, קײנ קנעכט.

פליגל פאָלירטע — מיט בליצ!
אונדזער ארעאָ, — באשיצ!
אונדזער ארעאָ,
די זוניקע ערע —
אונדזער ארעאָ, באשיצ!

★ ★

נ. אסייעוו

זעקס און צוואנציק

(דעם אָנדענק פון די באקוער קאָמיסארן)

אפ אלע איז דײַן לייד געפאלן,
אכטשאָ — קומענער פערעוואל,
און שטרענג באטריבט איז יעדער בליק —
ס׳אונדזער קרוין אפ ערד דאָ ליגט.

אָ, מידבער, אפ דײַן וויסטן זאמד
דאָס הייסע בלוט האָט אופגעפלאמט,
ניט דעקן וועט די ערד דײַן שאנד,
און זע, דאָס רויטע בלוט צעגליט זיך,
ס׳וועט לעבן אייביק שאומיאן,
ס׳וועט לעבן אייביק דזשאפארידזע!

★ ★

אָסמאַנקול

סטאַלינען

מיט ווילן און מיט קלוגשאַפט ביסטו גרויס,
דײַן ווילן פירט אונדז אַלעמען פאָרויס,
אין אונטערערד ביסטו געווען דרייסט,
נאָך לענינען ביסטו געגאַנגען הייס.

דער אַרבעט־מענטש, ער קען דיך שוין פון לאַנג,
פאַר פרײַער אַרבעט שיקט ער דיר זײַן דאַנק.
דו האָסט פאַראייניקט אונדז און אונדז געפירט,
די פײַנט האָסטו געשטעלט פאַרן געריכט.

האָסט קיינמאָל נאָך קיין אָפּרו ניט געגאַרט,
דו און לענין האָט דעם וועג אונדז פרײַ געמאַכט,
און פלוצעם האָבן מיר דערזען,— אַרום
איז אויפגעגאַנגען אַ בליִענדיקע זון.

האָסט אַלץ געזען דורך שנייִיקע בוראַנען—
צוויי פינפיאָרן פון אונדזער גרויסן פּלאַן.
און דער, וואָס האָט געשריגן: ניין, און ניין!—
קריצט אַף אונדז מיט די פאַרפוילטע ציין.

אַ שטיצע ביסטו פאַר דעם אָרעמאַן, דעם העלד,
ס'האָט אונדזער לעבן העל זיך איצט צעבערענט,
און אָסמאַנקול דער דיכטער וועט ניט ווערן מיד
דעם פירער פונעם פאָלק צו זינגען הויך זײַן ליד.

★ ★

אן אָסעטינער ליד וועגן לענינען

געוועזן טויטן פריער אויך אסאך,
נאָר ער געשטאָרבן איז—אין הארץ איז נאכט,
צו קווורע, ווי א פאָטער, אים געבראכט,
די טרויער־פאָן פארנויגט בא אים דערנעבן.

עס אָטעמט הארבסט און ס׳ווערט די בלום פארוועלקט,
דער שטערן לעשט זיך, ווען דער מיזרעך העלט,
ס׳האָט יעדע זאך א סאָף אף אונדזער וועלט,
נאָר לענין לעבט און וועט אף אייביק לעבן.

ווען פון דעם אומגליק האָבן מיר דערהערט,
מיר האָבן טשערעדעס געלאָזן אין די בערג,
אראָפגעגאנ צו לענינען אהער,
ווו ער איז שטיל און שווייַגנדיק געלעגן.

זאָל וויען צווישן אייַז־פעלדער דער ווינט,
זאָל מיט נאכט דער אָפגרונט זייַן פארשפינט,
די זון פון לענינען אונדז אומעטום געפינט,
פון איר זייַן ווארעמקייַט מיר שעפן.

און סטאלינען, זייַן בעסטן פרייַנט,
פארטרויט האָט ער די שליסלען פון עם הייַנט,

אים אָנגעזאָגט: „צעשמעטער מײַנע פײַנט,
שטיי אפ דער וואכ פונ אונדזער גאנצנ לעבנ“.

אונ בא דעמ גרויסנ טרויער־אָרנ דאנ,
אפ ברוסט פונ פירער אָנגעשפּארט די האנט,
האָט סטאלינ פארנ גאנצנ לאנד
א שווּע דאנ אנ אײַזערנע געגעבנ.

אונ אָט די ברוסט, וואָס אומבאוועגט
געבליבנ רוענ איז מיט סטאלינס האנט באדעקט,
איז טײַער אונדז, זי אָטעמט אונ זי לעבט,
ווו ס׳בליַענ טאנענ, לאָרבערנ זיכ וועבנ.

זאָלנ שטערנ לעשנ זיכ, ווי נאָר דער מיזרעכ העלט,
זאָל בלומ פונ הארבסט־ווינט ווערנ גלײַכ פארוועלקט,
זאָל אלצ א סאָפ האָבנ אפ אונדזער וועלט,
נאָר לענינ לעבט אונ וועט אפ אייביק לעבנ.

★ ★

באָכער כאַטשאָ

(פון ארמעניש)

— באָכער כאַטשאָ,
הוילער כאַטשאָ!
אָנשטאָט דײַן פארשאָלטענעם שטיק שמאַכטעלײַ,
טראָגסטו א פרענטש, וואָס איז נײַער פון נײַ.
ווער האָט דיר געגעבן?
ווער האָט דיר געגעבן?

— דעם פרענטש, וואָס איך טראָג אף מײַן לײַב אזוי שיינ,
האָט לעניג געגעבן מיר, לעניג אליינ,
לעניג!

— באָכער כאַטשאָ,
קאַפּצן כאַטשאָ!
אָנשטאָט דײַנע זאָקן, צעפליקט און פארשמוצט,
טראָגסטו צוויי שטיוול מיט שוואַקס געפוצט...
ווער האָט דיר געגעבן?
ווער האָט דיר געגעבן?

— די שטיוול אָט די, ווי איר זעט זייער לענג,
האָט אויך אונדזער לעניג מיר, לעניג געשענקט.

— באָכער כאַטשאָ,
כאַוזער כאַטשאָ!

געווען ביסטו שווייַגנדיק, אָרעם און שוואַך,
ווו האָסטו גענומען דייַן כּאָכמע, דייַן שפּראַך?
ווער האָט דיר געגעבן?
ווער האָט דיר געגעבן?

— געווען אַ באַטראַק, פּלעג איך שווייַגן אַסאַך,
האָט לעניִן געשענקט מיר די זעלטענע שפּראַך,
לעניִן!

— כּאַוועך כאַטשאָ,
פּראָפעסאָר כאַטשאָ!
געווען ביסט פאַרגרעבט, ניט געלעבט, נאָר געקרענקט,
ווער האָט דיר דייַן לערע, דייַן וויסן געשענקט?
ווער האָט דיר געגעבן?
ווער האָט דיר געגעבן?

— אונדז אַלע, וואָס זייַנען געווען ווי די נאַכט,
האָט לעניִן, האָט לעניִן דאָס וויסן געבראַכט,
לעניִן.

— ווילער כאַטשאָ,
באַרימטער כאַטשאָ!
דו ביסט אונדזער טייַערסטער זאַנג אויפן פעלד!
דייַן אַרבעט אַ לענינשער אָרדען באַהעלט,
ווער האָט דיר געגעבן?
ווער האָט דיר געגעבן?

— פאַר אַלץ: פאַר מייַן מי, פאַר מייַן פלאַם, פאַר מייַן גאַנג,
אָט דעם לענינשן אָרדען, דער שענסטער געשאַנק,
האָט סטאַלין געגעבן מיר,
האָט סטאַלין געגעבן מיר,
סטאַלין!

★ ★

אפ אונדזער פעלד

(ארמעניש ליד)

אָט אפ די פלאכן
ערד־גרעבערס יונגע
מונטער און האסטיק
גראָבן קאנאלן...
יאָרן און יאָרן
אונדזערע פעלדער
פלעגן די שטראלן
ברענען, באפאלן.

ערגעץ געזאָדן
האָט דער אראקס דאָרט,
אָבער געטרוקנט
האָבן די פעלדער.
בייטן אָן פייַכטקייַט,
מענטשן אָן נערונג,
ליידן און ליידן,
מאטערניש שווערע.

נאָר ס׳איז געקומען
אונדזער באפרייַונג,
ס׳האָט אונדזער פרייַהייַט
פעסט זיך גענומען.

ווײַט שוין פֿאַרוואָרפֿן
הונגער און לאַסטן,
דאָרשטיקע ערדן
זײַנען באַוואַסערט.

ס׳גייען די נײַע
ליכטיקע יאָרן.
שטראָמיקע קאַנאַלן,
ברייטער צעפֿלייצט זיך! -

אונטער דעם העלן
הימל פֿון דאָרעם
פֿעלדער באַדעקן
בוימוואָל און ווייצן.

★ ★

אונדזער צײַט

(פון ארמעניש)

פון שטוב צו שטוב פלעגט גײן אמאָל שושאַן, —
א קעכערן, א וועשערן שושאַן געווען איז דאַן.

אַך, צײַט, דו צײַט,
שלעכטע צײַט, בייזע צײַט!

און די יעסוימימלעך, די קינדערלעך די ווילדע,
פלעגן אומגײן הונגעריקע, נאַקעטע און הוילע.

אַך, צײַט, דו צײַט,
אומגליקלעכע צײַט!

נאָר די ראטנמאכט האָט באפרײַט דעם אָרעמאַן,
אופגעלעבט און אופגעריכט געוואָרן איז שושאַן.

אוי, צײַט, דו צײַט,
דעם אָרעמאַנס גוטע צײַט!

אין קאָלווירט דער פאָרזיצער איז שושאַן געוואָרן,
זי פירט אָן מיט דרייסטקײַט, מיט פארשטאַנד מיט קלאָרן.

אײַ, צײַט, דו צײַט,
שײַנענדיקע צײַט!

ניט קיין דערפער, ניט קיין שטעט האָט קיינמאָל ניט געזען שושאַן,
איצטער פאָרט זי קיין טביליסי, פאָרט אצינד קיין יערעוואַן.

דאָס הייסט צײַט,
וווּנדער־צײַט!

א וועשערנ געווענ שושאנ אונ גאָרנישט ניט געהאַט,
איצט פאָרט שושאנ קיינ מאָסקווע, ווי אונדזער דעפּוטאַט.

היי, צײַט, דו צײַט,
אונדזער צײַט!

★ ★

מיקאָלא באזשאַנ

(אָרדענטרעגער)

אומשטערבלעכקייט

(פונ א פּאָעמע)

I

די קאספּישע ערד
איז איבערגעבּרענט אונ האַרבּאטע.
די סעדער פונ קארטאליניע
אינ ראָסע, אינ צוויט אונ אינ רו,
פארגליווערטע אָזערעס, שווערע, אייבּאטער,
דער ווירבּל־ווינט פונ באקו...

אָט דער ווינט האָט אינ קיראָווס צעוויקלטע פּאָנעס געבּלאָזנ,
געשטראָמט אונ דאָס זײַדנס געווייט אינ דער לופט.
אינ גראַווי, אינ סקריפּ פונ צעקוטשמעטע גראָזנ
דער קאָמאנדיר האָט די וועגנ געפּרווט.
ער פּלעג אהער קומענ אזוי אפ א ווײַלע אונ גאָר,
זײַנ בּורקע צעשפּרייט, עס שמעקנ מיט פּולווער די האָר,
אונ פּוכיק אונ פּראָסט איז די זאלציקע ערד מיט א בּלויקײַט באשײַנט,
דער כאַווער אונ פירער,
דער קאָמאנדיר אונ דער פרײַנט,
דעמ מינגרעל אונ דעמ טיורק, דעמ לעזגינ אונ שאכטיאָר.

ס'האָט געטונקלט. דער פּאטרול האָט געמאָסטנ די ערד,
מיט א שפּאַנ א פארטויבּטנ געמאָסטנ די שטילקײַט, די אָוונט־קאָלירנ.
אפ די טונקעלע בערג האָט געהויבּנ זיך קיראָוו,
פונ דער ווײַט האָט ער רוישנ פונ יאמענ געהערט,

מיט היץ האָט געאָטעמט די טרוקענע ערד,
די געזאַלצענע ערד, די אמאָליקע ערד
פון די נאפטענע גאָלד־זעק, די פירשטן, עמירן.

און ער זעט —
פון סוראכאנ
און דורך בורגושעט,
ביז גיאנדזשי
צעשלײַדערטע סאקליעס פון ליים,
ווי קײַלעכן, קובן, געמויערט
די קאסטנס מיט גיפט און מיט שלאָף,
די נעסטן פון דרוק און פון טרויער,
וווּ אפ קיזיקעס ווערט מען געבאָרן
און מע שטארבט אינעם זשאווער און הני.
ס׳איז מיט ייִעש פארקוואשעט דער קעז,
און דער גערשטענער קאָרזש און די מי.

ער הערט דאָ דעם ווערטער־געבירט
און דאָס רײַפן פון שווערע קאָנורקעס,
וואָס האָבן, ווי דוירעס, אין זומפן געזונקען,
אין בלינדקײַט, אין כליפּ.
ער הערט, ווי סע לערנט זיך זאָגן
אפ זײַן אייגענעם לאָשן דער טיורק
די ווערטער די נײַע: „סאָוועט“,
„מאנדאט“, „באָלשעוויק“ און „רעוועטריב“.

ער זעט פון דער ווײַט
די ספּיראַלן פון ווינט,
וואָס דרייען זיך, דרייען, ווי מילן.
אן אָפּיצער ליגט צעשאָסן
מיט זײַן שווונג מיטן לעצטן אין מיסט,

דעם דאשנאקישנ מאוזער
הערט ער אינ סאקליעס נאָכ בילנ.
ווי וועלפיש עס שאַרכט אינעמ קוסט
די פאפאכע פונ מוסאוואטיסט!

די שלאכט איז געגאנגענ צומ סאָפ.
אונטער סטעפעס צעלעכצטע,
מיט עקבערס צעעקבערטע
העט ביז דער זאפטיקער טיפ,
פונ דער ערד איז געקראָכנ די הויט,
האָבנ הרודעס געדוקט זיכ, געקרעכצט,
איבער ווייטנ געשוואָלענעמ גרונט
איז געוואקסנ א ריוו נאָכ א ריוו.

ס'געאָלאָגישע בלוט.
דאָס פעטס, וואָס די אייביקייט שמעלצט עס, די סמאָלע,
וואָס גייט פונ די גרונטנ,
דאָס פעטס פונ די טיפנ געזייעט.

„... דער עקבער, ער פעלט נאָכ אדאיעמ,
די ארבעט, זי בעט זיכ, ווי קיינמאָל.
איז ניט! — פאר ביוראָקראטנ אינ נאפט,
האלט מענ, איז איצט ניט די צייט!"
ס'איז א שווונג און אנ אָנגריפ,
ס'איז אָטעמ אונ רויש פונ מאָטאָרנ,
ענערגיע אינ טיפנ צעגאָסנ,
ענערגיע מיט ארבעט באררייכט.
„עכ, קריגנ בא דיר כאָטש נאָכ איינעמ
א שטראָמ, זאָלסט אינ רוישנ געבאָרנ,
מיט א קלונג אינ די פרישע ציסטערנעס
זאָל ארייַנ דער געפאנגענער טייַכ!"

און אָנגעשטרענגט זײַנען די פּלייצעס
אין שפּיל פֿון די מוסקלען די פֿעסטע.
עס סקריפּעט דער רימען פֿון ראַנעץ,
ווו ס'ליגן זיך שטענדיק באַנאַנד
אַ בלאָקנאָט פֿאַר נאָטיצן און פאָרמולעס,
איינס פֿון די זאַכן די בעסטע.
ווי אַ מעטראָנאָם, איז ער פּינקטלעך,
און דײַטלעך איז ער, ווי זײַן קאַנט,
אײַנפֿירן אַ מײַ־נומער „פּראַוודאַ"
געפֿינט אינעם רענצל אַן אָרט.
אַן אופֿרוף צו די טראַנסקאַווקאַזער
מיט לענינס געווינישן וואָרט,
אַ צעטריפּעטער באַנד מענדעלייעוו
„פּענסילוואַנישער נאַפֿטן־באַשטאַנד".
און דער גוטער באַגלייטער פֿון אָפּרו,
נעקראַסאָווס געקליבענער באַנד.

II

ווי יונג איז אַף דער וועלט איצט!
אַ שניי אין הייכן שפּרייט זיך,
ער טוט אַ קלונג אַ צאַרטן
און טוט אַ בליץ פֿאַרקלערט.
אָט לעשט ער זיך, אָט פֿליט ער,
אָט הייבט ער זיך און דרייט זיך
און פֿאַלט אין קאַלטער בלויקײַט,
מיט אומרו, אַף דער ערד.

עס טונקלט. אינעם פֿאָלקס־הויז
צעצינדן זיך די שויבן.
אַ מעכטיקער פּראָזשעקטאָר

טוט פלינק א שווים לעם זיי,
ער טוט א זעץ אין הימל,
אונ ס׳טוט א בלענד פונויבנ,
אונ ס׳שרעקנ זיכ די כמארעס,
פארשאָטענע מיט שניי.

אונ ס׳שטייט לעם בלויענ פענצטער
דער פירער פונ די מאסנ,
ער הערט דעם רויש דעם ברייטנ
מיט רויִקייַט אינ בליק, —
דער אָל איז גרויס, די זאָרגנ!
אינ רוישנ פונ די גאסנ
ער שפירט, ווי ס׳ווערט געבאָרנ
דאָס לעבנ אונ דאָס גליק.
אונ פריידיק איז צו קעמפנ,
אונ לייַכט אפ ערדנ שפאנענ,
אונ ס׳קומט דער טאָג דער נייַער
מיט ליכטיקייַט באשייַנט.

עס קומט דעקאב, דער ערשטער,
צום נייַעם טאָג געווענדט שוינ,
שטייט קיראָוו אופ. די שטאָרע
פארהייבט ער אפ צוריק:
— שטיי אופ, דו זונ, אונ ליכב אימ,
דעם שאפונג־גייַסט פונ מענטשנ,
אונ לעב אומשטערבלעכ לעבנ
פונ גרויסנ באָלשעוויק!

⁂

איז לעב אומשטערבלעכ לעבנ
אינ רומ, אינ הייליק־עכטנ

פון מענטש, וואָס איז געבאָרן
אפ אומברענגען דעם טויט,
אין לעבנס פון מיליאָנען,
צו זײַן איז זייער רעכט הײַנט,
ס׳איז זייער רום און נאָמען
אומשטערבלעכקײַט פארטרויט.

אונדז וועלן ניט פארהאלטן
קיין שאָסן, קיין פארברעכנס,
קיין רויבערישע נעשאָמעס,
קיין הינטישער געשוויר.
אפ אייביק זיי פארניכטן,
די שלאנגען, אָט די פרעכע,
א טויט דעם טויט, און לויבט עס,
דאָס לעבן אָן א שיר!

עס הייבן זיך אומשטערבלעך
די דענקער, העלדן־רייען,
א טאָג שטייט אוף אפ ערדן
מיט דוירעס הויך באשײַנט,
איז לעב, אָ, גײַסט פון לעבן,
זאָלסט קיינמאָל ניט פארגייען,
איז לעב אומשטערבלעך לעבן
פון באָלשעוויקעס־פרײַנט!

★ ★

מ. באַזשאַנ

21 יאַנוואַר 1924 יאָר

אינ טרויער
פלעצער,
פונ גאסנ די װענעס —
טשוהונענע טויערנ,
אונ די פאָנ, װי פײַער,
דער װינט צעשװענקט,
אונ א װאָרט אפ דער פאָנ הענגט —
ל ע נ י נ.
א טאָג
געפאלנ, —
א שװארצע פאָנ.
א שװארצער טאָג.
א שװארצע פאָנ.
א טרויעריקער מארש, א מינאָרער
האָט אופגעװעקט די שטאָט.
האָט דורכגעדונערט איבער װעלט דער גאָרער,
איבער שטעטלעכ, דערפער, פלעצער, שטרעקעס,
הארצ צו הארצ, אקסל צו אקסל.
דאָס לאנד איצט גײט,
א קאָמונע,

א קאָלאָנע,
דאָס לאַנד פון איליטש.
ניין, ניין, ער לעבט!
ניט געקרענקט, ניט טויט!
ער איז דאָ אין מיליאָנען געזיכטער!
בא מיליאָנען אין הארץ, אפ פאָנען אָן צאָל
גייט דורך דעם לאַנד איליטש.
די טרויער־פאָן צעוויקלט,
א צונויפגלי פון טרויער איז דאָ!
דעם פירער פון לאַנד
קאָמונעס,
קאָהאָרטעס
גיבן דעם לעצטן סאַליוט.
ס׳וועלן שפריצן לאָזונגען פון אנטענעס,
מיט לאָזונגען פארגיסן די וועלט:
לענינס
הארץ האָט דערברענט,
לענינען
דעם לעצטן סאַליוט!
צעדונער זיך, שרעקלעכע מינוט,
אלע דוירעס און פעלקער אלע:
21 יאנוואר.
זיבן אָן צען.
ווי א מעסער, ווי א רוף, די הימלען צעבּרען,
זאוואָדישע סירענע!
יעדער איינציקער ארבעטער היינט
סאַליוטירט אפן קיוּוער פון לענין.
די טרויער־פאָן זיינע געבראכט,
דאָס הארץ פארקלעמט מיט וויי,
שטייט ער אוף, א פירער אין שלאכט,
א מיליאָניקער לענין שטייט אוף!

לעני̇ן איז טויט. היל̇כנ אנטענעס.

לעני̇ן איז טויט — אפ יעדער קער!
עס לעבט דער מיליאָנ̇יקער לעני̇ן —
פסס̇ר.

* *

מיקאָלא באזשאן

★

שטייט א מענטש אין צעשטערנטן קרעמל, ער שטייט.
אין א פראָסטן שינעל שטייט א מענטש, אין א גרויען,
ס׳איז זײַן פּאָנעם באקאנט ווי א דערפל א שטרויענס,
ווי עס לעבט נאָר א שטוב אפ דער ערדישער ברייט.

העט אפ מײַרעוו, אפ מיזרעך, אפ צאָפן, אפ דאָרעם
ווי דער סימוואָל פון זיג, וואָס פאראייניקט אונדז איצט,
איז דער פּראָפּיל פון מענטש אין די צײַטן פארקריצט
און אין רוימ און אין הערצער פון פעלקער פון קלאָרע.

מײַן היימלאנד! ווי ס׳ברייטערט דײַן ווײַט זיך און שײַנט!
דײַן טרוימ, וואָס דו טרוימסט, אין די טאטן צעברוויזט זיך,
ער גייט מיט אונדז פּאָרוטש, דער כאווער, דער גרויסער,
דער פירער, דער נאָענטער, טײַערער פרײַנט.

דער נאָמען פון מענטש איז דער רופ פון מיליאָנען,
אין אויסיִעס אין זעקס לעבט די העכסטע אידיי,
דער ריזיקער ווילן ז׳פארגלידערט אין זיי,
דאָס היימלאנד פון מענטשן, מיט שטאָלץ אפן פּאָנעם...

מיט זײַן נאָמען זיך שלאָגן אפ טויט אָדער רויט —
און נידער מיט העלפטן, מיט דריטלעך און פערטלעך,
דעמ היימלאנד דערלאנג ניט קיין לײדיקע קווערטלעך,
נאָר די ריזיקע ווערטן פון לעבן און טויט!

★ ★

די ליד פון אומבאַוווּסטן באַכשי
פון דערוואַז

ווען ס׳וואָלטן שלאָגן אין מײַן ברוסט צוויי הערצער,
קיין מאָסקווע אַפּ מײַן פערד איך וואָלט זיי אָפּגעפירט,
און בײַ דער קרעמל־וואַנט איך וואָלט געזאָגט דעם וועכטער,
וואָס שטייט בײַ אָפּגעשליפטער שוועל און היט:
— מיט הערצער מײַנע צוויי געקומען כ׳בין פון ווײַטן,
זיי שענקען סטאַלינען אַהער האָב איך געבראַכט.
פאַרוויקלט אין מײַן טוך פון זײַדן־העלן גאַרטל,
זיי שלאָגן מיט אַ וווּנדערלעכער קראַפט.
דאַן וואָלטן הערצער מײַנע צוויי מיט פלאַם מיט העלן
זיך צעפלאַקערט, ווי דאָס גרעסטע האַרץ פון וועלט.

★ ★

מ. באַלאַטין

אין טורקמענישער זאמד

אין טורקמענישער זאמד —
אריקעס־געוויש,
ס'איז פריי שוין דאָס לאנד,
גייט מיט לידער פאָרויס!

פון כוישעכדיקן אמאָל,
פון קנעכטשאפט, פון שווערן אָל
צום נייעם לעבן שפאן,
סאָוועטן־טורקעסטאן.

ווו וואסער דאָרט לויפט,
ווו בוימוואָל מע קלויבט, —
זאָל לעבן די פרייע,
די פריילעכע מי!

דו בלי אין דוירעס אפ לאנג,
דו בלי אין פארטיקן זאמד,
דו בלי אין זוניקן לאנד,
סאָוועטישער טורקעסטאן!

★ ★

מ. באַלאָטין

די ליד וועגן טשאפאיעוון

1.

שווערע רעגנס פארגרויען דעם אַלטן אוראַל,
אין דעם שלאַכט גייט א פאָלק נאָך א פאָלק,
ס'קעמפט טשאפּײַ, דער נאטשדיוו, און זײַן שווערד הויך ער האַלט
פאר דעם פרײַען דעם ארבעטער־פאָלק.

2.

און דער סוינע, ער גרײַפּט, און דער סוינע, ער דראָט,
יעדע הייך, פון הארמאטן זי שפּײַט,
נאָר טשאפּיי טרעט ניט אָפּ און ער שענקט ניט קיין טראָט,
אין דער ריי אין דער ערשטער טשאפּײַ.

3.

ווען טשאפּײַ רײַט און יאָגט איבער סטעפּישער ברייט,
צי ער שטײַגט און אף הייכן ער פליט,
אין פאראקשנטן קאמף און אין נאכטישע רייד
זײַן איין איינציקן טרוים ער פארהיט.

4.

ס'וועט צעבליִען דאָס לאנד — אזוי טרוימט ער טשאפּײַ, —
ס'וועט אי רײַך, ס'וועט אי שטארק דעמלט זײַן,

אַך, ווי שיין איז דאָס לעבן, זײַן וויל איך דערבײַ,
אַך, ווי גליקלעך מײַן לאַנד דאָרטן שײַנט!

5.

קריכט א כמאַרע א שוואַרצע אַף סטעפּ אָן א סאָף,
אין דער שטיל קלאַפּן טלאָען טאָק־טאַק,
שלאָפט ניט, שלאַכט־לײַט, טשאַפּאַיעוו, ניט שלאָף!
ס'איז דעם טויט שיקט דער סוינע קאָלטשאַק!

6.

שווימט פאַרבלוטיקט טשאַפּײַ דורכן טײַך,
ס'האָט א קויל אים פאַרוווּנדעט די האַנט,
אָ, ניט רויש, אָ, ניט וויג, ניט דערטרינק מיך, אָ, טײַך,
עך, פאַרוואָס אַזוי ווײַט איז דײַן ראַנד!

7.

קרעכצן כוואַליעס און לויפן פאָרויס און פאָרויס...
ניטאָ קיינער... דער ווינט נאָר ער ברויזט...
ס'איז טשאַפּאַיעוו ניט טויט... ס'איז טשאַפּאַיעוו ניט אויס,
ווי א פאָן פירט טשאַפּאַיעוו פאָרויס!

★ ★

ה. בלאָשטיין

א געזאַנג צו סטאַלינען

די שענסטע בלום פון אונדזער לאַנד,
דעם בעסטן אין דער וועלט,
וואָלט איך מיט ציטער־פרייד דערלאַנגט
דעם בעסטן אין דער וועלט!

און ס'וואָלט דאָס גליק געוויגט מײַן שטים,
און כ'וואָלט אַזוי געזאָגט צו אים:

— די וועלט איז גרויס, די וועלט איז ברייט,
און ס'איז קיין ברעג פאַראַן;
נאָר אַזאַ פרייד, ווי אונדזער פרייד,
איז ערגעץ ניט פאַראַן.

ס'כאַפּט אויף זיך יעדער אינדערפרי
מיט אַ געזאַנג אין אונדז;
און אַ געזונטע וואַרט די מי
מיט אַ געזאַנג אַף אונדז —

אין שאַכט, אין שול און אין זאַוואָד,
אין פעטן פעלד, אין גרינער שטאָט.

און אַלץ, וואָס אונדזער מי געבוירט,
איז אַלעמענס און מײַנס.

און ס׳קוועלט די פרייד אין הארץ און יוירט,
אין אַלעמענס און מײַנס...

די שענסטע ליד פון אונדזער ערד,
דער בעסטער אף דער וועלט,
וואָלט איך געבראַכט צו זײַן געהער,
דעם בעסטן אף דער וועלט...

און כ׳וואָלט צו אים געזאָגט אזוי:
— ס׳איז אונדזער הימל קלאָר און בלוי,

ס׳איז אונדזער זון פון העלסטן ליכט,
און פרייד איז אין איר בליק,
ווײַל זי באַשײַנט דײַן ליב געזיכט,
ווײַל ס׳קוקט אף איר דײַן בליק!

און אומעטום אף גאָר דער וועלט,
ווו ס׳בלוטיקט נאָך די פּײַן,
גייט אופ דײַן וואָרט און ברענט, און העלט —
און לינדער ווערט די פּײַן.

און הייסער שטראָמט אין הארץ דאָס בלוט,
און העכער שלאָגט דער קוואַל פון מוט,

און ס׳ווערט צו לעבן גרינג און ליב,
און גיין צום זיג ארופ —
ווען ס׳בליט אין הארץ, ווען ס׳בליט אף ליפּ
דײַן שיינער נאָמען אופ...

★ ★

יאָהאנעס בעכער

די ליד וועגן דער רויטער פאָן

האָסט מיט פײַער געענטפערט אפ קייטן־געקלאנג,
זיך געוואָרפן טאליאָנים אין פאָנעם ווי בלוט,
אין דעם צארישן רוסלאנד — א צייכן פון דראנג,
אין דער פינצטערער נאכט זיך צעפלאקערט מיט גלוט.

פאָרויס איר, פאָנענטרעגער, פאָנען, ברענט!
פאר אלע די, וואָס זײַנען נאָך אין קלעם,
אין לעצטן אנטשיידענעם שלאכט —
מיר וועלן באווײַזן די מאכט.

ס׳האָט מיט גלײַכגילט נאָך קיינער אפ דיר ניט געקוקט,
מיט באגנעט דיך געשטאָכן, געפאלן מיט דיר,
און אין טפיסעס געגאנגען און אפ טויט אלץ פאר דיר,
און אין טורמעס האָט אופגעשײַנט ווידער דײַן בליק.

מיט א פלאמיקן בליץ איז דײַן פײַער ארוף,
אין אָקטיאבער זיך צעגלאנצט אפ די ארבעטער־הענט,
באריקאדעס אין בירגער־קריג האָבן דײַן רוף
איבער וועלטן צעטראָגן אין העלישן ברענ!

דאָרט פון יענער זײַט גרענעצן קאָעסט זיך דער פײַנט,
די פאשיסטן דאָרט גרייטן אן אָנפאל אפ אונדז,
נאָר אלץ ליכטיקער פון קאָמינטערן די שײַן
און פון רעוואָליוציעס דער שײַטער זיך שפרייט.

★ ★

פ. בראָווקאָ

(אָרדענטרעגער)

פעלדער

פעלדער, פעלדער! העליש גאָלד צעפלאָסן,
אונדזער ברודערש בלוט האָט אײַך באַגאָסן...
פעלדער!

בלוטן אונדזערע אײַך רײַך באַשאָטן...
פעלדער!

רײַטער אונדזערע אײַך גוט באַטראָטן...
פעלדער!

אוי, מ׳האָט ניט געאַקערט דאַן די בייטן...
פעלדער!

אוי, דער שוצגראָבן א ליד פלעג שפּרייטן...
פעלדער!

ניט קיין פויגל האָט די ליד געזונגען...
פעלדער!

קוילן האָבן פויגלדיק געקלונגען...
פעלדער!

און אַצינד אַף שעטעכן באַפרײַטע...
פעלדער!

אַקערן די טראַקטאָרס די באַנײַטע...
פעלדער!

דאָרט, ווו בלוט פאַרגאָסן איז געוואָרן,
פעלדער!

הייבט זיך, פעלדער, אוף מיט גאָלדן קאָרן!
פעלדער!

★ ★

מ. גאָלאָדני

פאַרטיזאַן זשעלעזניאַק

אין סטעפּעס כערסאָנער,
ווו הויך זײַנען גראָזן,
אין סטעפּ לעם כערסאָן א קורגאַן,
איז ליגט דאָרט אין שאָטן,
מיט ווילדגראָז פאַרשאָטן,
מאַטראָס זשעלעזניאַק־פּאַרטיזאַן.

געגאַן אַפּ אָדעס,
קיין כערסאָן אָנגעקומען,
דער פײַנט הייבט זיך אוף, ווי א וואַנט,
ס'איז לינקס ניט באַוואָרנט,
מאַכנאָווצעס פון פאָרנט,
און בלויז צען גראַנאַטן אין האַנט.

— איז, כעוורע, הערט אויסעט, —
געזאָגט האָט צו קעמפער
מאַטראָס זשעלעזניאַק, — ס'גייט א שלאַכט,
כערסאָן ט'זיך באַוויזן,
מיר האָבן נאָך שפּיזן,
גראַנאַטעס צען שטיק איז א זאַך.

געזאָגט האָבן כעוורע:
— עס דינען די שפּיזן,

גראַנאַטעס צען שטיק איז אַ זאַך.
מיט שטיקעס, גראַנאַטן
געזיגט האָבן יאַטן.
נאָר ס'בלײַבט זשעלעזניאַק אפן שליאַך.

אָ, פרײלעכע לידער
הײַנט זינגט אוקראַינע,
די יוגנט די גליקלעכע בליט,
אין זון־רויזן העלע,
דורך הימלשע שוועלן
אַ פויגל אַ שטאָלענער פליט.

אין סטעפּעס כערסאָנער,
ווו הויך זײַנען גראָזן,
אין סטעפּ לעם כערסאָן אַ קורגאַן,
איז ליגט דאָרט אין שאָטן,
מיט ווילדגראָז פאַרשאָטן,
מאַטראָס זשעלעזניאַק־פּאַרטיזאַן.

★ ★

מ. גאָלאָדני

די ליד וועגנ שטשאָרסנ

1

אנ אָטריאַד פונווײַטנ איז צו דעם טײַכ ארויס,
קאָמאנדיר געגאנגענ איז בא דער פאָנ פאָרויס.
אפנ ארבל — בלוט־פלעקנ פונעמ פײַנטס א שאָס,
אונ א שפור א בלוטיקער ציט זיכ איבער גראָז.
עכ! ציט זיכ איבער גראָז.

2

— יאטנ, וועמעס זײַט איר, פונוואנענ קומט איר אָנ,
ווער גייט א פארבלוטיקטער בא דער רויטער פאָנ?
— הייסע זינ באטראקישע, קעמפער זײַנענ מיר,
בא דער פאָנ, דער רויטער פאָנ: שטשאָרס — דער קאָמאנדיר.
עכ! שטשאָרס דער קאָמאנדיר.

3

שווער געוועזנ זײַנ לעבנ איז, הונגעריק אונ וויסט,
נאָר זײַנ בלוט, זײַנ העלדיש בלוט, גיסט זיכ ניט אומזיסט.
פונעמ לאנד פארטריבנ איז דער בייזער פײַנט,
שלאכט האָט אונדז פארהארטעוועט, שטארק זײַנענ מיר הײַנט.
עכ! שטארק זײַנענ מיר הײַנט.

1343—6

4

שטיל ווערט בא די ברעגנ שוינ. אונ די וויַט איז בלוי.
זונ פארגייט אינ מיַרעוו־זיַט, פאלט אפ גראָז דער טוי.
ס׳פליט די קאוואלעריע מונטער אונ געשווינד,
אונ די פאָנענ פלאטערנ רויטע אפנ ווינט.
עכ! רויטע אפנ ווינט!

★ ★

מ. גאָלאָדני

א ליד

אָט ווינטיק, אָט פּראָסטיק,
אָט שטיל און העל,
ס'איז איינע מאָסקווע
אין גאַר דער וועלט.

זאָל שוימען ווידער
דער קאָס מיט פלאַם
פאַר הייך, פאַר נידער,
פאַר ברייטן יאַם.

איז דרייסט הייבט דעם בעכער
פאַר שטרענגער וואַך,
פאַר שטייַגן העכער,
פאַר אונדזער זאַך.

הייב אויף די בליקן,
זע — אַרבעט קלעקט!
עלף רעפּובליקן
און שטעט אָן אַן עק.

און פלאַכן זיך שפּרייטן,
א קאַנט נאָך א קאַנט.

פרײַנט זינגען אין פריידן
אין אוקראַינער לאַנד.

איז דרייסט הייבט דעם בעכער
פאַר שטרענגער וואַך
פאַר שטײַגן העכער,
פאַר אונדזער זאַך.

ווי פיל איז געפאַלן
פון יענער צײַט,
מיט טויטן מיט אַלע
אין הייסן שטרײַט.

האָט כאָווער קלאָוס
די אויגן פאַרמאַכט,
און פיטע שולצע
געפאַלן אין שלאַכט.

איז גרייט אַ ענטפער
פאַר אַלע זיי,
און מיט די קעמפער
אין לעבן גיי.

דער נאָמען סטאַלין
זאָל אומעטום,
ווי אַ דונער, קנאַלן
אין צײַט פון שטורם.

דערגיין צו קריגער
פון אורוגווײַ
און טראָגן זיגן
ביז רויטן שאַנכײַ.

ער וועט אונדז שאַלן,
ווי אַ רוף אין נאַכט,
און זאַמלען אַלע
אין לעצטן שלאַכט.

זאָל קלינגען דער בעכער
פאַר שטרענגער וואַך,
פאַר שטײַגן העכער,
פאַר אונדזער זאַך.

★ ★

מ. גאָלאָדני

א ליד וועגן יוגנט

די יוגנט פון וועלטן
דערקענט מײַן געזאנג,
כ׳דערזע אונדזער יוגנט
אין מי און אין גאנג.

דורך טרוקעניש גייט זי,
זי גייט מיטן יאם,
אין ארקטיק, אנטקעגן
דעם פראָסטיקן פלאם.

דורך איר איז געשטורעמט
דער הימל, די ערד,
דורך איר די געזעצן
פון ערדן דערקלערט.

אפ איר, ווי די פאָנען,
די זון זיך צעפלאמט,
זי זעט, ווי דאָס לאנד מײַנס
אין אייביקייט שפאנט.

איז זינגט, קאָמאנדירן
און העלדן פון מי,

ווי הארץ הייבט אָן זידן,
ווי שטאָל איז אינ גלי.

ווי ס׳טראָגנ זיך קוילנ
פונ שאכטעס ארופ,
ווי ס׳הייבנ סירענעס
פונ פרי זייער רופ!

ווי ס׳פלאמט אונדזער הימל,
פונ קוימענס צעגליט,
די פרייד פונ די זיגנ
אפ ליפנ פארזידט...

פאָרויס, לייטענאנטנ!
פילאָטנ, פאָרויס,
איך זע, ווי מײַנ היימלאנד
מיט אייביקײַט ברויזט!

עס גייענ רויטפלאָטלער
א ריי נאָך א ריי,
קובאנער קאָזאקנ
אינ פאָלקנ מיט זיי.

עס גייט מיט אוקרײַנער
יאקוט אונ טאדזשיק,
אפ אלע דרײַ שפּראכנ
מע זינגט וועגנ גליק.

פונ טרוימענ פונ בעסטע
מיט ווירקלעכקײַט שמעקט,
ווי שיינ רויטער פלאצ האָט
זיי מאָסקווע אנטדעקט.

איך ליב פון מײַן היימלאנד
דעם אײביקן ברויז,
און סטאַלינען ליב איך,
ער גײט נאָר פאָרויס!

★ ★

סאווא גאָלאָוואניווסקי

די וועלט באזינגט דעם פירער

איבער ערדן געבלאָנקעט,
אף יאמען, קיין גרוס ניט געפונען.
איך וואָלט געקענט שוין
א זינג טאָן
אף ערדן
א ליד.
וויפל ווינט איז צעשאָטן
איבער ערדישע ווײַטע שפּארונעס,
וויפל שטורעם אין אויגן
פון רוישיקער וועלט איז צעבליט!

הונדערטער זונען האָבן געשײַנט
איבער מיר
אינעם העכסטן זעניט דאָרט,
און אונטער יעדערער,
יעדערער,
יעדערער
איז דײַן נאָמען מיט ליבע
צעבּרויזט.
וועגן דיר,

װעגן דיר װילט זיך זינגען
די לױטערסטע לידער,
און די ייִנגסטע פון זײ
מיט דײַן אָטעם דערװאַרעמען בלױז!

און װו כ׳זאָל ניט קומען,
און װו כ׳זאָל מײַן קאָפּ ניט א װענד טאָן,
װי קאָן מען ניט הערן,
װי לױטער,
װי יוגנטלעך שלאָגט
אין דער ברוסט פון דער ערד,
אין דער ארבעטער־ברוסט פון די לענדער
דאָס גרעסטע
און זוניקסטע הארץ,
װאָס די מענטשהײַט פארמאָגט!

דו שטײסט איבער אלץ!
אונדזער סטאלין, דער פירער און לערער!
ס׳טראָגט די פאָנען דאָס לאנד
צו דעם ציל,
װי דײַן פײַערדיק װאָרט,
און די װינטן פון צײַט
בלאָזן פון אלע װינקלען,
די װײַטסטע און טיפסטע,
שװימט דער שטראָם,
װי א ריזיקע שיף, װאָס פארגײט אינעם װײַטסטן פּאָרט

װיפל פרײַנטלעכע לידער
אין װעלט
כ׳האָב געקליבן,
װיפל װארעמע קלאנגען

האָב איך פון די ווײַטן
געבראַכט,
אין די ביכער פון זוניקן זומער
ז׳דײַנע נאָמען פאַרשריבן.
ס׳איז די זוניקסטע ליד
וועגן דיר, וועגן שלאַכט.
איבער רוימען פון עלבע,
אונטער כמאַרעס פון ריזיקע הימלען
האָבן לידער געקלונגען,
האָסט אליין ווי א ליד
זיך צעהויכט אין מײַן קלאַס.
איז א טרעגער געקומען
און זיך אויכעט פאַרוועבט
אין די הימנען,
און זײַן ליד האָט געהילכט,
ווי א טרוים
פון זײַן ווײַטן עלזאַס...

ווען ער האָט פאַרצויגן א ליד,
איז א שטילקײַט
אף ליפּן געלעגן,
מיר האָבן געכאַפּט יעדער קלאַנג,
די מוזיק איז געווען אומבאַקאַנט,
מיר זײַנען געווען ווי א וואַנט,
און פאַר אונדז פלעגן כוואַליעס זיך וויגן,
און די טרעגער פון ברעג
האָבן שטיל צו די לידער געשפּאַנט.

געזונגען האָט ער,
אַז מאַטראָסן איז צײַט שוין צו שפּאַנען,
אַז דער קאַמף,

ווי א וואכער פאטרול,
גייט ארום און צעשטורעמט די רו,
אז עס הייבט זיך דער שלאכט,
אז א גרויסע פארטיי איז פאראנען —
ס'האָט זי לעניִן געפעסטיקט,
און אצינדער
פעסטיקסט זי דו!
ער האָט זיי אין שלאכטן גערופן,
די זין פונעם שטיינערנעם געגנט,
און געזונגענע האָט ער
וועגן בייזן אנטשיידענעם שלאכט,
און פונקט ווי דו גלייבסט
אין דער יונגקייט פון קלאס
אף די זוניקע וועגן,
אזוי גלייבט די פארטיי און דער קלאס
אין דיין קלוגשאפט און מאכט.

דאָ האָבן זיך אלע צעמישט.
ס'איז א גרויער, א בייזער, א שלאנקער
ארופ דער ארטעלשטשיק
און געזאָגט פונעם בארג:
ס'איז צייט...
און עס גייט ניט די ארבעט!
דו האָסט קיין ראכמאָנעס ניט מער
אף דיין פרוי אף דיין קראנקער,
און דערפאר
וועסטו ברענגען איר ווינציקער
היינט
מיט א מארק!

האָט א הוידע געטאָן זיך דער האס,
און אין בלוט הייבט דער צאָרן אָן יוירן,

און א טרעגער געזאָגט האָט אים:
— רופסט צו פאראט,
כ׳בין ניט בלינד!
צי דאָס ווײַב איז געשטאָרבן, אלציינס,
צי דו ווערסט מיך שטראפירן,
נאָר די ליד
וועגן סטאלינען
וועל איך דערזינגען אצינד!

ס׳האָט עלבע געזען אסאך:
דעם נאָרד־אָסט
און די ווינטיקע ווונדן,
ס׳האָט עלבע געזען אסאך.
זי וועט אמאָל נאָך צעזינגען זיך גרויס,
ווי דער בייזער ארטעלשטשיק
איז שטיל אין די כוואליעס פארשוווּנדן,
און ווי אלץ וועגן דיר
האָבן לידער זיך ווידער צעברויזט!

און אויך דו, קאפיטאן,
דײַנע ווערטער אין הערצער צעפלאמען,
ניט געשראָקן פאר ווינט
און פאר פעלדזן, פאר באהאלטענער טיפ,
ווי אונדזער פארבאנד
פירסט ארויסעט די וועלט אף די יאמען,
ווי מע פירט
אין א שטאָרם ארויס
א געפאנצערטע שיפ...

ויפל פרײַנטלעכע לידער
כ׳האָב אין בלאָנקען אף ערדן
געקליבן —

פון די קאנטן בא אונדז
ביז די לענדער
פון נויט און פון פינצטערן וואָר,
און מיט וואָס פאר א פרײַנטשאפט
און ליבע
האָט געווארעמט זיי אלע
דײַן אָטעם, דײַן כאָכמע, דײַן וואָרט!
כ'האָב געשפאנט בא דעם דניעפּער,
ווי אף לייטערס,
אף פעלדז זיך געהויבן.
ס'האָבן שנייען געבלענדט,
ווי אף ביימער
דער עפּלשער צווייט,
אף דניעפּערשן דנאָ
וועגן דיר האָב איך לידער געקליבן
און אף פעלדזן אף העכסטע
וועגן דיר
כ'האָב געקליבן די ליד!

איך געדענק יענע טעג,
זאווערוכעס אף הילצערנע כאטעס...
ניט פארענדיקטע בלאָקן, —
און מיר מיטן שטורעם א ליד הייבן אָן.
דרײַ נעכט ניט געשלאָפן,
מיט קאמף און מיט מידקײַטן זאטע,
דרײַ טעג ניט גערוט,
ניט גערוט
און געלייגט דעם בעטאָן!

ס'ווארפט דער ווינט פון די פיס,
און דער שטורעם —
ער שטורעמט אָן אופהער

און דאָס פּאָנעם ער שטעכט,
און די מידקײַט פאַרשיט ער מיט שניי...
ניט אזא איז די צײַט
אפ אוועק פונעם פּאָסט, אפ אנטלויפן!
— צו דעם סטאַלינישן רעיד
האָט געדופן דורכ פרעסט די פּאַרטיי...
די פּאַרטיי האָט גערופן
מיטן וואָרט מיטן שטאָלענעם
— סטאַלין!
ס'האָט געדאכט, אז די וועלט
אפ א ריזיקן קריג
הייבט זיך אוף,
ס'האָט געדאכט, אז דער פרילינג
קומט אָן דורכ די שנייען צעכוואַליעט,
ס'האָט געדאכט, אז אין נאָמען
האָט מונטער געקלונגען
דײַן רוף!

ווי האָבן מיר דעמלט די קרעפטן גענומען
די יונגע
אין אָוונט אין שפּעטן?
וווהין איז די קלעפּיקע מידקײַט, ווי האָניק
פון לײַבער ארויס?
ווער האָט אונדז געלערנט
דעם בעטאָן דאָרט צעטאָפּטשען, צעקנעטן.
מיר האָבן געטאנצט
אפ אן אָרט,
נאָר מיר זײַנען געפלויגן
פאָרויס!

דו האָסט אונדז געהויבן צום שלאכט
פון דער טיפ.

פון די שנייען,
דו האָסט אונדז געפירט מיט דער פאָן
צו אנטשיידענעם סטארט,
דו האָסט אונדז געוואָרעמט אזוי.
ס׳האָבן קיינמאָל געפּילט און געזען
אזא ווארעם
די מאמעס, וואָס זײַנען ווי זונען שוין ווארעם
און ווי לויטערקײַט
צארט!

און ווען אומעטום
האָבן שטערן געלויכטן בארוטע,
מ׳האָט געמאָלדן:
— אהיים!
דער שלאכט איז געענדיקט אף גוט!
האָבן הויכע סירענעס
און קרעפטיקע שטימען,
אין פריידן פארקוטעט,
ווידער געזונגען
א לויב
צו דײַן עמעס,
דײַן קלוגשאפט,
דײַן מוט!

און ס׳איז קיינער,
ס׳איז קיינער,
ס׳איז קיינער
אהיים ניט געפלויגן.
מיר זײַנען אוועק אין רײַקאָם,
די רו פון די צימערס צעפליקט,
און מיר האָבן געטאנצט,
ס׳איז די מידקײַט אוועק פון די אויגן,

און די ערד האָט געציטערט
פון טענץ
און פון וווּנדער
און גליק.
ס׳איז געווען אזא נאכט,
וואָס זעלטן קומט אָן אזא צווייטע.
ס׳האָבן הערצער
אין לויטערע סרייפעס
געברענט,
און סרייפעס צעבלאָזן
אָן גרענעץ,
אָן מעזשעס,
אָן ווענט,
ווי פאָנען, וואָס ווייען
אפ ערדן אפ ברייטע,
ווי פאָנען פון זיג,
וואָס דו טראָגסט
אין די זיכערע הענט!

★ ★

1843—7

א. גאָנטאַר

סטאַלין

געזען האָב איך א זונ, וואָס מאַכט דעמ הימל ראָז,
וואָס מאַכט די פעלדער רײַפ און שמעקנדיק דאָס גראָז.

געזען האָב איך די טײַכנ יאָגנ פונ די בערג,
געזען האָב איך א בליץ, וואָס האָט א פעלדז צעשטערט.

געזען האָב איך דעמ יאַמ מיט וואַסערנ, וואָס כוואַליענ,
און דיך האָב איך געזענ — געזען דעמ פירער סטאַלינ.

ווענ די זונ גייט אופ, צעלאָזנ זיך די בליטנ,
אַז די זונ פאַרגייט — שיטנ זיי זיך, שיטנ.

נאָר דײַנ זונ פאַרגייט ניט אויך אינ די באַנאַכטנ —
דײַנע זינ און טעכטער טראָגנ זי אינ הארצנ.

אַז דײַנ ווילנ טראָגט זיך איבער שטעט אַרומעט,
וועט שוינ אינ קיינ פענצטער ניט אָנקלאַפנ דער אומעט.

אַז הער בליץ צערײַסט זיך אינ די הימל־צײַגנ,
צינדט ער אָנ די וועלדער און צעברעכט די צווײַגנ.

ווי א בליץ א שאַרפער קומט דײַנ וואָרט צו שווימענ,
הייבנ אָנ די סעדער העלער נאָכ צו גרינענ.

הייבנ אָנ די צווײַגנ צו דער הייך זיך יאָגנ,
הייבנ אָנ די הערצער האָפערדיק צו שלאָגנ.

אז עס רוישן כוואליעס אין די ברייטע יאמען,
ווערט א שיף שוין ערגעץ אינעם וועג זיך זאמען.

אז אין שטארקע כוואליעס טראָגט זיך אום דײַן ווילן,
ווערט דער גרעסטער שטורעם אינעם יאם זיך שטילן.

טראָגט זיך אום דײַן נאָמען איבער שטעט און יאמען,
און ס׳דערציילט דעם קינד א מײַסעלע די מאמע:

„לאנג, שוין לאנג — פארצײַטנס איז די זון אנטרונען,
לאנג האָט מען געזוכט זי, און זי ניט געפונען.

מ׳האָט געזוכט אין וועלדער, אין די בערג, אין הימל,
ניט צו זען, צו הערן פון דער זון קיין סימען.

און די גרינע צווײַגן האָבן זיך פארבויגן, —
ווער האָט עס בא זיי אוועקגערויבט די אויגן?

און די שיינע פייגלען קענען מער ניט פליִען,
און דער הויכער הימל ווייסט ניט פון שאריִען.

גייען אום די מענטשן בלינדע אף די וועגן,
טוליען זיך צוזאמען, טוליען זיך און פרעגן:

ווערט שוין מער קיין גרעזל אף דער ערד ניט בליִען?
ווערט שוין מער קיין פויגל אינעם הימל פליִען?

קוקט מען צו דעם הימל מיט פארבענקטע אויגן.
פלוצעם, אינדערווײַטנס, זעט מען: ס׳פליט א פויגל.

ברייט זײַנען די פליגל, מעכטיק איז זײַן פליִען,
אין די אויגן שטראלן ליכטיקע עס גליִען.

אָט איז ער שוין נאָענט, ס׳ווערט דער הימל לויטער,
ס׳ווערן האָריזאָנטן ליכטיקער און רויטער.

און די מידע ביימער הייבן אָן צו וואקסן,
ציִען אויס די קרוינען, גלייַכן אויס די אקסל.

פלוצעם איז דער פויגל אין דער הייך פארשוווּנדן,
און א זון אין הימל האָט ער אָנגעצונדן.

און אין אלע ענדן, און אין יעדן שטיבל
איז פון גאָלד דער שטראל אפ אייביק שוין פארבליבן".

פרעגט דאָס קינד די מאמע—ווו־זשע איז דער פויגל ?
און צום העלן הימל הייבט עס אוף די אויגן.

פון דער הויפטשטאָט מאָסקווע קומען העלע שטראלן,
דאָרטן וווינט דער אָדלער, ס'איז זייַן נאָמען סטאלין.

אז זייַן ווילן טראָגט זיך איבער שטעט ארומעט,
וועט שוין אין קיין פענצטער ניט אָנקלאפּן דער אומעט.

אז אין שטארקע כוואליעס טראָגט זיך אום זייַן ווילן,
וועט דער גרעסטער שטורעם אינעם יאם זיך שטילן.

און זייַן זון פארגייט ניט אויך אין די באנאכטן,
זייַנע זין און טעכטער טראָגן זי אין הארצן.

★ ★

וואַלעריאַן גאַפּרינדאַשווילי

(אָרדענטרעגער)

געדאַנק וועגן פּירער

עס יאָנטעווט די רוישיקע הויפּטשטאָט,
עס יאָנטעווט דאָס מעכטיקע דאָרף,
ווען ס׳הילכט איבעראַל פֿון דער הויפּטשטאָט
דעם פּירערס מוטיקע וואָרט.

זײַן נאָמען, ער פֿלאַטערט באַפֿליגלט
פֿאָרויס דעם פֿאָלק, ווי אַ פֿאָן —
אַן אָנזאָג פֿון קינפֿטיקע זיגן,
דער אָנהייב פֿון זיגרײַכן טאָג.

די גלאַנצן פֿון כוואַליעס, פֿון שטערן
אין בליק זײַנעם שטראַלן און שײַנען,
ביז ברעגן די לענדער ווערן
פֿאַרפֿולט מיט מונטערקײַט זײַנער.

די מי פֿון דער קריג פֿון יאָרהונדערט
אַף די רומפֿולע אַקסלען ער טראָגט,
פֿון מאַרקסן די גרויסע ירושה
באַוועגן איז אים פֿאַרזאָגט.

אי לענע, אי וואָלגע אים פֿרײַנטשאַפֿט ברענגען
דורך גייער פֿון גאָר דעם לאַנד,
סטאַכאַנאָווצעס אַף לאַנג פֿאַרגעדענקען
דאָס דריקן פֿון דער שטאַרקער האַנט.

און גרויסקײַט איז אייגנטימלעכ
די שטריכנ, געטאָקטע אינ שטיינ,
ער נייגט זיכ צו קינדער ליבלעכ —
א גערטנער צו בלומענ־בייט.

קורא האָט געזענ זי, זײַנ קינדהײַט,
מעטעכ האָט זײַנ יוגנט געהיט,
סיביר האָט מיט שטורעמ־ווינטנ
פארווייט אפ דעמ שניי זײַנע טריט.

זײַנ שטאָלענע שטימ איצט וואָרנט,
די וועלט פונ קרעמל זי הערט,
מיר וויסנ פעסט, אפ קיינ האָר ניט,
צוריק וועט ניט גיינ אונדזער ערד.

זײַנ אייצניקער שמייכל מאכט מונטער
און אלעמענ אונדז דערפרייט,
באמ וויגעלע יעדער מוטער
דערמאנט זײַנ נאָמענ מיט פרייד.

און גאָר דער געדאנק פונ זינגער
פארפולט איז מיט איינ פארלאנג:
זײַנ טײַערנ נאָמענ באזינגענ,
דעמ געני פונ מעכטיקנ לאנד.

★ ★

ו. גוסיעוו.

(אָרדענטרעגער)

פעלדער, איר פעלדער

פעלדער, איר פעלדער,
פעלדער, עכ, — איר גרינע פעלדער,
רײַטנ, אוי, איבער פעלדער העלדנ,
עכ, די דרייסטע העלדנ — רויטארמייער.

עכ — מיידעלעכ ווייגעו,
ס'איז זיי הײַנט אביסל סומנע,
ס'איז אפ לאנג אוועק דער ליבער,
עכ, דער ליבער אינ ארמיי אוועק איז.

עכ — מיידעלעכ, קוקט נאָר,
טוט אפ אונדזער וועג א קוק נאָר,
ס'שלענגלט זיכ דער וועג דער ווײַטער,
עכ, דער וועג דער פריילעכער, דער ווײַטער.

רײַטנ מיר, רײַטנ,
רײַטנ — אונ ארומ קאָלווירטנ:
דאָס זײַנענ אונדזערע קאָלווירטנ,
עכ, די דערפער אונדזערע די יונגע.

נאָר ווי מיר פאָרנ,
זעענ מיר א גרויע כמארע,

איבערן וואלד דער האס פון סוינע,
עך, דער האס פון סוינע, ווי א כמארע.

עך — מיידעלעך, קוקט נאָר,
מיר זיינען צו די שלאכטן גרייט שוין,
אונדזערע פערד — זיי זיינען פלינקע,
אונדזערע טאנקען זיינען שנעלע.

עך — ס׳פליִען פילאָטן
אינעם הימל נאָך דער כמארע.
שנעלע שווימען אונטערוואסער־שיפלעך,
עך, און וואכזאם היט אונדז וואָראָשילאָוו.

עך — זאָל אין קאָלווירטן
זידן אזא הייסע ארבעט:
מיר זיינען וועכטער הײַנט דאָ אלע,
עך, מיר זיינען בראווע, הייסע היטער.

עך — מיידעלעך, קוקט נאָר,
מיידעלעך, ווישט אָפּ די טרערן,
זאָלן נאָך שטארקער הילכן לידער,
אונדזערע קעמפערישע לידער.

עך — פעלדער, איר פעלדער,
פעלדער, עך, — איר גרינע פעלדער,
רייטן, אוי, איבער פעלדער העלדן,
עך, די דרייסטע העלדן — רויטארמייער.

★ ★

פּ. גערמאַן

אַלץ העכער

(אוויִאמאַרש)

אונדז איז באַשערט די בּרייט און ווײַט באַזיגן,
דעם וווּנדער־טרוים פאַרוואַנדלען אין אַ וואָר.
ס׳האָט אונדז פאַרשטאַנד געגעבּן בּרייטע פליגל,
אָנשטאָט אַ האַרץ — אַ פלאַמיקן מאָטאָר.

אַלץ העכער און העכער און שנעלער,
מיר שוועבּן מיט פייגל בּאַנאַנד,
און ס׳אָטעמט אין יעדן פּראָפּעלער
די רו פון סאָוועטישן לאַנד.

אין אונדזער גרויסן מוטיקן אַרופלי
די אַפּאַראַטן פירן מיר צעהעלט.
עס ווערט אַלץ שטאַרקער, פעסטער אונדזער לופט־פלאָט,
דער רויטער פלאָט, דער ערשטער אויף דער וועלט.

אַלץ העכער און העכער און שנעלער,
מיר שוועבּן מיט פייגל בּאַנאַנד,
און ס׳אָטעמט אין יעדן פּראָפּעלער
די רו פון סאָוועטישן לאַנד.

דער שאַרפער בּליק דרינגט דורך אַ יעדן אַטאָם,
און יעדער נערוו איז מיט געוואַגטקייט רײַך,

איז גליַיכט־זשע אונדז: אף יעדן אולטימאַטום
וועט אונדזער לופט־פלאָט אָפּענטפערן גלייַך.

אלץ העכער און העכער און שנעלער,
מיר שוועבן מיט פייגל באַנאַנד,
און ס׳אָטעמט אין יעדן פּראָפּעלער
די רו פון סאָוועטישן לאַנד.

★ ★

גרוזיע

דער אָקטיאַבער האָט זוניק זייער
אונדז געמאַכט דאָס לעבן,
די באַלעגופים און ליידיקגייער
אין קאַלנער אַרײַן געגעבן.

אַלע אומריינע, פאַרהאַסטע,
פירשטן, גאַלאָכים, פאַרעטער
אין שמוץ אַרײַן, אין מיסט־קאַסטן
צוזאַמען מיט זייערע געטער!

און צעבליט האָבן די שטעט מײַנע
מיט לידער סאַמע פרײַסטע,
מיט עלעקטרע־זונען שײַנען
די דערפעלעך די ווײַטסטע.

רוסלאַנד איצט און גרוזיע,
מיט פרײַנטשאַפט געשמידטע,
אין פאַרבאַנד פון ראַטן
גליקלעכע צעבליטע.

און מיר האָבן זיך פאַרטרויעט
אונדזער גרויסן פירער,

אונדז אין שלאכטן און אין בויונג
ער זאָל שטענדיק פירן.

אז בא אונדזער גרויסן סטאלין
גליק און פרייד זאָל שטענדיק שטראלן
איבער אלע, אלע פעלקער.
און די סאָנים און פארעטער
זאָלן אומקומען און פאלן.

★ ★

אײַ־גאַזי [1]

(אַ דאַרגינער ליד)

ליגסט אַצינד, אײַ־גאַזי,
און מיר שטײן, אײַ־גאַזי;
מיר װעלן באַצאָלן פאַר דיר,
אײַ־גאַזי!
װי מעטאַל ביסטו יונג געװען, רײן,
אײַ־גאַזי!

פאַרן עמעס, װי מיר, פלעגסטו שטײן,
אײַ־גאַזי!
װעט דען העלפן אַצינד דער געװײן,
אײַ־גאַזי?
ב׳אַזאַ נאַכט װערט פאַרקילט דײַן געבײן,
אײַ־גאַזי!
פאַרטיזאַנער דיך רינגלען אַרום,
אײַ־גאַזי!
נאָר דו הערסט ניט, דו שװײַגסט, דו ביסט שטום,
אײַ־גאַזי?
װאָס שטײט עס דײַן פערד בײַ דער זײַט,
אײַ־גאַזי?

---

1 אײַ־גאַזי — אַ רויטער פאַרטיזאַן, װאָס איז העלדיש אומגעקומען אין שלאַכט קעגן די װײַסע באַנדיטן אין דאַגעסטאַן.

עס ציִען זיך הערצער אין שטרײַט,
איַי־גאזי!
איבער בערג די לעוואָנע גייט אוף,
איַי־גאזי!
און דער נאכטישער וועג טוט א רוף,
איַי־גאזי.
ליגסט אצינד, איַי־גאזי,
און מיר שטייען, איַי־גאזי,
מיר וועלן באצאָלן פאר דיר,
איַי־גאזי!

★ ★

ל. דזערזשינסקי

פון גרענעץ און ביז גרענעץ

פון גרענעץ און ביז גרענעץ,
פון איין יאַם ביז אַ צווייטן,
עס נעמט די ביקס שוין
דאָס אַרבעטער־פאָלק.
דאָס פאָלק, וואָס דערוואַכט,
ס'איז גרייט אויף אַלע פײַנט,
ס'איז גרייט אויף געוואַגטקייט,
ס'איז גרייט צו דעם לעצטן שלאַכט.

פאַר ערד און פאַר פרײַהייט,
פאַר ליכטיקן גורל
מיר גייען אויפן פראָנט,
מיר ווייסן פאַר וואָס:
פאַר אַלעמענס זאַך.
פאַר ערד און פאַר פרײַהייט,
פאַר ליכטיקן גורל
שוין גרייטע צום לעצטן שלאַכט.

★ ★

דזשאמבול דזשאבאיעוו

(אָרדענטרעגער)

מײַן היימלאַנד

דזשאמבול איז אצינדערט שוין נײַנציק אלט,
נאָר פעסט אינעם זאָטל דזשאמבול זיך האלט.
ער קומט אין זײַן טײַערער היים קאזאכסטאן,
ווו אלץ איז אין פריידן אפסנײַ אופגעגאן.
מיט ערע באגעגנט זײַן פרײַנט דער אאול.
— נעם ווידער די דאָמבּרע, זינג לידער, דזשאמבול!
אורייניקלעך קומען און אייניקלעך פיל:
— נעם, פאָטער, די דאָמבּרע און זינג אונדז און שפּיל!
אין פאָלק מײַן נעשאָמע די לידער געפינט,
און כ'זינג פארן פאָלק מײַנע לידער אצינד:

.. ס'האָבּן נײַנציק יאָר זיך טאבונען גענערט,
און נײַנציק יאָר האָט געבליט אונדזער ערד,
און נײַנציק יאָר אין די כמארעס און בּערג
האָבּן פויגלען די לידער געמערט.
נײַנציק יאָר שוין די ווישקעס איך האלט,
ס'האָבּן נײַנציק יאָר געמאכט מיך אלט,
כ'האָבּ נײַנציק יאָר מײַן פערד געהיט
אף קומען צום גרויסן שניט...

און קוקט, ווי מײַן קאָפּ איז שוין זייער גרוי,
און קוקט, ווי מײַן באָרד איז שוין ווײַס אזוי,



די אַנפירער פון דער פארטיי און רעגירונג אפ דער דעקאדע פון דער קאזאכישער קונסט.

קינסטלער — פארדינסטפולער קונסט-טוער וו. נ. פ ט ש ע ל י נ.

און קוקט — אין די אויגן איז וואסער און בלוט.
איך האָב אַפ דער ערד ניט גערוט!

ניט געזאָטלט מײַן שטאַם האָט קיין סטעפּישע פערד,
געװוען איז מײַן פּאָנעם נאָר טרויער באַשערט,
נאָר כ׳האָב אין געװעטן געזאַנגען געשיקט,
די סטעפּישע זינגער באַזיגט.

הײַ, זאָג מיר, מײַן גורל, אויב דו ביסט ניט װײַט,
מיט װאָס כ׳קאָן דערמאָנען די פינצטערע צײַט?
כ׳האָב זיבעציק יאָר אין מײַן זאָטל געריטן,
אין אַ פרעמדער פאַרשאָלטענער צײַט,
כ׳האָב געשלעפּט זיך אַפ פרעמדער און נימעסער ערד
מיט מײַן מידן און אָרעמען פערד.

אומעטום האָט דער אָפּגרונט פאַרשטעלט מיר דעם װעג,
מײַן קאָפּ האָבן כמאַרעס באַלייגט יענע טעג,
געלאָזט האָבן שמערצלעכע שפּורן ביז גאָר
די זיבעציק ביטערע יאָר...

װיפל כאַנען געקענט האָט מײַן אָרעמער סטעפּ,
יאַמען טרערן פאַרשװוּנדן האָט מײַן אָרעמער סטעפּ,
מײַן פאָלק האָט געטראָגן באַטאָג און באַנאַכט
פון שטרענגע געזעצן די מאַכט.
ס׳האָט שטאַרק אונדז די װעלפישע באַנדע געפּלאָגט,
פון פעלדער די סטאַדעס פאַריאָגט...
ס׳פלעג קומען דער װילדער קוספּעגאַ, דער כאַן,
זײַן בלוט האָט געהאַט אין זיך שלאַנגיקן סאַם,
מיט נאַכט זײַנע אויגן פון כאַן אָנגעזאַפּט.
דער כאַן האָט דאָס מיידל דאָס שענסטע געכאַפּט,
און האָט זי געצװוּנגען אַ װײַב אים צו זײַן.
דאָס האַרץ האָט זיך דערמלט צעשפּאָלטן פון פּײַן.

ס׳האָט דאַן אין דזשײַליאַו [1] געשטורעמט אַ שטויב,
די אָזערעס האָבן געטון זיך אַ הויב,
און ס׳האָבן אין סטעפּעס מיט אומרו פאַרווייט,
די אָדלערס די פליגלען געשפּרייט.

היי, זאָג מיר, מײַן גורל, אויב דו ביסט ניט ווײַט,
מיט וואָס כ׳קען דערמאָנען די פינצטערע צײַט?
געלאָזט האָבן שמערצלעכע שפּורן ביז גאָר
די זיבעציק ביטערע יאָר.

געלעבט האָט אַבלײַ [2] ווי אַ בייזער שאַקאַל,
פלעג ער טאָן יעדער שטילן אַאול אַ באַפאַל.
ס׳האָבן נאָענטע לײַט אים די יורטע געהיט,
און ס׳האָבן סאָלדאַטן באַהיט אים די טריט.

דער ביי מיט אַבלײַען געלעבט האָבן פרײַ,
אַ זאָטל פון גאָלד האָט געשענקט אים אַבלײַ,
און דעם, וואָס פלעג שלעפּן די נויט אַף די הענט,
האָט ער ווי אַ סטעפּישער ווינטער געברענט...

בּאַ מיר איז אַן אַלטע געשיכטע פאַראַן.
אַ ווײַב פאַר זײַן זינדל געפירט האָט דער כאַן.
געריכט האָט די שיינהײַט פאַרויס אַף אַ פערד,
נאָך איר האָבן מידע געשלעפּט זיך די קנעכט.

דער גורל האָט אַלע אין צוים זיי געזעצט,
די שאָפ האָט מען העכער פון מענטשן געשעצט.
דער סטעפּ האָט געהערט יענעם שטילן געוויין,
די כאַנעס געשאָלטן מיט זייער געביין.

היי, זאָג מיר, מײַן גורל, אויב דו ביסט ניט ווײַט,
מיט וואָס כ׳קאָן דערמאָנען די פינצטערע צײַט,

---

1 דזשײַליאַו — דאָס זומערדיקע וואַנדער־געצעלט בּאַ די קאַזאַכן.
2 אַבלײַ — איינער פון די קאַזאַכישע כאַנען.

געלאָזט האָבן שמערצלעכע שפּורן ביז גאָר
די זיבעציק ביטערע יאָר.

ס׳געדענקט דזשאַנגערן [1] נאָך יעדער אַאול,
מיט קלאָג זײַנען סטעפּעס געווען דעמלט פול,
עס האָבן זיך שלענג אַף די וועגן געדרייט,
מײַן קאַנט האָט געדריקט אַ פאַרשאָלטענע קייט.

מיט רוסישן קייסער איז דזשאַנגער — דער כאַן
מיט אַ רוט און אַ נעץ אין אַאולן געגאַן.
זיי האָבן, ווי וועלף, אונדז געריסן, געשמיצט
און וווּנדן אין אונדזערע לײַבער געקריצט.

זיי האָבן די פעלדער מיט בײַטשן פאַרטריבן,
זיי האָבן די טײַכן די שענסטע געראַבעט,
די בעסטע טאַבונעס פאַרפירט אין דער פרעמד,
אַפילו די וועגעלעך האָט מען פאַרברענט...

געלאָזט האָט מען וויסטעס פאַר אונדז נאָר און זאַמד.
דאָס האַרץ פונעם פאָלק האָט פון ווייטעק געפלאַמט,
זיי האָבן געטיילט עס, געגאַשט פון די פרוכט,
דאָס פאָלק האָט אומזיסט דאַן דעם עמעס געזוכט...

היי, זאָג מיר, מײַן גורל, אויב דו ביסט ניט ווײַט,
מיט וואָס כ׳קאָן דערמאָנען די פינצטערע צײַט?
געלאָזט האָבן שמערצלעכע שפּורן ביז גאָר
די זיבעציק ביטערע יאָר.

אין סטעפּ איז געקומען אַ נײַע געפאַר,
אַן עלטסטן אין וואָלאָסט געשיקט האָט דער צאַר.

---

1 דזשאַנגער — איינער פון די קאַזאַכישע כאַנען.

א שלעכטער, א בייזער, דער טײַוול אליין,
מיט אים קומט דער סטאראָסטע, אויך ווי א שטיין.

דער ריכטער אליין קומט אין יוכטע פון בײַ,
אפ קישעלעך ווײַסע די נאכט איז פארבײַ,
ס'האָט אין קעסלען געזאָטן די וואסער מיט לוסט,
א מעדאל האָט באם ריכטער געגלאנצט אפ דער ברוסט.

דער בײַ איז געזעסן א ווײַסער, ווי קרײַד,
אפ טעפּיכער בונטע, פארזונקען אין זײַד,
א טײַערע קויסע, מיט פוקסן באמאָלט,
אין איר האָט קומיס זיך געפינקלט מיט גאָלד.

. . . .

קיידיי־בישארא [1], ווי א שאָטן זעט אויס,
פון שטעכיקן העמד קריכט דאָס לײַב זײַנס ארויס,
מאלײַ־בישארא מיט א דאָמברע און בײַטש
גייט נאָך נאָך די מעכטיקע סטאדעס פון בײַ...

ס'האָט זומער די זון אים געבראָטן, געבריט,
ס'האָט ווינטער דער שניי אים פארשאָטן, פארשיט,
און זײַן ווײַב און די שוועסטער מיט זייערע הענט
האָבן גאָר פאר דער בײַעכע שײַטערס צעברענט.

זײַן זינדל האָט אויך פון קיין לאסקע געוווסט,
דער גורל פון פאָטער האָט אים שוין געגרוסט,
ער האָט שוין געפּאשעט די שעפּסן פון בײַ,
אין הארץ האָט א ווייטעק געפרעסט אים, ווי בלײַ.

היי, זאָג מיר, מײַן גורל, אויב דו ביסט ניט ווײַט,
מיט וואָס כ'קאָן דערמאָנען די פינצטערע צײַט,
געלאָזט האָבן שמערצלעכע שפּורן ביז גאָר
די זיבעציק ביטערע יאָר.

1 קיידיי־בישארא — א קנעכט.

ווען זיבעציק יאָר מײַנע זײַנען אוועק,
האָבן לענין און סטאַלין די וועלט מיר אַנטדעקט,
האָבן גאָלדענע האָרנס די רופן געשפּרייט
— די אַרמיי פון די קנעכט פון די אייביקע גייט!
די גרויסע אַרמיי איז געגאַנגען אין שלאַכט,
פאַרנומענע פּאַלאַצן און טראָנען צעקראַכט,
די וועלפישע זיטן פאַרניכטעט, און שוין —
אין שמוץ איז געלעגן די גאָלדענע קרוין...

איז דעמאָלט אין סטעפּעס די זון אויפגעגאַן,
די זון פון מײַן פאָלק, קאַזאַכסטאַן!

זאָטלען קאַזאַכן די פלאַמיקע פערד,
צינדן זיך שײַטערס אויף שפּיצן פון בערג,
די היימישע מאָסקווע זאָל זען פון דער ווײַט,
ווי ס׳טראָגט זיך מיט בערג און מיט טאָלן פאַרשײַט
דער סטעפּ צו די ווײַטע, דיווירקלעכע פרײַנט.
ס׳האָט לענין אין הערצער אין אַלע געשײַנט,
ס׳האָט סטאַלין געלויכטן אין יעדערנס פרייד,
מיט אים האָט צעבליט זיך די סטעפּישע ברייט!
דאָס פאָלק האָט די נעמען אויף פאָנען געוויגט,
די בײַען, ווי פאַדלע, צעשמעטערט, באַזיגט.
דאָס פאָלק האָט געפליקט און געריסן דערבײַ
מעדאַלן, דעם קייסער אויף ברוסט פונעם בײַ!
כ׳האָב אין לידער די העלדישע יאָרן געלויבט,
אין זיי האָט מײַן פאָלק זיך געגעבן א הויב,
ס׳האָבן קוואַלן פון לעבן אין אים זיך צעברויזט,
עס איז גרויס און איז מעכטיק זײַן גייען פאָרויס!
און דעמאָלט אַפּסנײַ האָט מײַן האַרץ אויפגעלעבט,
מײַן טראָט האָט דאָרט שטאַרקײַט און יאָנטעוו געשעפּט,
די פינצטערע צײַט איז אויף אייביק פאַרגאַן,

א דאנק דיר, מײַנ סטאלינ, א דאנק, דאנישפאנ! [1]
דזשאמבול האָט אפ אײביק מיט גרויל זיכ צעשײדט,
א דאנק דיר, מײַנ סטאלינ, מײַנ פרײד!
פאָרט איצט דזשאמבול מיט זײַנ רײַכנ געשפאנ,
פאָרט איצט דזשאמבול אינ זײַנ הײמישנ לאנד,
פאָרט איצט דזשאמבול אפ זײַנ הײמישער ערד,
אפ א זאטנ, א סטעפישנ פערד.
מיט ערע באגעגנט זײַנ פרײַנט דער אאול:
— זינג העכער די לידער, דזשאמבול!
אינ זײ הילכט די קראפט אונ די יונגקײַט פונ דאָר,
פאר צוואנציק סאָוועטישע יאָר,
אינ אאול האָט קאָלווירטישע פרײד זיכ צעבליט,
אפסנײַ האָט מײַנ לעבנ צעבליט אינ אאול,
אינ אאול אינעמ פרעכטיקנ זינגט איצט זײַנ ליד
דער זאָקנ, וואָס האָט נאָר מיט קלאָלעס געשיט,
דער גליקלעכער זינגער דזשאמבול!

סטאלינ! צעקלאפט האָסט פונ סאָנימ דעמ גיר!
ליבער! דו ווינסט אינ נעשאָמע בא מיר!
ניטאָ באמ זשירש [2] קײנ פארגלײַכנ פאר דיר,
אונ בא אקינענ [3] די מײַסטערס פונ סטעפ.
ביסט העכער, מײַנ פרײַנט, פונ די קלוגסטע קעפ,
אינ ווערטער בא דיר איז עמעס אונ פלאמ.
ווי טונקל זעט אויס איצט דאָס וואָרט פונ איסלאמ.
געוואָלט כ׳האָב פארגלײַכנ דיכ צומ אָקעאנ.
אונ כ׳קאָנ ניט פארגלײַכנ דיכ צומ אָקעאנ,
דאָרט קענ זיכ פארלויפנ — אמאָל זאָל א שיפ,
א שיפ אינ א שטורעמ קאָנ גײנ אינ דער טיפ...
געוואָלט צו א שטערנ דיכ גלײַכנ, מײַנ פרײַנט,

---

1 דאנישפאנ — דער קלוגסטער.
2 זשירש — פאָלקס־זינגער.
3 אקינ — פאָלקס־זינגער — אימפראָוויזאטאָר.

נאָר כ׳קען דיך ניט גלײַכן צו שטערן, מײַן פרײַנט.
א שטערן איז ווי מיט א צוויאָק צוגעשמידט
און האָט זיך דאָס שטענדיקע אָרט, וואָס ער היט...
צו דער פּולער לעוואָנע דיך גלײַכן געוואָלט,
נאָר כ׳האָב אויך צו איר דיך ניט גלײַכן געקאָנט.
זי הענגט אינעם הימל פאַרקילט און פאַרשמאַכט
און שיקט אירע שטראַלן אַפ דר׳ערד נאָר בּאַנאַכט.
געוואָלט מיט דער זון, דיך פאַרגלײַכן מײַן פרײַנט,
נאָר כ׳קאָן צו דער זון דיך ניט גלײַכן מײַן פרײַנט.
עס קאָן אויך די זון דיר ניט דינען אַלץ פּאָר,
זי שײַנט נאָר אין טעג, ווען ס׳איז קלאָר...
סטאַלין! עס האָט ניט דער זאָקן צו דיר קיין פאַרגלײַך,
דו בּיסט ווי דאָס פײַער דאָס אײבּיקע רײַך.
איז נעם איך די דאָמבּרע און גיי אינעם סטעפּ,
די לידער פאַרזיי איך אין הערצער אַצינד,
צעוואַקסן זיך סטעפּישע לידער געשווינד,
דער שפּעטערער דאָר וועט געפינען אָט דאָרט
פאַר סטאַלינען ס׳פּאַסיקע וואָרט!

א דאַנק דיר, מײַן סטאַלין, אַדאַנק דיר, מײַן פרייד!
דזשאַמבּול האָט אַפ אײבּיק מיט גרויל זיך צעשיידט.
פאָרט איצט דזשאַמבּול מיט זײַן רײַכן געשפּאַן,
פאָרט איצט דזשאַמבּול אין זײַן היימישן לאַנד,
פאָרט איצט דזשאַמבּול אַפ זײַן היימישער ערד
אַפ א זאַטן א סטעפּישן פערד.
מיט ערע בּאַגעגנט זײַן פרײַנט דער אאול:
— זינג העכער די לידער, דזשאַמבּול!
אין זיי הילכט די קראַפט און די יונגקײַט פון דאָר
פאַר צוואַנציק סאָוועטישע יאָר!

* *

דזשאמבול דזשאבאיעוו

א ליד צו קאווקאז

טראָגט זיך באַגײַסטערט דזשאמבול אין א רײַזע,
טראָגט זיך דער דיכטער א גראָווער, א גרײַזער,
אופגעריכט, מונטער, א שטאָלצער, א דרייסטער.
גײַ איז זײַן דאָמברע, און פרײַ פילט זײַן גײַסט זיך.
טראָגט זיך דזשאמבול, זײַנע לידער זיך רײַסן,
ס'דרייט זיך די פרייד ארום אים, ווי אין קרײַזן,
און זײַנע פריידיקע לידער צו גאסט
ברענגט ער דעם בארגיקן גרויסן קאווקאז.

הייכן קאווקאזער געוויגט האָבן קלאנגען,
פון רוסטאוועלין די שטאָלצע געדאנקען.
קומט זי, זײַן ליד, דורך די פרײַע פארגאנגען
צו די קאזאכן — א ליכטיק געשאנק אָן,
קומט איר אנטקעגן דער סטעפּ מיט געזאנגען,
ווערן פון סטעפּ פון קאזאכער געשיקט
צו די גרוזינער די ווונטשן פון גליק.

אונטער דער סטאלינישער זון דער צעהעלטער
טראָגט זיך דזשאמבול מיט זײַן טרוים אף דער עלטער.
פאָרט צו דער שטאָט, ווו די פײַן האָט געוועלטיקט,
ווו ס'איז געבוירן דאָס גליק פון די פעלקער,

סטאַלין — דער אָדלער, דער לערער פון פעלקער.
נאָר די שטאָט האָט געשענקט אונדז דעם פרײַנט,
וואָס האָט די מענטשהײַט מיט פרײַנטשאפט באַשײַנט.

פליט מײַן נעשאָמע צו הייך דאגעסטאנער,
דאָרט אין אאול איז א ברודער פאראנען,
פליט, ווי א פויגל, צו מײַן סולײמאנען,
וואָס פאר זײַן פאָלק אלס אשוג איז אנטשטאנען.
וויל איך אים אויך אין מײַן ליד איצט דערמאנען, —
ס'האָט זײַנע לידער דער טויט ניט פארשטילט,
ס'קלינגט נאָך זײַן שטים אזוי מונטער און מילד.

איבער דער ערד זיך צעשפרייטן די טענער,
און מיט מײַן ליד, מיט דזשאמבולס, זיך באקענען.
פײַנער פון טעפּיכער פון נאסקאלענער,
העכער פון בערג פון אילײער און שענער, —
ליבע צום היימלאנד אין לידער אין מײַנע,
זוניקע בליקן פון סטאַלינעס שײַנען,
און מיט דער ליד — צו קאווקאז, וואָס איז פרײַ, —
גריסט אײַך דזשאמבול איצט אי הארציק, אי טרײַ.

אלמא־אטא — טביליסי.
17 — 26 דעקאבער, 1937 י.

★ ★

דזשאמבול דזשאבאיעוו

דעם כאווער מאָלאָטאָוו

ס׳פלעגט אופגיין א ליד אינעם סטעפ, אין אאול,
א ליד פונעם לאנד, וואָס מיט וויטעקן פול.
די ליד איז דורך דוירעס געקראָכן, ווי זאמד,
די ליד, וואָס מיט טרויער און פּײַן איז פארסאמט.

זיבעציק יאָר כ׳האָב געזונגען פארוויינט!
פאר הונגעריק פאָלק און אין הויז אין געמיינס,
אין יורטע, וואָס אלט איז און קאלט איז און נאס,
וועגן דעם לעבן, דער גרויזאמער לאסט.
מיט טרערן אין אויגן, געבויגן און מיד,
האָב איך געצויגן, געזונגען מײַן ליד!
פּלוצעם — אָקטיאבער. א וווּנדער געשעט.
די פרייד האָט געבראכט מיר דער מאָסקווער דעקרעט.

צום פלאץ פון אאול כ׳בין געקומען — פון דאן
זינגט מיט דזשאמבולן דאָס לאנד קאזאכסטאן.
פון דאן, ווי א יונגער, אין פריידן איך לעב.
די פריילעכסטע לידער מײַן היימלאנד איך גיב.

צעבליט האָט דער סטעפּ זיך, אזויווי א סאָד,
עס האָט מיך דאָס לעבן באשאָנקען מיט גנאָד.

א טעפּיך עס האָט מיר צעשפּרייט און צעשטראַלט,
א טעפּיך — פון כינע ביז בערג פון אוראַל,
עס האָט מיר די קנייטשן פאַריאָגט פון געזיכט.
דזשאַמבול גייט מיט יונגקייַט, דזשאַמבול גייט אין ליכט.
דעם פאָלק מייַנעם זייַנען אַפּ אייביק געשענקט
דאָס לאַנד מיט זייַן טיף, מיט זייַן ברייט, מיט זייַן לענג, —
קאַראַקאַפּייַ מיט זייַן קופּער, קאַראַטייַ מיט זייַן בלייַ,
די טאָלן פון בליִענדיקן אַלטייַ,
די אויצרעס פון ווייַסן אַלטייַער אַרץ,
פון קאַראַגאַנדאַ דאָס גאָלד, וואָס איז שוואַרץ[1],
פון עמבאַ דאָס נאַפט אין געדיכטן פאָנטאַן,
די טייַכן, די וועלדער פון קאַזאַכסטאַן,
דאָס גרויסע פאַרמעגן אָן ברעג און אָן סאָף,
די דופּטיקע עפּל, די שטראָמען מיט שאָף...
מייַן לאַנד איז אין בליִונג, מייַן לאַנד איז אין שייַן,
עס ווייסט ניט דאָס לאַנד מייַנס קיין נויט און קיין פּייַן.
די האַנט פונעם סטעפּ־מענטש די צוגן רירט
און דורך די מידבאָריעס די צוגן פירט.
אין סטעפּ די אַולן מיט נייַס זייַנען פול:
מאָסקווע באַגעגנט דעם זינגער דזשאַמבול.

נעם, כאַווער מאָלאָטאָוו, אויף מייַן געשאַנק —
מייַן פּאָשעט, באַשיידן און ליכטיק געזאַנג.
דייַן נאָמען אין האַרצן מייַנעם שייַנט,
לענינס שילער, סטאַלינס פרייַנט!
דו האָסט מיט זיי מיר געשאַפן דאָס גליק,
דו האָסט מיט זיי דעם דעקרעט מיר געשיקט,
האָסט ליכט אין מיליאָנען הערצער פאַרזייט.
דער זינגער פון פאָלק האָט געבראַכט דיר זייַן פרייד.

1 שטיינקוילן.

מײַן ליד הײַנט אין מאָסקווע דער הויפּטשטאָט וואכט:
„איך האָב פון קאָלווירטן א גרוס דיר געבראכט!
פון גליקלעכע סטעפּן א גרוס דיר געבראכט!
פון פאָלק כ'האָב א הארציקן גרוס דיר געבראכט!"

★ ★

שיקע דריז

די ליד פון א מוטער

מאָרגן וועט קומען דײַן טאַטע דער פליִער
אַף ליכטיקע פליגל אַף צוויי,
דײַן מאַמען און דיך וועט ער נעמען מיט זיך
און אַרופזעצן וועט ער אַף זיי.

אופזעצן וועט ער אונדז, וועלן מיר פליִען,
פליִען אַ טאָג מיט אַ נאַכט,
ביז ער וועט זאָגן — מיר זײַנען געקומען,
כ׳האָב אײַך צו די שטערן געבראַכט.

צווישן די שענסטע פון אַלערליי שטערן
דאָרט נעם דיר אַ שטערן אַראָפּ,
און טראָג אים אוועק צו דעם קרעמל דעם רויטן,
און גיב אים דאָרט סטאַלינען אָפּ.

וועט סטאַלין דיך פרעגן — ווו האָסטו גענומען
אַ שטערן, וואָס שײַנט אַזוי שיין?
זאָלסטו אים זאָגן — דאָס לעבן איז שענער,
דאָס שײַנט דאָך מײַן קינדהײַט אַליין.

וועט הענגען פאַרבלײַבן דײַן שטערן אין קרעמל,
נאָך שענער ווי פריִער צעהעלט,

צוריק צו דער מאמען דער פירער וועט ברענגען
מײַן יִנגעלע שײנס, ווי די וועלט.

וועט קומען דײַן טאטע דער פליִער צו פליִען
אפ ליכטיקע פליגל אפ צוויי,
דײַן מאמען און דיך וועט ער נעמען מיט זיך
און אוועקפליִען וועט ער אפ זיי.

פליִען און פליִען מיר וועלן א כוידעש,
א כוידעש און עפשער נאָך מיינ.
ביז ער וועט זאָגן — מיר זײַנען געקומען
צו גאסט צו דער זון דאָך אליינ.

צווישן די שענסטע פון אלערליי שטראלן
דאָרט נעם דיר א שטראל זיך אראָפ,
און טראָג אים אוועק צו דעם קרעמל דעם רויטן,
און גיב אים דאָרט סטאלינען אָפ.

וועט סטאלין דיך פרעגן — ווו האָסטו גענומען
א שטראל פון דער זון א געשאנק?
זאָלסטו אים זאָגן — דאָס האָב איך געשיקט אים
פאר לעבן פאר גליקלעכס א דאנק.

מאָרגן וועט קומען דײַן טאטע דער פליִער
אפ ליכטיקע פליגל אפ צוויי,
דײַן מאמען און דיך וועט ער נעמען מיט זיך
און ארופזעצן וועט ער אפ זיי.

★ ★

דאָוויד האָפשטיין
(אָרדענטרעגער)

א דאנק סטאלינען

מיר געדענקען, יונג און אלט,
מיר געדענקען דײַן געשטאלט
נאָך פון יענער ווײַטער צײַט,
קעגן קנעכטשאפט און געוואלד
האָסטו שטאָלץ געשפאנט אין שטרײַט,
האָט דײַן קוק געקוקט אין ווײַט.

דיר, סטאלינען, א ליוב מיר שיקן הארציק הײַנט,
פון שטאָלצן פרײַען פאָלק — דעם פירער און דעם פרײַנט.

מונטער קלינגט ער, אונדזער טראָט,
איבער אונדזער ראטן־שטאָט,
אף דער שטיינערדיקער מיט;
אף דעם פעלדישן בּאראָט
יעדער שטענגל איז באהיט,
מונטער קלינגט זי, אונדזער ליד.

דיר, סטאלינען, א ליוב מיר שיקן הארציק הײַנט,
פון שטאָלצן, פרײַען פאָלק — דעם פירער און דעם פרײַנט.

ס'האָט אזוי נאָך אונדזער ערד
אירע זוימען ניט גענערט,

1843—9

ניט געקעכלט יעדן זוים,
ווײַל מיט פרייד אפ יעדן קער
אונדזער ארבעט ווערט באלוינט,
אונדזער פרײַהײַט ווערט געשוינט.

דיר, סטאלינער, א לויב מיר שיקן הארציק הײַנט,
פון שטאָלצן, פרײַען פאָלק — דעם פירער און דעם פרײַנט.

און אצינד איז יעדער בליק
פול מיט גלויבן און מיט גליק,
פול מיט פעסטקײַט יעדע האנט,
ווײַל דו פירסט פון זיג צו זיג
אונדזער טײַער פאָטערלאנד,
אלע פעלקער האנט בא האנט.

דיר, סטאלינער, א לויב מיר שיקן הארציק הײַנט,
פון שטאָלצן, פרײַען פאָלק — דעם פירער און דעם פרײַנט.

★ ★

ד. האָפּשטיין

סטאַלינען

פון מענגען געפּלאָגטע, פון פעלקער פון שטומע
די הייסע דערוואַרטונג;
פון לעבן פון ביימער, וואָס גייט, וואָס וועט קומען,
די ליבע, די אַכטונג —
אין נאָמען אין דיינעם!
פון מאַמעס באַ וויגן אין לאַנגע אַשמוירעס
דאָס ציטריקע היטן;
פון קינדער פון קליינע, פון זקנים, פון דורות
די שטרעבונג צו פרידן —
אין נאָמען אין דיינעם!
פון מענער פון יונגע, פון פרויען פון צאַרטע
די הייסע געוועטן;
פון קעמפערס געטרייע, פון בויערס פון האַרטע
דאָס זאָרגן פאַר יעדן —
אין נאָמען אין דיינעם!
דער האַס דער צעגליטער פון ביטערע ציַיטן,
די פרייד פון אַצינדער,
די טרוימען די העכסטע פון צוקונפט פון וויַיטער
אַפ קינדס־קינדס־קינדער —
אין נאָמען אין דיינעם!

★ ★

סאמעד ווורגון

(אָרדענטרעגער)

קאווקאז

אָט פליט מײַן געדאנק צו דײַן הייך, צו די באַרג־פעלדזן איצט,
אָט פליט ער ארופ צו דעם העכסטן געשליפענעם שפּיץ,
אָט פליט ער אראָפּ מיטן באַרג־וועג, אזויווי א בליץ,
מײַן גרײַזגרויער פרײַנט, אורזיידע מײַנער, קאווקאז.

אין דײַן מעכטיקער ברוסט קלאַפּן ווינטן זיך אָן אין גאלאָפּ,
צו דיר אין דײַן שויס פליען פייגלען נאָך וואנדער אראָפּ,
און קומט אָן די נאכט, רוען וואָלקנס אפ באַרגשפּיצן אָפּ,
מײַן גרײַזגרויער פרײַנט, אורזיידע מײַנער, קאווקאז.

ווי גוט וואָלט געווען דאָ צו אָטעמען הימלשע לופט
און הערן, ווי ס׳קלינגט דאָ די זוניקע שטילקײַט און רופט...
נאָר ס׳לעבט דאָך אין אונדז דער זיקאָרן, ער רודערט אונדז אוף,
מײַן גרײַזגרויער פרײַנט, אורזיידע מײַנער, קאווקאז.

א פינצטערע הרודע פון פּײַן איז געווען דײַן גראניט,
געלעבט האָבן דאן דײַנע מייסים אין פּײַנלעכער ליד...
ס׳איז עמעצנס קייווער געווען יעדער שפּאלט, יעדער שניט,
מײַן גרײַזגרויער סוינע, אורזיידע מײַנער, קאווקאז.

געהוליעט האָט שטורמיש די גזיילע אפ וועג און אפ שטעג,
געמוזט האָבן מיידלעך אין קנעכטשאפט אין ווילדער אוועק.

עס האָבן דאָ פּרײַנטלעכע געלעבט דער מולא מיטן בעק,
מײַן גרײַזגרויער סוינע, אורזיידע מײַנער, קאווקאז.

און איצט ביסטו יונג אזוי, איצט ביסטו שפּאָגלדיק נײַ,
אינגאַנצן אין רויש, אינעם גאָלדענעם קוואַל־פּלאַפּלערײַ,
אינגאַנצן אין אַרבעט־געררודער פון שאַכט און געבײַ,
מײַן לײַבלעכער זון, מײַן יונגער באַגינען, קאווקאז.

★ ★

זײַט געזונט

(ווײַסרוסישע פאָלקסליד)

זײַט מיר און האָט מיר
און לעבט אינ אשירעס,
און מיר וועלנ פאָרנ
צו זיכ אינ די דירעס.

מיר האָבנ געהוליעט
מיט אלע צוזאמענ,
ס'האָט קיינער געזענ נאָכ
א יאָנטעוו אזא מינ.

בא אײַכ זײַנענ פעלדער
גערוימע און ברייטע,
מיר ווינטשנ אײַכ יאָרנ
מיט פריידנ פארזייטע.

מיר ווינטשנ אײַכ טײַכנ
מיט וואסערנ העלע,
זאָל שווימענ אפ טײַכנ
פונ גענדז א קאפעלע!

מיר ווינטשנ אײַכ אלעמענ
ארבעטנ ערלעכ,

אין הויף זאָלן פֿי זײַן
נאָך מערער פֿון קערלעך...

די פֿערד זאָלן שלאַנק זײַן,
ווי שטורעמס זיך טראָגן,
א הינדל זאָל געבן
אייער — א וואָגן.

איז בויט די קאָלווירטן
און לעבט אין אשירעס,
און ס׳זאָלן אזש פּלאַצן
פֿון רײַכקײַט די דירעס.

געשמאַק זאָלט איר עסן
און גוט זאָלט איר קאָכן,
קאַרטאָפֿליעס און פֿליישן
מיט קרויט אינדערוואָכן.

פֿון קאָרן אַפֿ פֿעלדער
זאָל פֿריילעך א רויש גיין,
און שמאַלץ אין די שאַפֿעס
זאָל קיינמאָל ניט אויסגיין!

אין פֿלאַם זאָלן זשומען
די גריוון די גרויסע,
און אויבן מע וועט דאַרפֿן,
זאָל זײַן אויך א קויסע.

די געסט זאָלן קומען
אין זאַטע פּאַרטאָגן,
אַפֿ אײַך זאָלן מענטשן
קיין בייזקײַט ניט טראָגן.

די ארבעט די גוטע
פון אײַערע רייען
זאָל שיין זײַן און הויך זײַן
און אַלעמען פרייען!

מיר ווילן נאָך לאָזן
איין ווונטש פאַרן פאָרן,
איר זאָלט אַלע יאָר שוין
א יאטל געבאָרן.

און אויב ס'וועט זיך טרעפן
א פּאָרל כאַלילע,
וועט קיינער קיין פאָרוווּרף
ניט מאכן אפילע.

מיר ווייסן שוין גוט
אײַער שטוב, אײַער געסל,
און געבן דאָס וואָרט אײַך,
אין אײַך ניט פארגעסן!

אזוי, צי אף יאָנטעוו
שוין קומען מיר וועלן,
און ס'וועלן מאטאָנעס
שוין דעמלט ניט פעלן!

★ ★

א. וולאדימירסקי

ליד וועגן העלדן

1

דאָרט אין סטעפּ אין פרײַעם,
ווו בודיאָנעס כאַיל
פאר דער מאכט פון ראטן
האָט דעם פײַנט באשטאטן,
ליגן דאָרט און רוען
אונטער ערד דער הארבער,
ליגן דאָרט און רוען
העלדן פון אָקטיאבער.

ניט אומזיסט איז עס געשען,—
פאר סערפּ און פאר האמער מיט מוט,
מיט קריג און מיט בראנד און מיט ברען
אף פעלדער פארגאָסן דאָס בלוט.

2

איבער טויטע ביינער
וואקסן ניט קיין גראָזן,
ווײַטן וועלן קיינמאָל
אשן ניט צעבלאָזן.
קרעפטן שטײַגן נײַע,
טראקטאָרס אין קאָלאָנעס,
קאָלעקטיוון פרײַע
אקערן, באַראָנען.
ניט אומזיסט איז עס געשען...

3

ניין, זי איז ניט שוואכער
אונדזער זאַך די שטאַרקע.
ס'וועלן וואַקסן, וואַקסן
קאָרן, ווייצן, פלאַקסן.
ווּ געפאַלן העלדן
אַפ די סטעפּ־באַראַטן,
דאָרט ווּ ביינער וועלקן,
ברויט וועט רייַך געראָטן.

ניט אומזיסט איז עס געשען...

4

אַן אַרמיי אַ פעסטע,
אַן אַ צאָל מיליאָנען,
זייער וועג דעם פעסטן
וועלן מיר דערקאָנען.

פאַר דער אַרבעט — אַלע!
אַז דער סטעפּ זאָל שאַלן!
שאַפט און קענט באַהיטן
אונדזערע קאָלווירטן!

ניט אומזיסט איז עס געשען, —
פאַר סערפּ און פאַר האַמער מיט מוט,
מיט קריג און מיט בראַנד און מיט ברען
אַפ פעלדער פאַרגאָסן דאָס בלוט.

★ ★

נאירי זאריאן

(אַרמענישער פּאָעט)

סטאַלין

האָמער באַזונגען האָט אכילן, רוסטעמען — פירדוסי.
באַגײַסטערט האָבן באַנאַפּארטן די פּאָעטן.
פאַרקריצט אין פינצטער האָבן בליצן זייער קאַלטן גלי,
געפלויגן זײַנען אינעם עטער טויזנטער קאָמעטן.

דער ליידנדיקער מענטש האָט ניט געזען פון טאָג די שײַן,
ס'האָט מארקס און ענגעלס אָט די שײַן געפונען.
ס'האָט לענין זיך געמיט, ס'זאָל העל די צוקונפט זײַן,
און דו, דו קלוגער פירער, האָסט באַשאַפן טויזנט זונען.

ס'וועט נאָכאַמאָל האָמער און פירדוסי זיך נעמען הייס, —
נאָר אײַער רום ניט אויסשעפן וועט זייער ליד.
אַף אַלע שפּראַכן פון דער ערד, איך ווייס, איך ווייס,
באַזינגען אײַער רום וועט דער פּאָעט ניט ווערן מיד.

און איך, דער לענינעץ, דער דיכטער פון ארמעניע,
געבראַכט כ'האָב פלאַם פון האַרץ און פון מײַן פאָלק דעם מוט —
דיר, דעם שמיד פון גליק, דעם אינזשעניער, דעם געני,
דיר, דעם גרויסן סטאַלינען, וואָס לעבט אין אונדזער בלוט.

באַם אָפּגרונט איז מײַן פאָלק געשטאַנען יאָרנלאַנג פאַרשמאַכט,
געפאָרעט זיך מיט פערל פון זײַן גרויס פאַרמעגן.

דער פײַנט געזויגן האָט זײַן בלוט, זײַן שווייס, זײַן מארך.
אין דוירעסדיקע קייטן האָט דאָס פאָלק געבלאָנקעט אפ די וועגן.

און די צעקלאפּטע הענט האָבן געזוכט די נעכט און טעג
אַן אויסוועג פון דער גרוב, וואָס האָט געוואָלט אונדז פאנגען.
נאָר ס'האָט אָקטיאבער פרײַ פאַר אונדז געמאכט דעם וועג,
און ס'איז די שטים פון לענין און פון דיר צו אונדז דערגאנגען.

געפאנגענע האָט איר א הייסן לעבנס־שטראַל געבראכט,
און דעם פארוויסטן פאָלק די לעבנס־טיר באוויזן.
דאָס פאָלק איז שטארק געוואָרן, די אקסל אויסגעגלײַכט,
געשטעלט זיך אין פאלאנגע, וואָס גייט צום קאָמוניזם.

אין טאָג פון לענינס טויט ז'דאָס הארץ געבליבן שטיין,
מיר האָבן באלד זיך צו דײַן גרויסער זון געלאָזן.
די שטראַלן פון די פאָרגייער, וואָס זײַנען לויטער־ריין,
האָסט אײַנגעזאפּט אין זיך און קיינמאָל ניט פארלאָזן.

דײַן נאָמען איז פאַר אונדז די סאמע שענסטע ליד,
וואָס רופט צו העלדן־טאט, באפליגלט אונדזער ווילן.
אין העלע, בונטע פארבן ארמעניע וואקסט און בליט,
די ארבעט־פרייד אין בערג וועט קיינמאָל זיך ניט שטילן.

און איך, דער זון פון בערג, דער זינגער פון ארמעניע,
געבראכט האָב דיר די ליבע, די ארבעט־פרייד, די ליד.
דיר, דעם שמיד פון גליק, דעם אינזשעניער, דעם געני,
דיר, דעם גרויסן סטאלינען, וואָס איז אונדז לײַבלעך, ליב.

★ ★

ל. זימני

די ליד אפֿן לינקאָר

אונדז אנטקעגנ גייט דער שטורעמ שווער,
קאַלטע טראָפּנס שמײַסנ אָנ אנ עק,
נאָר ניט טונקל ווערט דער גלאַנצ פֿונ רער,
אונ עס זשאַווערט ניט דער פּאַנצער־דעק.

צוזינג:

גייט איינ אָנגריף וואַל אַפֿ וואַל,
אונ דער שטורעמ קעמפּט אונ גאָר,
אויסגעווענ איינ יאַמענ איבעראַל
דער רויטפֿלאָטישער לינקאָר.

שטורעמ, שלאָג, מיט רעגנ גיס אונ שפּרייט,
שלײַדער שווערנ אײַז אַפֿ ברעג, אַפֿ שטיינ,
שטענדיק זײַנענ די רויטפֿלאָטער גרייט
ניט איינ לערע, נאָר איינ שלאַכט צו גייג.

צוזינג:

גייט איינ אָנגריף וואַל אַפֿ וואַל,
אונ דער שטורעמ קעמפּט אונ גאָר,
אויסגעוועג איינ יאַמענ איבעראַל
דער רויטפֿלאָטישער לינקאָר.

אפ די ברייטע יאמען כוואליעט אָן א צאָל,
אונדזער ליד אפ שיפן טראָגט זיך פריי,
פון דער מאסט ניט אָפרייסן קיינמאָל
אונדזער פאָן — אין שלאכטן רויט און טריי.

צוזינג:
גייט אין אָנגריף וואל אפ וואל
און דער שטורעם קעמפט און גאָר,
אויסגעוועוועט אין יאמען איבעראל
דער רויטפלאָטישער לינקאָר.

הילכיק פאלט דער קלאנג פון גלאָק אראָפ,
גיט דער ווינט די רויטע פאָן א ווײ,
אונדזער גרענעץ אפן יאם היט אָפ
רויטע שיפן שטאָלענע א רײ.

צוזינג:
גייט אין אָנגריף וואל אפ וואל
און דער שטורעם קעמפט און גאָר,
אויסגעוועוועט אין יאמען איבעראל
דער רויטפלאָטישער לינקאָר.

★ ★

גאלאקטיאָן טאבידזע

(אָרדענטרעגער)

איך רים די נײַערד

פונונטן — הויפנס שטיינער, בלעטער, קאשטאַנען, זשאָלודיעס — ס׳איז גרינ.
און הויך ארופ — א בארג זיך קלעטערט, א דיריזשאבל — איבער אים.
עס ווערט אפ אונדזער ערד פארגעסן די צײַט פון סאָכע און פון נויט.
א גליקלעך לעבן, ווי א פעסטונג, מײַן היימלאנד גרויזיג זיך בויט.
די סאָנימס אויגן — פול מיט טרויער, — וואָס קאָן שוין זײַן פאר זיי פארגרייט?
בא אונדז איצט שאלט געזאנג פון בויער, בא אונדז איז יאָנטעוודיקע פרייד.
דעם וועג צו הייכן זיך דערוויסט האָט מײַן פאָלק, און זיגעריש עס שפאנט
פון וווּנדערלעכער מי א מוסטער באווײַזט דער גאנצער וועלט מײַן לאנד.
מיר זעען בלי פון לאנד — און שטוינען: אזויפיל אוצרעס, וויפל פראכט!
און ס׳איז ניטאָ די קראפט, דער סוינע, וואָס זאָל עס בײַקומען אין שלאכט.
איך רים די ראכוועסן פון נײַערד, פון רישטאָוואניעס דעם דראנג,
דעם יונגן דאָר פון דעמבעס נײַע, איך רים דעם סטאלינישן גאנג.

★ ★

גאלאקטיאָן טאבידזע

אָקטיאבערשער אָרקעסטער

ס׳איז אין מײַן גאָרטן — פאר די בליצן —
א בוים געוואקסן אלט און פויל,
און, ווי אין רוסלאנד בא די פריצים,
האָבן אים צײַטן אויסגעהוילט.

נאָר ס׳קומט אָקטיאבער אָן אין שטרײַטן,
און ס׳גרינט מײַן גאָרטן פול מיט זון,
די אלטע דווירעס צו פארבײַטן
מיט שטורעם קומט א פאָלק א יונגס.

א יונגוואלד רוישט אין פרייד, אין גרינע,
ווו הוילער בוים האָט אָפּגעבליט,
און פון די פריצישע רויִנע
האָט זיך קיין צייכן ניט פארהיט.

און גאָרניט האָט זיך ניט פארהיט דאָ
פון אלץ, וואָס דעם געדאנק פארטעמפּט,
און קיינער האָט, מײַן קלאס פון מרידע,
געקענט פארהאמעווען דײַן טעמפּ.

דערמאן זיך: יאָרן לאנגע, שווערע,
דו האָסט געמיט זיך און געזוכט,
און די פארזייטע זוימען־קערנער
אונדז ברענגען רײַכע רײַפע פרוכט.

געזיגט. די אייביקײַט באַזינגט אונדז —
דאָס פאָלק, דעם זיגערישן קלאַס,
פאַר אונדז — די ליבע, און פאַר באַזיגטע —
דער סאַם פון אָנמעכטיקן האַס.

דאָרט — קריזיס, הונגער, נויט רעגירט דאָרט,
אַף יענעם ברעג געשרייען: „ברויט!״
דער הימל דאָרט — אַן עמאַלירטער,
די שיינקײַט — פאַרפּיומירטע הויט.

דאָרט איבער ערד פון האַר פאַרהאַסטן
קריכט אום די נויט פון שוועל צו שוועל,
ס׳שטיקט אַרבעטלאָזיקײַט, ווי אַסטמע,
מיט ביינערדיקער האַנט די וועלט.

די וויסנשאַפט דאָרט הויל און ליידיק איז,
די קונסט — געבראַכט צו שפּאָט און שאַנד,
פון סאָמנאַמבולישע מיסטעריעס —
אַ מעטאַפיזישער טומאַן.

ניט איין מאָל, דוכט, אין נאַכט־רוים פּלוצלינג
אַ בליאַסק אַף טאָג דאָס אויג דערזעט,
איך האָב פון פראַנקרײַכס רעוואָליוציע
געזען אין ווײַט דעם סילועט.

אָט, האָט געדוכט זיך, ווערט שוין העלער
פון גאַרער וועלט דער האָריזאָנט,
און ס׳האָט דער הימן פון די מאַרסעלער
געשליידערט נויט און נאַכט אין טהאָם...

און ווידער שמאַכט אין קייטן נײַע
דאָס פאָלק. פון פרײַהײַט ניט קיין שפּור...

דערפאַר איז קיין מוזיק מיר טײַער
ווי די אָקטיאַבער־אוּווערטיור.

און פול מיט גרויסער פרייד מײַן הארץ ווערט,
פון זינט מיר איז געוואָרן קלאָר:
די וועלט, געהילט אין נאכט אין שווארצער,
גייט אוף איצט פאר אן אנדער וואָר.

פון נײַ געקלאנג אן אופגעריכטע
האָט זיך די צײַט א ריס געטאָן,
אן אנדער ליד זי מאָנט באם דיכטער,
אן אנדער גוירל־וועג זי מאָנט.

און איך — פון קלאנגען־שפּיל אָ שלאָגלער —
בין צו א שלאָגלער־מארש געוווינט...
אָקטיאַבער, אין פויקן דונער, האָגל,
און אויך די טרויבן ניט געשוינט.

איז יובל, פלייט — באזיגט די סאָנים! —
שפּיל פײַערלעך, פרייד־פּאַגאָט.
און פורפור־רויט זײַט, פרײַע פאָנען,
די אלע יאָרן רויט געראָט.

און זאָלן די אָרקעסטער־קלאנגען,
ווי לאווע, טאָן זיך א צעגיס,
זאָל הילכן נאָכן טראָט און גאנג נאָך
דער קופער פונעם קאָמוניזם.

אָרקעסטערס אלע פון אָקטיאַבער,
איר זאָלט מיט קלינגענדיקן רום
אָן אופהער דונערן און קלאפּן,
מע זאָל אײַך הערן ווײַט ארום.

★ ★

דער יאַם האָט געקרעכצט

(פון טאַטעריש)

פינעף גאַנצענע מעסלעסן
האָט דער יאַם געראַנגלט, געשטורעמט,
אין אַ שוים, אין מוטנע שפּריצן
האָבן כוואַליעס זיך געהויבן,
זיך געשלאָגן מיט די שטערן
אין די ברעגן די שטשערבאַטע,
אין די פעלדזיקע גראַניטן.

פינעף גאַנצענע מעסלעסן
ווי פון היץ געקרעכצט דער יאַם האָט,
אַפּ זעקסטן זיך באַרויִקט
און מיט פליטערלעך באַדעקט זיך,
ווי מיט שווימענדיקער ליסקע.

ווען דער זעקסטער האָט שאַריִעט,
האָט אַ שוואַרצע טויב אין שנאָבל
אַ יעדיִעַ אָנגעטראָגן,
אַפּן ברעג אַ גרוס אַ שוואַרצן:
„לענין, לענין איז געשטאָרבן!"

האָבן ווידער צו פאַרנאַכט־צו
זיך געטראָגן און געדרייט זיך

אפנ יאמ די שטורעמ־פויגלענ,
ס׳איז א שטאָרמ אָנגעלאָפנ
אונ א גאנצע נאכט געשריגנ,
אונ געבראָכנ אלע שיפלעכ
אונ די מאסטנ בא די שיפנ.

ס׳האָט דער ווינט געוויט, געוויעט,
אונ אינ בערג־שפאלטנ אינ ווילדע
אפ יאילא[1] אינ סאָסנע־וועלדער
דער בוראנ האָט זיכ געטראָגנ
אונ פארווייט אינ טאָל די סאקליס,
אונ א טרויער־ליד געזונגענ
וועגנ טויט פונ גרויסנ לענינ.

מיט א בלויער ברייט בארינגלט,
ווי א מעס אינ וויסער טרונע,
האָט דער איו־דאג[2] דער שטרענגער
שטיל געהערט דעמ ווינטס געוויינענ, —
ווי א גוואר איז ער געשטאנענ,
אייביק ווי די ערד אונ וואסער.

אָט אזא איז אונדזער לענינ!
אינ מיליאָנענ, ווי אינ יאמענ
שטייט ער, ער איז אויכעט אייביק
ווי דעמ איו־דאגס גראניטנ.

★ ★

1. יאילא — דער נאָמענ פוג די שפיצנ פונ די קרי־
מער בערג.
2. איו־דאג — א בארג בא גורזופ (קרימ).

כאדי טאקטאש

(טאָטערישער דיכטער)

מיר נייען אויס א פאָן

גערוידמעט די קאָמיוגיסטקעס פון קאזאנער ארבפאק.

ס׳איז ווײַט שוין נאָך האלב־נאכט, פרימאָרגן קומט אָן, —
מיר נייען נאָך אלץ מיט פארקאשערטע ארבל.
מיר נייען הײַנט אויס
די רויט־פורפורנע פאָן.
אָט לייגן זיך סטעזשקעסווײַז אויס אין די פארבן
די פלאמיקע ווערטער פון פײַער און בראַנדז:
„דאָס אלץ, וואָס מיר האָבן אין שלאכטן דערשבערט,
אין גרויסן אָקטאָבער,
צו אָפּהיטן הייליק מיר גיבן דאָס וואָרט הײַנט".
באגלייט פון סירענעס פון שטאָלצע פאבריקן,
מיר גייען מיט לעבינשן וועג פון די זיגן
צו אונדזערע זיגרײַכע רומפולע יאָרטעג.
די פאָן אונדזער רויטע,
די פאָן, וואָס מיר האָבן אויסגענייט בונט דאָ,
וועט מאָרגן א פלאם טאָן אין הימלשן לויטער,
אזויווי א פויגל א פלאטער טאָן מונטער.
די זון וועט אונדז העל מיט א גליקלעכן שמייכל
באלײַכטן די יונגע פארברוינטע געזיכטער.
און מיר רופן אויס צו דער זון־ראָד געווענדט:
אָ, זון!
מיר קאָנען הײַנט געבן ניט ווייניקער ליכט דיר

פון העלישן פלאם,
וואָס אין הארץ בא אונדז ברענט.
ס'איז ווײַט שוין נאָך האלב־נאכט,
פרימאָרגן קומט אָן,
באלד נייען מיר אויס די רויט־פורפורנע פאָן.
שוין צוגעניים סטענגעס,
בונט ווי דער טרוים,
באצירט שוין די ראנדן
מיט גאָלדענעם זוים.
מיר אלע געדענקען:
די פאָן אָט די רויטע
מיר פלעגן באהאלטן
פון שפיקן, זשאנדארמען אין קעלערס אין קאלטע,
פארבלוטיקט געוואָרן אין שלאכטן, אין קריג,
אין קריגן געפירט האָט זי אונדז
און געזיגט.
זאָל זײַן, ס'איז די צוקונפט אין ווײַטן פארשטעלט,
מיר ווייסן, —
דער סוינע וועט פאלן א טויטער,
און גיך וועט די איינציקע פאָן אפ דער וועלט
זײַן אונדזער ארבעטער־פאָן אונדזער רויטע.
און גיך וועט זי פירן
אונדז אלע מיט מאכט
אין לעצטן
אנטשיידענעם שלאכט.
מיר גרייטן דערפאר דאָ
צום טאָג, וועלכער שפאנט,
די פאָן —
א מאטאָנע דעם ליכטיקן לאנד.
שוין צוגעניים סטענגעס,
בונט ווי דער טרוים,

באצירט שוין די ראנדן
מיט גאָלדענעם זוים.
די פורפורנע פאָן.
אונדזער ארבעטער־פאָן
מיר נייען דאָ אויס אין דער נאכט
אויבנאָן.
אין דער זוניקער ראם
ליגן ווערטער זיך אויס,
ליגן ווערטער אין סטעזשקעס פון גאָלד און פון בראָנז
און צעצינדן זיך העל, ווי א פלאם.

★ ★

איך זינג די ליד פונעם פאָלק

(פון טורקמעניש)

אין טורקמעניסטאַן האָבן זודיקע ווינטן די גראָזן פאַרברענט ביזן גרונט,
א מידבר אָן גרינס און אָן סעדער געווען זײַנע ערדן. צעזונט
און פאַרבראָנדזעט, האָט ווינט אין די לעכצנדע וויסטעס געקרעכצט און
גענאָגט,
אין האַרץ האָט דער פינצטערער אומגליק דאָס לעבן דאָס שווערע
באַקלאָגט.

נאָר דו ביסט געקומען, און גלײַך האָט די זון זיך צעלויכטן אף אונדזערע
טעג,
און אַלץ האָט צעלויכטן זיך מונטער. די נאַכט איז אוועק.
דו האָסט די טורקמענער געשאָנקען דאָס גליק און די זאַמדן באַלעבט,
און לויטערע קוואַלן זיך טראָגן און רוישן און פליסן אין סטעפ...

ס׳איז דו האָסט באַשאָטן די גערטנער די נײַע מיט יאַגעדעס און צוויט,
די טײַגע, די דאַרשטיקע סטעפּעס מיט קוויטן מיט רויטע באַשיט,
מיט דופטיקע דיניעס, מיט טרויבן, מיט פּרוכטן, וואָס פּלאַצן פון זאַפט,
מיט פייגלען, וואָס זינגען לעוואָניקע לידער אין סעדער אין יונגע
פאַרגאַפט.

עס סטײַען קיין ווערטער ניט דיך צו באַזינגען, די גליקלעכע טעג,
עס ווייסט ניט דײַן כאָכמע, דײַן קלוגשאַפט קיין ענד און קיין ברעג,
זעסט ווײַטער פון סאָקאָל אין הימל, ביסט שטאַרקער פון מעכטיקן לייב,
מיט דיר קאָן זיך קיינער ניט גלײַכן, ווען ס׳טוט זיך דײַן קויעך א הייב!

אָ, קום צו אונדז, סטאַלין, קיין טורקמעניסטאַן! עס רופֿן די פֿעלקער דיך,
די בליִקע וועלדער, די סעדער, די וואַסערן ווערלן באַגעגענען דיך,
עס וועלן די פֿויגל אַף צווײַגן צעגרינטע מיט לידער באַגעגענען דיך,
דער ליכטיקער פֿלאַקס וועט מיט אָרעמס צעשפּרייטע, מיט בליִונג
באַגעגענען דיך!

ס'טורקמענישע פֿאָלק וועט באַגעגענען דיך אינעם רײַכן און ליבן קאַנט,
און ס'וועלן מיליאָנען אַ שווּע דיר שווערן און דריקן דײַן פֿאָטערשע
האַנט:
זאָל פּרוּוון דער סוינע אַ ריר טאָן די גוטע, די גליקלעכע ערד,
דאָס פֿאָלק פֿון טורקמעניע וועט נעמען די ביקסן און זאָטלען די פֿערד.

כ'בין דאָס קאָל פֿונעם פֿאָלק און דאָס וואָרט פֿונעם פֿאָלק און כ'זינג
פֿונעם פֿאָלק די ליד,
און וועלטן מיט הערצער און היימישע שטימעס ענטפֿערן העלפֿן מיר מיט.
טײַערער סטאַלין! פֿיר אונדז צו זיגן, אײביק אַזוי ווי הײַנט,
די אַרבעטער אַלע פֿון ריזיקער ערד־קויל רופֿן דיך פֿאָטער און פֿרײַנט!

★ ★

יוסוף טורוסבעקאָוו

(אָרדענטרעגער)

אונדזער קירגיזסטאַן

בערג און בערג, ווי יאָרן־רייען — מײַן באַליבטער קאַנט...
ס׳פֿלעג דער ווינט דעם האַלדז פֿאַרדרייען — מײַן באַליבטער קאַנט...
נאָר ווען מאָסקווער שטראַלן גייען — פֿליט אַוועק די נאַכט, —
און אין שײַן האָט זיך דערזען מײַן באַליבטער קאַנט!

ס׳האָט דער אויפֿגאַנג זיך באַוויזן — האָט ער זיך דערקאָנט,
אינעם פֿרײַען פֿאָלק פֿון ריזן האָט ער זיך דערקאָנט,
ווי אַ שלאַכטמאַן, צווישן העלדן, אויפֿן גרויסן פֿראָנט,
אין סאָוועטישע קירגיזן האָט ער זיך דערקאָנט.

אַז דער הערשער זאָל פֿאַרגייען, איז מײַן פֿאָלק אַרויס,
מיט זײַן האַס און אוראַלט־ווייען איז מײַן פֿאָלק אַרויס,
און באַגײַסטערט האָט די יוגנט אויפֿן פֿאָלק געקוקט,
כ׳האָב געהערט: מיט פֿרייד־געשרייען איז מײַן פֿאָלק אַרויס.

אין די הויכע בלויע קלאָרן איז דאָס היימלאַנד מײַנס,
עס געדענקט די שוואַרצע יאָרן אָרעם היימלאַנד מײַנס.
וואָס געדענקען? אויף דזשײַליאַו, אויפֿן פֿעלד, אין צעך,
אַ באַוווּסטער העלד געוואָרן איז דאָס היימלאַנד מײַנס.

אונדזער ליד מע קומט באַהערן, אונדזער קלאָר געזאַנג,
פֿינקלט אין קאָמוז[1], ווי שטערן, אונדזער קלאָר געזאַנג,

---

1 קאָמוז — נאַציאָנאַלער מוזיקאַלישער אינסטרומענט.

װעגן העלדן און גיבורים זינגען מיר די ליד,
און די פרײַע פעלקער הערן אונדזער קלאָר געזאַנג.

מענטשן, װײסט: עס לײַכט אױף מיזרעך אונדזער קירגיזסטאַן,
אָט די באַרג־טײַכן, װאָס פליסן, אונדזער קירגיזסטאַן.
העלע לעבן־זאַפטן ריזלען, בושעװען אין דיר,
אַלאַטאַו — ריז פון ריזן, אונדזער קירגיזסטאַן.

ס׳פלאַמט דער סױנע, זאָל דײַן ערד זײַן רויִק, מונטער פאָלק,
שטאַרק װי אײַזן איז געפעסטט זײַן װעט דאָס פרײַע פאָלק,
ס׳האָט דיך לעניִן אױסגעכאָװעט, סטאַלין דיך דערציט,
זאָלסט די פירער דײַנע װערט זײַן, פרײַ קירגיזיש פאָלק!

אינעם גרױסן פאָלק פון ריזן האָסטו זיך דערקאָנט,
אין דער זון, װאָס ט׳זיך באַװיזן האָסטו זיך דערקאָנט,
װי א שלאַכטמאַן, צװישן העלדן — אױפן גרױסן פראָנט,
אין סאָװעטישע קירגיזן האָסטו זיך דערקאָנט.

★ ★

פאולאָ טיטשינא

(אָרדענטרעגער)

אפנ פלאצ

אפנ פלאצ לעמ אלטנ קלויסטער
רעוואָליוציע — אינ שפאנ.
זאָל דער פאסטעכ, — שרייַענ אלע, —
ווערנ אונדזער אטאמאנ!

זייַט געזונט אונ ווארט אפ פרייַהייַט. —
אפ די פערד! — דער וועג איז גרויס!
ס'האָט געטומלט, ס'האָט געווימלט,
פאָנעג בליִענ אינעמ ברויז...

אפנ פלאצ לעמ אלטנ קלויסטער
אויגנ מוטערשע אינ וויי!
לייַכט, לעוואָנע, פונ די הויכנ
אונ באלייַכט דעמ וועג פאר זיי.

ווערנ שטויבנ קלענער, קלענער,
קיינער רוישט ניט אפנ שליאכ...
אָוונט.
נאכט.

★ ★

פאולאַ טיטשינא

מיט האַרפּעס־שײַן...

מיט האַרפּעס־שײַן, האַרפּעס־שײַן
מיט גילדענע הילכיקע האָבן וועלדער זיך צעשפּילט,
מיט אײַנקלינגענדיקע:
דאָס מיידל גייט —
די פרילינג־פרייד!
בלימעלעך־פּערעלעך
אין אירע הערעלעך.

מיט מאַכשאָוועס פיל, מאַכשאָוועס פיל,
ווי א יאַם מיט שיפן האָט זיך אָנגעפילט דער בלוי.
מיט צאַרט־געזונגענע:
א שלאַכט וועט זײַן
אין פײַער־שײַן!
געלעכטער וועט זײַן, געוויין וועט זײַן
פּערלמוטערנער...

כ׳וועל זיך אָפּשטעלן, וועל איך אָנקוועלן —
גלעקעלעך שטראָמעלעך, מיט פייגעלעך, ווי גאָלד,

מיט גלאַנצן העלע דאָרט.
דאָס מיידל גייט —
די פרילינג־פרייד!

בלימעלעך־פּערעלעך
אין אירע הערעלעך.
ליבע מײַנע, טײַערע,
צי אַן אומעטיקע גײסטו, צי מיט גליק אריבער ברעג
איבער פעלדער דאָרט?
אוי, צעפּראַל,
און, דער זאַנג, צעשטראַל!
אַ געלעכטער װעט זײַן, אַ געװײן װעט זײַן
אַ פּערלמוטערנער.

★ ★



די כאַווייריִם סטאַלין, קיראָוו און וואָראָשילאָוו אפֿן ווײַסיאַמיש־באַלטישן קאַנאַל.

קינסטלער ד. א. נאַלבאַנדיאַן.

פאולאָ טיטשינא

איך גיי פון ארבעט, פון זאוואָד

איך גיי פון ארבעט, פון זאוואָד,
א מאניפעסטאציע אין שטאָט.
אין בלומען אלע גאסן שרייַען:
לעבן, לעבן זאָל די פרייַהייַט!

עס לאכט די זון אין הימל־ראָד,
און וואָלקנס אפ די פערדלעך שוועבן...
איך גיי פון ארבעט, פון זאוואָד
דער מאניפעסטאציע אנטקעגן.

א פרילינג האיאָר! א באראָט!
אין אלע הערצער שטראלן ראשן...
— די אָרעמשאפט מיט ערד פארקנאסן!
וועט פרידן זייַן שוין א געבאָט.
איך גיי פון ארבעט, פון זאוואָד.

★ ★

פאולאָ טיטשינא

די ליד פון דער רויטער אַרמיי

און דו זאָג נאָר, זאָג נאָר, נו,
ס׳אַרא שײַן, אַ צונטער —
פול מיט לעבן און געזונט
אונדזער קלאַס איז מונטער!

— צאַרן פאַלט, אין פאַלן האַלט,
פאַלט פון טראָנען טויטע: —
הערט, עס שפּאַנט, עס גייט און שאַלט
די אַרמיי די רויטע!

און דו זאָג נאָר, זאָג נאָר, נו,
ס׳איז אַ מי אַ גרויסע —
זיך צעשיידן מיט דעם נעסט
פול מיט שמוץ און בוישעך?

— פאַלט און פאַלט, אין פאַלן האַלט,
אויס מיט גענג מיט שלעכטע: —
ס׳לייענען, ס׳שרײַבן יונג און אַלט,
קלאַסן — קלאָר גערעכטע!

זאָג נאָר, זאָג נאָר, זאָג נאָר, נו,
ריר די לאַסט אָט די אָ.

ס׳ארא אורטייל ווארפן מיר
אפ דער בורזשואזיע?

— פאלט איר, פאנעס, פאלט און פאלט, —
א פארטיי־באשטימונג: —
אונדזער פאָן מיט רום באדעקט,
ס׳פירט אונדז וואָראָשילאָוו!

זאָג נאָר, זאָג נאָר, זאָג נאָר, נו,
ווו עס פירן די אליורן?
ווער קאָלטשאקן האָט צעקלאפט,
ווער ט׳צעקלאפט פעטליורען?

— פאלט און פאלט, אין פאלן האלט,
קלויסטער־קלאנג שוין טויט איז...
הערט, עס שפאנט, עס גייט און שאלט
די ארמיי די רויטע!

★ ★

פּאולאַ טיטשינא

לעניִנ

לעניִנ.
איינ וואָרט טוט א קלונג,
אונ מיר זײַנעַנ ווי שטורעמ
איִנ שווונג.
איִנ איינ זײַט א שפּאר, איִנ דער צווייטער — א קער,
מיר קרישענ, מיר בּרעקלענ, אונ פּלוצלינג איכ הער:

לעניִנ!
פינפ אויסיִעס, ניִט מער,
ענערגיע — א יאמ,
רײַסט, קערט.
ס׳וועט קייסאָרימ ניט העלפנ קיינ פאלשקײַט, קיינ זשעסט,
איז רויש אונ צערויש דעמ צעשטאָלטנ פּראָטעסט.

געשטאָרבּנ לעניִנ. אונ מיר הערנ
דאָס שושקענ פונ נעפּישע שלעק.
אנ אײַזערנע שוווּע מיר שווערנ:
— קיינ פײַנט וועט פונ אונדז ניט אוועק!

געשטאָרבּנ לעניִנ. אונ מיר הערנ:
„פאר לענדער א רויִקע צײַט,

מ׳עט שלינגען דעם נעכטיקן אָטעם,
די פרײַהײַט אפּ מינצלעכ צעבײַט!״

און זאָלן „פּאַטריאָטן״ וויסן
און די „מעשטשאַנעס״ אַלע מעלד:
עס וועט ניט רוען דאָס געוויסן,
ביז די בוריאַנעס פונעם פעלד

וועט מען ניט אויספּליקן, מיט שווערדן,
מיט שפּיזן אָפּראַמען דעם וועג, —
א שווּע פון אײַזן מיר שווערן:
— דער פײַנט וועט פון אונדז ניט אוועק!

★ ★

פאולאַ טיטשינא

ליד וועגן קיראָוון

גרויסער סאָד, גרינע בלאַט,
שיינע שטאָט לענינגראַד,
ווו־זשע איז דײַן ליד דער וועלט
וועגן קיראָוון דעם העלד?

— ליב און רום דעם באָלשעוויק,
וואָס אונטער דער פאָן פון גליק
האָט אין שטאָט באַקו דערנענט
אי דעם טערק, אי דעם ארמענ.

היי, די רויטע פאָן צעווײ —
זי פארטרויט האָט די פארטיי.
אויב צוזאמען, איז צוזאמען,
קומט און שטעלט זיך אין דער ריי!

שיפער, טאָרף און מעטאַל,
און ווײַסיאמישער קאנאַל,
ווו איז אײַער וואָרט דער וועלט
וועגן קיראָוון דעם העלד?

— ליב און רום דעם באָלשעוויק,
וואָס אין שווערן קאמף פאר גליק



איז געגאנגען אומעטום,
ווי א זעלנער א טריבון.

היי, די רויטע פאָן צעווײ —
זי פארטרויט האָט די פארטיי.
אויב צוזאמען, איז צוזאמען,
קומט און שטעלט זיך אין דער ריי!

גרינער קאנט, רויטער קאנט,
שיין צעבליטער דאגעסטאן,
ווו־זשע איז דײַן ליד דער וועלט
וועגן קיראָוון דעם העלד?

— לויב און רום דעם באָלשעוויק,
וואָס אמאָל אף בראָנעוויק
האָט געפירט דעם שווערסטן שטרײַט
און פון פאָרעצ אונדז באפרײַט.

היי, די רויטע פאָן צעווײ —
זי פארטרויט האָט די פארטיי.
אויב צוזאמען, איז צוזאמען,
קומט און שטעלט זיך אין דער ריי!

ניעוואבוי און סווירבוי —
אלץ געלינגט און ראשיק לויפט,
ס'ארא זעלטן שיינע מי!
לעבן נאָר און לעבן הי!

— לויב און רום דעם באָלשעוויק,
וואָס אין שווערן קאמף פאר גליק
האָט די מינדסטע זאך באזינט
און די ליבשאפט זיך פארדינט.

היי, די רויטע פאָן צעוויי —
זי פארטרויט האָט די פּארטיי,
אויף צוזאמען, איז צוזאמען,
קומט און שטעלט זיך אין דער ריי!

אוי, ניעווא, דו וואסער־פעלד,
ווו ז'דאָס לעבן פון דיין העלד?
פיינט האָט קיראָוון געטויט,
פיינט געצילט האָט אין פּארטיי.

— לאָמיר שווערן פול מיט מוט,
מירן צאָלן פאר זיין בלוט,
פאר איינ סטאלינעצס געזונט
זיי פארניכטן ביזן גרונט.

היי, די רויטע פאָן צעוויי —
זי פארטרויט האָט די פּארטיי.
אויף צוזאמען, איז צוזאמען,
קומט און שטעלט זיך אין דער ריי!

★ ★

פאולאַ טיטשינא

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע

שאַרפּע, בייזע שטעכלקעס בא זיי, בא דאָרטגעבירטיקע,
און בא אונדז בערעזעס שלאַנקע — זילבער־קאָרע ליכטיקע.
בורזשואַזע „פרייהייטן" — פלאַכע און שווינדזיכטיקע,
אונדזער רעכט, דאָס גלייַכע רעכט — צום ערשטן די געשיכטע קען.

גוט און ריכטיק, פרילינג־ליכטיק,
אייביק מעכטיק, יונג־צעבליט —
און ס׳איז שיין אַזוי און פּרעכטיק,
ווי אין ערגעץ קיינמאָל ניט!

אוי איז פויל דעם פּאָרעצס רעכט און פאַלש, און מיט א וואָרעם נאָכ,
אָן א צענז און אָן מאַיאָנטקעס ריכטן זיך פּאַרשפּאָרט מען דאָרט,
אַז באַקומען וועט די רעכט, ווי א געשאַנק, דער אָרעמער.
אונדזער רעכט, דאָס גלייַכע רעכט — איז גאַנץ ווי וואָר און וואָרער מער.

גוט און ריכטיק, פרילינג־ליכטיק,
אייביק מעכטיק יונג צעבליט —
און ס׳איז שיין אַזוי און פּרעכטיק,
ווי אין ערגעץ קיינמאָל ניט!

ס׳דריקט באַנקיר דעם אָרעמאַן, זייַן רוקן דעם געבויגענעם,
וועט עס גיך אין לעבן זייַנעם קומען צו די אויגן אים.

אונדזער שטאָלץ איז — היימלאַנד, ערע, העלדנ אופגעצויגענע,
דאָ בא אונדז האָט מאַנ און פרוי די זעלבע רעכט, די אייגענע!

גוט און ריכטיק, פריילינג־ליכטיק,
אייביק מעכטיק, יונג־צעבליט —
און ס'איז שיינ אזוי און פרעכטיק,
ווי איינ ערגעצ קיינמאָל ניט!

אַלצ, פונ וואָס געטרוימט אמאָל מיר האָבנ וואַכ און שלאָפנדיק,
איז אצינד געוואָרנ וואָר און טאַט מיט טאַט באוואָפנט יונג:
די ראַטנ־דעמאָקראַטיע — א ליליע אנ אָפענע,
מיר אליינ מיר זײַנענ דאָכ פונ גאָר די וועלט די האָפענונג.

גוט און ריכטיק, פריילינג־ליכטיק,
אייביק מעכטיק, יונג צעבליט —
און ס'איז שיינ אזוי און פרעכטיק,
ווי איינ ערגעצ קיינמאָל ניט.

★ ★

פ. טיטשינא

די פארטיי פירט

זאָלן זיי זיך זייערס פירן,
קלאפּן קאָפּ אין וואנט, קראפּירן, —
מירן אונדזערס טאָן:

אלע פריצים שיקן רוען
אין איין גרוב מיט די בורזשויען —
שלאָגן אין איין קאָן!
שלאָגן אין איין קאָן!

דארף מען וואונדערן זיך, פרעגן,
וואָס מיר שטייען אויף אנטקעגן
פעסט, אזוי געשפאנט.

אונדזער גאנג איז באָלשעוויסטיש, —
אלע אָרעמע, פארוויסטע
שטרעקן מיר די האנט!
שטרעקן מיר די האנט!

מיר באלעבן בערג און וואסער,
בויען אויס זאוואָדן, גאסן,
ווי מיר וואקסן רײַך!

צו די מידבערס, טײַכן פאָרן
אונדזערע בראווע פּינעפּיאָרן —

ווי צו קינדער גלײַך,
אייגענע קינדער גלײַך!

אונדזער רויטארמיי די פעסטע
היט די גרענעצן די גרעסטע,
און דער לופט־פּלאַט אויך.

שלאָגט און טראָגט און זייט די פעלדער,
און דערהויבט דאָס לאַנד פון העלדן
צו א נײַער הייך!
צו א נײַער הייך!

קעגן סוינעס ווענט, געבײַען,
טרעט ארויס קאָמיוגיש פײַער
און א הילף נאָך זיי:

פון דער באָלשעוויסטן־ערע
פּיאָנערן. פּיאָנערן —
און סע פירט פּארטיי,
און סע פירט פּארטיי.

ניט אין רור, און אף סאראיעוו —
נ׳ מטס די דרוקערײַען
שיקן מיר אף ווײַט!

שפּאלטן מיר דעם אטאָם־קערן
טרייסלען אופ די סטראטאָספערן,
אָ, דו וווּנדער־צײַט,
וווּנדערלעכסטע צײַט!

וווּנדערשענסטע, וווּנדערבעסטע —
ווער פון אונדז אין וועלט איז פעסטער?
ווער, פון וואָסער לאַנד?

מיר פּלאַנירן שאַפונגס־וועטן,
ריי נאָך ריי די רייען טרעטן,
איינס אין איינס באַנאַנד!
איינס אין איינס באַנאַנד!

זאָלן יענע דאָרט זיך פירן,
קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט, קראַפּירן, —
מירן אונדזערס טאָן:

אַלע פּריצים שיקן רוען
אין איין גרוב מיט די בורזשויען,
שלאָגן אין איין קאָן,
שלאָגן אין איין קאָן!

★ ★

נ. טיכאָנאָוו

(אָרדענטרעגער)

ליד פון גרענעצלער

ס'איז גרויס דאָס ראטנלאנד, ס'איז גרויס
מײַן קאנט פון פרײַער ערד,
די ליבסטע ארבעט קלײַב זיך אויס,
דעם הויכן ציל ניט לאָז ארויס,
מײַן כאוועך טײַערער.

דער פײַנט א הייסן קריג אונדז גרייט
און שפּרינגט פון קייט אראָפּ,
און מיר — מיר שטייען זאלבעצווייט,
איין גורל אונדז באהעפט, איין פרייד, —
דאָס לאנד מיר היטן אָפּ.

מע טאָר ניט ווערן אָפּגעשוואכט,
אין פּאניק ניט ארײַן,
ווײַל ס'קריכט דער פײַנט אין אָט דער נאכט,
און ס'שלײַפט דער פײַנט די טריט אָן שלאכט
און גליטשט וואלד־אויס וואלד־אײַן.

מיר וועלן גיין אין וואלד באנאנד
מיט פוס פארטײַעטער,
און ווי א שטורעם, ווי א בראנד,
ארומרינגלען דעם דיווערסאנט,
מײַן כאוועך טײַערער.

און יעדער הויז און יעדער סטויג,
און בריק, און וואסערפלאַך,
מיט שײַנ מיר װעלנ, מיטנ אויג
באקוקנ גוט, צו דר׳ערד גענויגט,
און שטעלנ זיך אפ וואך.

אינ אָט דער כאשכעס־נאכט אָנ ליכט,
אָנ מינדסטנ פײַערל,
מיר װעלנ שטילערהײט און גיך
מיט קראפט א שלאָג טאָנ אומגעריכט,
מײַנ כאווער טײַערער.

און מעלדנ: „מ׳האָט דעם פײַנט פונ לאנד
געטראָפנ גלײַך אינ קאָפּ״.
און װידער שטײענ מיר באנאנד,
מײַנ כאווער טײַערער, באם ראנד,
דאָס לאנד מיר היטנ אָפּ.

☆ ☆

סימאָן טשיקאָוואני

(אָרדענטרעגער)

פרילינג

נאָך דעם ווינטער האָבן ביימער ווידער
צעעפנט די קנאָספּן, ווי אויגן פון שלאָף,
אוועק דער קאַטער בא דער זון, די גלידער
פון דער נאַטור האָט זי פאַרפולט מיט וואַרעם־שטאָף.

און ווי א פאַקל איז אין הויף דער קיזיל אַפסנייַ געבוירן,
און ס'זייַנען זיך פון אים צעגאַנגענע שטראַלן אינדערברייט,
די האָר באַם ווינט האָבן זיי אונטערגעשוירן,
נאָך איידער דער ווינט האָט די האָר צעשפּרייט.

און פרילינג־גרינס האָט געוואַשן דאָס האַרץ באַם דיכטער
און האָט די געבייַדע פון ווינטער צעשטערט,
און דער פרילינג, וואָס פון ניַיעם לעבן זיך ריכטעט,
האָט די נאַטור און די ליד באַהערשט.

אין טאָל האָט די לופט זיך צעקלונגען,
דער דיכטער איז אַרויס: — וואָס איז דאָ געשען!
און ער האָט געזאָגט — מייַן פרייַנט! אַזא פרילינג
האָב איך פון דער קינדהייַט מייַנער ניט געזען.

★ ★

סימאָן טשיקאָוואַני

קאַכעטינער האַרבסט

דער האַרבסט האָט באַדעקט מיט אַ טעפּיך אַ מילדן,
און גאָלד אין טאָלן גיסט ער אַריַין,
און וויַינטרויבן פאַרבן מיט פיַיער און גילדן
די וויַיטן די אַלטע, די יוגנט פון וויַין.
דער ווינט זינגט שלעפעריק צווישן די בלעטער,
ער מונטערט די סטויגן און שאָקלט דעם וואַלד.
זע, ווי די קאַוועַנעס פאַרבן זיך, ווערן אַלץ פעטער,
און ווי די שוואַנען, זיי שטרעקן דעם האַלדז.
קלאָר, אומעטום די נאַטור איז שוין צייטיק,
די שווערקיַיט פון גרינס איז איינגאַנצן צעזייט,
די געלקיַיט פון ביימער שוין לויכטעט פון וויַיטן,
און אופגעוואַכט האָט זי די איינגעווייט.
וואָלקנס שוין נידערן פון בלויע הויכן,
פאַרפולן מיט פיַיכטקיַיט דעם בערגיקן טאָל,
און אויף די שיפּועים דאָרט פלאַמען און רויכן,
אין געלן, אין רויטן ביימער אָן צאָל.
די זון, ווי אַ מיַיסע, די בלעטער צעוויקלט,
און רויכלעכע פון וואָלקנדלעכע הילן זי איַין.
דער האַרבסט, אַ פאַרסאַפּעטער, גייט אונדז אַנטקעגן,
מיט האַרבעס, מיט סקריפּ און מיט דופּטיקג וויַין.
זע נאָר, דו דיכטער: אין הויף שטייט אַ מיידל,

שטייט און פאַרקישעפּט מיט שײַנקײַט און כיין,
און פול איז מיט ליבע צו אונדזערע פריידן
די ברוסט פונעם מיידל, וואָס יונג איז און שיין.
רוישט דער מאָטאָר, און זי קערט אירע אויגן,
און מיט א שמייכל צום באָכער זי בליט,
און ווי פאָנטאַנען די צווײַגן זיך הויבן,
א רעגן פון בלעטער אונדז פריידיק באַשיט.
מיר פאָרן אין ווײַט מיטן טײַך אַלאַזאַן,
די מילדע קאַכעטיע לויפט צווישן בערג,
די קלוגע נאַטור, וואָס אין אונדז איז פאַראַנען,
אַף דאַגעסטאַן האָט געטאָן זיך א קער.
די זון זיך פאַרנויגט, ווי א מוטער אַן אַלטע,
אַף קוליעס פון שטראַלן זי שפּאַרט זיך איצט אָן,
די צעפּ פון די פרויען, די בלעטעלעך האַלדזט זי,
נאָך פון לאַנגאָנען פון אייביק אָן.
די ווײַט באַדעקט שוין מיט זאַפראַן מיט געלן,
הארבסט, אָ, מײַן הארבסט איז אַף זיכער שוין דאָ,
עס קלינגט אינדערלופטן, נאָך פאַסמעס נאָך העלע
ציען זיך וואָלקנס, א שאָ נאָך א שאָ.
נאָר דער מאָטאָר — ער האַלט אין איין רוישן,
און דעם גערויש דער נעפּל באַהאַלט,
אהיים גייט א פרוי פונעם טונקעלן דרויסן,
און ווי א פּערסישע ליד איר געשטאַלט.

★ ★

מינגרעלער אָוונטן

(פראַגמענט)

ס׳איז שוין אַ האַלבע זון אין יאַם, אַזוי אַ שלאַנק
זיך וואַרפט אין וואַסערן דער הירש דער שנעלער,
ווי מיידלעך, וואַרטן אויפן זון־פאַרגאַנג
די טאָפּאָלן פון דערפער פון מינגרעלער,
אויסגעצירטע אין דער גאַנצער גרויס.
ווען שקיִע וועט איר פורפור־צווייַג צעשפּריצן,
פון טראָפּנס יאַם און זון — אַ וווּנדערלעכע רויז
אָנשטעכן וועט זי אין טאָפּאָל־שפּיצן.
מיט די מאָטיגעס שטייען פויערים אין ריי.
ביז נאַכט מיט רויש זיך נאָך ניט אָנגעזעטיקט,
די טאָפּאָלן, ווי די מיידלעך שטייען זיי

און שושקען זיך מיט אָוונט שפּעטן.
מיט נאַכטיגאַלן אין געוועט אַמאָל
כ׳פלעג רופן אונטער טאָפּאָלן מייַן מוזע,
און איצט שוין ניט די טאָפּאָלן מייַן מוזע,
און איצט שוין ניט די טאָפּאָלן באַזינג איך אויף אַ קאָל —
דעם אויפגעאַקערטן העקטאַר מיט קוקורוזע,
איבער דעם פעלד־טעפּיך איך שטעל מייַן גרינגן גאַנג.
קאָלווירטניקעס די קאַראָהאָד־ליד זינגען,
די זיידעס איז ניט געווען צום האַרצן דאָס געזאַנג,
און אונדז — צום האַרץ. עס גייט אונדזער אַרבעט פלינקער.

★ ★

סימאָן טשיקאָוואני

א ליד וועגן סטאַלינען

הויכע בערג אין פינקל שטראַלן,
ס'דעקט דער סאָקאָל דעם געוויטער,
ווער־זשע וועט דײַן גרויסקײַט, סטאַלין,
קאָנען געבן אין די לידער?
זינגט־זשע הייסער, בערג און שטיינער,
אונדזער גליק די וועלט באַוווּנדערט,
סטאַלין, סטאַלין, אונדזער ליבער,
וועגן דיר זינגט דער יאָרהונדערט...

האָסט פאַרזייט אַף ברייטע לאָנקעס
פון דײַן כאָכמע העלע זוימען,
האָסט א לעבן אונדז געשאָנקען,
איז עס העלער פון די טרוימען.

זינגט־זשע הימנען, בערג און שטיינער,
אונדזער גליק די וועלט באַוווּנדערט,
סטאַלין, סטאַלין, אונדזער ליבער,
וועגן דיר זינגט דער יאָרהונדערט.

פון ריאָן ביסטו די שטאַרקײַט,
פון אַראַגווע־טײַך דאָס ברויזן,

הייך פון דער קאַווקאַזער באַרג־קייט
און דאָס האַרץ פון היימלאַנד גרויסן.

זינגט־זשע הימנען, בערג און שטיבער,
אונדזער גליק די וועלט באַוווּנדערט,
סטאַלין, סטאַלין, אונדזער ליבער,
וועגן דיר זינגט דער יאָרהונדערט.

אין דיין בליק פון שטאָל דער קויעך,
רוסטאַוועליס פריינט געטרייער,
גרויסער סטאַלין! אין דיין מויעך
לעבט דער לענינ־גייסט דער פרייער.

זינגט־זשע הימנען, בערג און שטיבער,
אונדזער גליק די וועלט באַוווּנדערט,
סטאַלין, סטאַלין, אונדזער ליבער,
וועגן דיר זינגט דער יאָרהונדערט.

★ ★

ס'וועט דאָס גאַנצע לאַנד
דיך רימען

(א טשערקעסער וויג־ליד)

לאו, לאו, לאו, לאו,
שא און שטיל, און שטיל און שא,
ס'איז א בלויע נאַכט אזא.

שלאָף, מײַן ייִנגעלע, בלוויגיקס,
זינג איך דיר א ליד,
ווי דײַן טײַער גליק און מאַזל
האָבן זיך צעבליט.

ווי דו וועסט, מײַן קינד, דערלעבן
גרויסן שטאָלץ און רום:
דיר געהערן וועלדער, פעלדער,
טײַכן, אַלץ ארום.

דו וועסט אויסוואַקסן אינגיכן,
גרויס וועסטו מיר זײַן,
דו וועסט אויכעט, מײַן בלוויגיקס,
פירן א קאָמבײַן.

פון די טעג, וואָס וועלן קומען,
כ'גיב דיר אָפּ א גרוס:

ס'וועט אַ לעניִנ־אָרדען שײַנען
אױף דײַן שטאָלצער ברוסט.

דו וועסט שטענדיק פרײַ און העלדיש
שטרײַטן פאַרן לאַנד.
און דײַן הענטעלע וועט סטאַלינ
דריקן אין זײַן האַנט.

לאַו, לאַו, לאַו, לאַו,
שלאָף־זשע, שלאָף זיך אויס.
ס'וועט דאָס גאַנצע לאַנד דיך רימען,
ס'איז דײַן לעבן גרויס.

לאַו, לאַו, לאַו, לאַו,
שאַ און שטיל, און שטיל און שאַ,
ס'איז אַ בלויע נאַכט אַזאַ.

★ ★

ייִדישע פֿאָלקסלידער

לויט סטאַלינס וואָרט

מיט הונדערט יאָר צוריק האָב איך נאָך מאָסקווע געזען,
ווען איך בין אַ סאָלדאַט, אַ „פּוימאַניק“ געווען.
כ׳זע מאָסקווע אַפּסנײַ, אַ גרײַזער שוין, באַיאָרט,
ווי שיין איז זי, די שטאָט, געבויט לויט סטאַלינס וואָרט.

ס׳האָט מאָסקווע אַצינד אַ פּרעכטיקן מעטראָ,
און דאָרט אונטער דער ערד איז ליכטיק, און מע פֿאָרט,
אַף דער גאַנצער וועלט אַזאַ מין איז ניטאָ,
ווײַל מע האָט דעם מעטראָ געבויט לויט סטאַלינס וואָרט.

אַ קאַנאַל ביז מאָסקווע געגראָבן האָט מען טיף,
ס׳זאָל אַהער פֿון וואָלגע גיין די גרעסטע שיף,
איז מאָסקווע אַ הויפּטשטאָט מיט אַ גרויסן פּאָרט,
געבויט און געפֿורעמט לויט סטאַלינס קלוגן וואָרט.

הערשל קאַצאַפּ
(אַלט 115 יאָר)

★ ★

סטאלין

ער זאָרגט פאר יעדן באַזונדער,
פאר יונגע, אַלטע, קראַנקע, קליינע קינדער.
אַלע האָבן גלײַכע רעכט,
נישטאָ קיין באַלעבאַטים, נישטאָ קיין קנעכט.
פון דערפער ווערן שטעט שיינע,
אַלע גאַסן ציכטיק ריינע.
די נײַע קאָנסטיטוציע, וואָס ער האָט געגעבן,
איז פארן ליכטיקן גאָלדענעם לעבן.
פון אַלע 170 מיליאָן מענטשן ביז איינעם —
ער האָט ניט פארגעסן אין קיינעם, אין קיינעם!
פאר סטאַלינען — דעם פירער, זאָל לעבן,
אפילע איך, וואָס איך בין 115 יאָר אַלט,
בין גרייט אָפּגעבן דאָס לעבן —
אפילע די מינוט, באַלד.

הערשל קאַצאַפּ

★ ★

זאָל לעבן דער כאווער סטאַלין!

.1

באָלשעוויסטיש מאכן די קאָלווירטן,
פאַרמעגלעך דאַרפן מיר אַלע זײַן,
צו פאַרמעגלעכקײַט פירט אונדז כאווער סטאַלין,
צו א לעבן, פול מיט ליכטיקײַט און שײַן!

.2

אין קאָלווירט איז גרינג און גוט צו לעבן,
אין קאָלווירט איז גוט און ליב צו זײַן.
זאָל־זשע אונדזער כאווער סטאַלין לעבן,
וואָס פירט צו א לעבן מיט ליכטיקײַט און שײַן.

בראָכע קיסינע
(קאָלווירטניצע)

★ ★

א בריוו צו קאלינינען

(צום 10־יאָריקן יובילײ פון קאלינינדאָרפער ראיאָן)

פון די שײנע סטעפּעס,
פּרעכטיקע און גרינע,
שיק איך דיר א בריוול,
טײַערער קאלינין.

ס'איז מײַן שול א גאָרטן,
און די שילער — בלומען.
בעט דער גאנצער גאָרטן
זאָלסט אהערצו קומען.

קומען אף די סטעפּעס
גרינע און פארזײטע,
דאָ, ווו די קאָלווירטן
בלײַקע זיך שפּרײטן,

דאָ, ווו אינדערלופטן
לידער שײנע שוועבן,
ווו די פעלקער פרײַע
בויען א נײַ לעבן.

אין ראיאָן דעם שײנעם,
וועלכער טראָגט דײַן נאָמען,

װעט די פרייד נאָך שטאַרקער
איבער גאַסן שטראָמען,

ס׳איז מײַן שול אַ גאָרטן,
און די שילער—בלומען.
בעט דער גאַנצער גאָרטן
זאָלסט אַהערצו קומען.

בוזיע סניטמאַן
(קאָלווירטניצע)

★ ★

פאראַן א וועכטער

פון אונדזערע טײַכן וועט קיין סוינע ניט טרינקען,
פון אונדזערע ביימער — קיין פרוכטן ניט רײַסן,
אין אונדזערע סעדער — קיין בלומען ניט שמעקן,
מיט אונדזערע ווײַנטרויבן — ניט פאַרבײַסן.

פאַראַן א וועכטער מיט א שטעקן, —
קיין האָניק וועט דער סוינע ניט לעקן!

פון אונדזערע קי קיין מילך ט׳ער ניט טרינקען,
צו אונדזערע מיידלעך וועט ער ניט ווינקען,
מיט אונדזערע מיידלעך וועט ער ניט שמועסן,
מיט אונדזערע מיידלעך ניט ער וועט זיך קושן.

פאַראַן א וועכטער מיט א שטעקן, —
קיין האָניק וועט דער סוינע ניט לעקן!

ניט ער וועט קלײַבן אין אונדזער פעלד די זאַנגען,
ער וועט ניט פאַרטויבן אונדזערע געזאַנגען,
ער וועט קיינמאָל גאָרנישט ניט פוילן, —
מיר האָבן פאַרגרייט פאַר אים הייסינקע קוילן.

פאַראַן א וועכטער מיט א שטעקן, —
קיין האָניק וועט דער סוינע ניט לעקן!

א. פערטשיק
(צוהערער פון מיליטער־אקאַדעמיע)

★ ★

1843—13

לעבן לאנג זאָל אונדזער פירער

רוסן, ייִדן, אוקראַינער,
העגט געשלאָסן אין איין קאָן.
אלע פעלקער זײַנען ברידער
אונטער לענין־סטאלינס פאָן.

דאָס האָט סטאלין אונדז דערהויבן
און געגעבן גליק און פרייד.
דאָס האָט ער אָנשטאָט די דערנער
בלומען אַף מײַן וועג פאַרשפּרייט.

אונדזער לאַנד, ווי א גאַניידן,
האָט זיך פּרעכטיק איצט צעבליט.
היי, כאָווײַרים, שטאַרקער, העכער
זאָל זי קלינגען, סטאלינס ליד,

לעבן לאַנג זאָל אונדזער פירער
פאַר די העלע ליבע טעג.
ווײַ וועט זײַן צו אלע סאָנים,
וועלכע שטערן אונדז דעם וועג.

ה. קליינער
(בריוונטרעגער, אירפּען, קיִעווער געגנט).

★ ★

די ליד פון אלטן שמיד

אונדזער לעבן פול מיט גליק
און מיט זונען־שטראלן,
ווײַל עס פירט אונדז שטאָלץ צום זיג
אונדזער ליבער סטאלין!

וווּנדער־שיין זײַנען די טעג,
איינס פון צווייטן שענער,
הילכן אום אין גרינעם פעלד
פריידנדיקע טענער.

און די זון, זי בראָט און גליט,
פינקלט אין די אויגן.
ס'האָט א ייִד אן אלטער שמיד
אזא ליד פארצויגן:

„שײַן, שײַן, העלע זון,
דײַנע בעקלעך רויטע,
ס'איז אוועק מײַן ערשטער זון
אין ארמיי דער רויטער.

לאָמיר טאנצן, ווײַב מײַן, קום,
גליקלעך זײַנען יאָרן —

איצטער איז דער צווייטער זונ
אינזשעניער געוואָרנ.

אונ די זונ זי גליט, ווי גוט!
הערט ניט אופ צו גליִענ.
ס'וועט מײַנ ייִנגסטער, דריטער זונ,
אינ ארקטיקע איצט פליִענ".

וווּנדער־שיינ זײַנענ די טעג,
איינס פונ צווייטנ שענער,
הילכנ אומ אינ גרינעמ טאָל
פריידנדיקע טענער.

פארשריבנ אינ מאָזיר (ווײַסרוסלאנד) —
יאנקל טשאָרני.

★ ★

ניט גרויס זיך, בוים

אפּ א בערגל פון קאַלווירטישער היים
שטייט א הויכער צווייַגנהאפּטיקער בוים,
גרינענ זייַנע בלעטער, בליִען זייַנע צווייַגן,
פישטשען אפ אים פייגעלעך און ווילן גאַרניט שווייַגן.
גרויסט זיך דער בוים מיט זייַנע צווייַגן די שיינע
און מיט די זינגעוודיקע פייגעלעך די קליינע.
— ווער איז נאָך, ווער איז נאָך, אזויווי איך, —
טראכט דער בוים איינ הארצן בא זיך.
פארייַסט ער צום הימל אינדערהייך זייַן קאָפּ
און קוקט מיט גרויסקייַט אפ אלעמען אראָפּ.
מיידלעך פרייִלעכע און שיינע, ווי די בלומען,
אפּן בערגל אונטערן בוים זייַנען זיצן געקומען.
איבער פעלדער זיסע טענער האָבן זיך צעקלונגען,
מיידלעך האָבן אָנגעהויבן א ליד צו זינגען.
— ניט קוק, דו בוים, מיט גרויסקייַט אראָפּ,
מיר פאלן, מיר פאלן פאר דיר ניט אראָפּ.
מיר בליִען פאר דייַנע צווייַגן פיל שענער,
מיר שטייַגן אריבער דייַנע פייגעלעך מיט אונדזערע טענער.
וויִאזוי זאָלן מיר אזוי שיין ניט בליִען,
ווי זאָלן מיר אזוינע פרייִלעכע לידער ניט פארציִען,

אז אונדזער שיינע און ליבע ראטנמאכט
האָט אונדז אזוי פריילעכ און גליקלעכ געמאכט,
אז אונדזער סטאלינ האָט אונדז געגעבנ
אזא זיסנ און גליקלעכנ לעבנ.
ניט קוק, בוים, מיט גרויסקייַט אראָפּ,
קאָלווירטניקעס פאלנ פאר דיר ניט אראָפּ.

סאָרע פּאליי
(אנ ארבעטערנ)

★ ★

גאסטעס לאכוטי

(אָרדענטרעגער)

אַ רײַזע אין לעוואָניקן טעמפּל

1.

פון זינט כ'האָב נאָך קינדווײַז באַטראַכטן דעם שליאַך,
געזען האָב איך וווּנדער־געשיכטעס אַסאַך.

געזען האָב איך שטעט אין דער וועלט אָן אַ ברעג
און הונדערטער פעלקער באַגעגנט אין וועג.

פון קישעף און ניסים געהערט אָן אַ צאָל,
פּאַסירונגען מאָדנע פון הײַנט און אַמאָל.

נאָר ווי האָט מען שענערס דאָ ערגעץ געהערט
פון דעם, וואָס איז איצטער אײַך הערן באַשערט!

2.

ניט לאַנג בין איך ווידער געפאָרן אַהין,
אין קאַנט, ווו דער הימל איז קלאָר ווי בורשטין,

געפאָרן דאָס פאָלק אין זײַן יאָנטעוו דערזען
און אַלץ, וואָס איז דאָרט פאַר די יאָרן געשען.

געקומען — און ווינקעלעך אַלע באַזוכט,
דאָס אַלטע געזען און פון נײַעם די פרוכט.

און אָט איז דאָס ווינקל דאָס לעצטע. א שפּאַן
טײַלט אָפּ אונדזער הײמלאַנד פון אפגאַניסטאַן.

ווי ליב איז די לופט און די שטראַלן אין דעם,
די לאָנקעס, די בערג און די קוואַלן אין דעם.

די שײַן און די פרײד איז אַפּ ווערסטן באַקאַנט,
מע רופט עס „לעווּאָניקער טעמפּל" אין קאַנט.

און וווּנדער באַווײַזט פאַר אונדז דער באָלשעוויק,
די מי איז געוואָרן א פרײד און א גליק.

דער מולא איז פאַרטריבן פון זײַן אויבנאָן,
אוועק פונעם הימל איז דער סקאָרפּיאָן!

און דאָרט, ווו די נאַכט האָט געהערשט אַזוי לאַנג,
איצט הערשן דאָס וויסן, דאָס שטאָלצע געזאַנג...

און איבער די גרענעצן טוט זיך א שפּרייט
דער שאָטן פון טעמפּל, וואָס הייבט זיך אין פרײד.

3.

מײַן פערד איז א מידער געגאַנגען אין שפּאַן,
אין שטאָט זײַנען וועגן פאַרשטויבטע געגאַן...

די מידקײַט פאַרגײט אין פאַרנאַכטיקער שײַן,
און כ'קום אין לעוואָניקן טעמפּל אַרײַן.

די פרישקײַט פון טײַכל האָב איך פאַרגעדענקט,
און ס'האָט מיך די שטאָט שוין אין רוישן געשווענקט.

כ'האָב מאָדנע געשיכטעס געהערט אין אַרום
און פּענעמער מאָדנע געזען אומעטום.

אַן אָוונט אזא איז, ווי שטענדיק, געווען,
געשטראָמט האָט דאָס לעבן, ווי שטענדיק, מיט ברען...

און קוקט מען, דערזעט מען אין בליקן, אין טריט
די שטורעמס, וואָס האָבן אין הערצער געגליט.

עס האָבן געפילן געראַנגלט, ווי געזאנג:
מיט ליבע און שטאָלץ, מיט דערוואַרטונג און דראנג.

ס'איז אַלץ ווי א כּאָלעם געווען יענע נאכט,
די פרייד האָט לעם הייזער לעם אַלטע געוואַרט.

און ס'האָט זיך געמישט די טאדזשיקישע שפּראַך
מיט שיַין פון לעוואָנע אף ראָג און אף שליאַך.

און ס'האָבן זיך מענטשן אָן ווערטער געמערט,
און איך האָב אזוינס פונדערווייַטן געהערט:

זאָגט איינער: מע זאָגט וועגן אים און מע זאָגט,
א לויטערן פייַער אין בליק ער פאַרמאָגט.

מע זאָגט: ער איז הויך און איז קרעפטיק און שלאַנק,
און פול איז מיט כאָכמע זייַן יעדער געדאַנק.

און ווען ער זאָל ווירקלעך פאַרקוקן אַהער,
וואָלט אים געווען שוין דערקענען ניט שווער.

קאָן זיך פון אונדז דען באַהאַלטן די זון,
זי קאָן ניט, אוואַדע, זי קאָן עס ניט טון!

א צווייטער דערווידערט: דו ווייסט, וואָס דו רעדסט,
דו ווייסט, וויפל וווּנדער אין אים איז באַזעצט?

•

און ווי ס'איז דער קישעף ניט שטארק און ניט גרויס,
טוט ער א מאכ מיט דער האנט, און ס'איז אויס.

און יעטווידער פאָלק, צי ס'איז יונג, צי ס'איז אלט,
דערזעט זיכ אלײנ אינ זײַנ לויטער געשטאלט.

ווי קינדער, וואָס רינגלענ דעמ פאָטער ארומ,
אזוי קומענ פעלקער, באלויכטנ מיט רומ, —

זײַנ וואָרט, וואָס איז לויטער און טיפ און באקלערט,
אפ שפראכנ אפ אײגענע יעדערער הערט.

פונ שפראכנ אסאכ יעדער שפראכ איז אימ קלאָר,
און ער זעט, וואָס אינ ווינקלענ אינ וועלטסטע קומט פאָר.

געשיכטעס אסאכ וועגנ אימ ווײסט די ערד,
איכ וועל אײַכ בלויז אײנע דערצײלנ, איז הערט:

4.

אמאָל האָט מענ אימ, אינ דער צארישער צײַט,
געפאקט און אינ טפיסע פארוואָרפנ אימ ווײַט.

א באפעל האָט אינ אָוונט א הילכ געטאָנ הארט,
באנאכט זאָל ער ווערנ אינ קעלער פארשפארט.

און דאָרט זאָל מענ אויסטונ אימ הויל, ווי א קינד,
און ברענגענ די רוטנ און בײַטשנ געשווינד.

און שמיצ — ביז דער דיל וועט פארגאָסנ זײַנ רויט,
ביז ס'וועט אינ קעלער ניט קומענ דער טויט.

און אזוי האָט געטאָנ דער זשאנדאר יענע נאכט,
גענומענ, געבונדנ, אינ קעלער געבראכט.

מיט טשוועקעס געלעכערט די הענט האָט מען אים,
מיט ביטערע ליידן געברענט האָט מען אים.

דאָס בלוט האָט געגעבן א יאָג אָן א ברעג,
מע הערט ניט דאָס שלאָגן פון הארצן. אן עק.

די טירן פארשלאָסן, מיט פרענטעס פארוקט,
גאנצפרי האָבן אלע דערשטוינטע געקוקט.

א מעס איז געלעגן פארגעלט און פארבלויט,
זיי האָבן באנאכט גאָר דעם גאלעך געטויט.

און ער איז אוועק פון דער פינצטערער נעסט,
ער האָט ניט געוואַרט אף די נאכטישע „געסט".—

...מ'האָט אלע געהערט די געשיכטע פארטראכט,
און דאָ האָבן פלוצלינג זיך אלע צעלאכט.

איך האָב זיך געוואונדערט פון אלעמען מער:
איך קאָן ניט פארשטיין, ווער איז עס דער ער?

איך קאָן ניט פארשטיין, און כ'שטעל זיך ניט פאָר,
וואָס איז דאָס — א כאָלעמ פאר מיר, צי די וואָר?

פון וועמען דערציילט מען געשיכטעס אזוי?
און וועמען דאָ זוכט מען אין נאכטישער בלוי

און ווו נאָר איך גיי ניט, און ווו נאָר איך קום,
אן אומרו אין רעדלעך, א רויש אומעטום.

עס צינדט זיך דער בליק, ווען מע רעדט וועגן אים,
און ס'רעדן די מענטשן ביז שפעט וועגן אים.

5.

אין לעוואָניקן טעמפּל איז ווידער פאַרטאָג,
נאָר ס'רודערט, ווי נעכטן, אַפּ יעטווידער ראָג.

האָט איינער דעם שטויב פון די גאַסן געקערט,
און שטיל וועגן „אים" האָט ער ווידער געקלערט.

האָט בוימוואָל א צווייטער געקליבן באַנייס,
געקוקט: עפשער טוט ער אהער זיך א ווייז?

איז אין איינעם א רעדל געשטאנען א פרוי,
האָט די פרוי צו דער צווייטער געזאָגט אָט אזוי:

געוויס איז זיין קערפּער פאַרמאַטערט פון וועג,
געוויס איז זיין אָנטון מיט שטויבן באַדעקט.

אַך, ווען איך קאָן אים געפינען אצינד,
וואָלט איך זיין אָנטון געוואַשן געשווינד!

א שילערן איז אינעם לאַגער געגאַן,
מיט אומרו און פרייד האָט געלויכטן איר שפּאַן.

אַפּ טויזנטער ליפּן א שמייכל צעבליט,
זיין נאָמען אין טרוימען אין שענסטע מע היט.

און כ'פרעג זיך: ווו איז ער? געווען איז ער ערשט,
אין מויכעס און הערצער אין טעמפּל באַהערשט?

מע איז אין לעוואָניקן טעמפּל געווען,
און ס'האָט אים דאָ קיינער אין טעמפּל געזען...

און בלויז איין געדאַנק האָט געבויערט אין מיר,
נאָר פלוצלינג דערזע איך א היימישע טיר.

אין אָנשטרענג אומזיסט קאָן איך מער ניט זײַן,
און כ'בין אַן אַ קלאַפּ אינעם צימער אַרײַן.

6.

דער פּאַרט־סעקרעטאַר האָט אין מויער געוווינט,
מײַן אַלטער באַקאַנטער דערזעט: כ'בין דערשטוינט.

ער זעט, עפּעס וווּנדערט מיך דאָ און עס רעגט.
— וואָס האָט זיך געטראָפֿן? — האָט ער מיך געפֿרעגט.

און אַלץ, וואָס כ'האָב דעמלט אין האַרצן פֿאַרמאָגט,
האָב איך ניט באַהאַלטן און אַלץ אים געזאָגט.

ער האָט מיט געדולד מײַנע ווערטער געהערט
און האָט מיט זײַן שמייכל געזאָגט: ביסט גערעכט.

כ'פֿאַרשטיי אַלע ספּייקעס, וואָס ברויזן אין דיר,
און כ'וויל אַלע סוידעס אַנטפּלויזן פֿאַר דיר.

דו זעסט, ווי אַפּסנײַ האָט דאָס לעבן צעפּליט,
ווי נײַ ס'איז געוואָרן דער מענטש און זײַן ליד.

מיר האָבן דעם סוינע צעקלאַפּט און צעדרויבט,
די רו האָט אַביסל די אויגן פֿאַרשטויבט.

און ווען אונדזער וואַך אַף די פּאָסטנס איז שוואַך,
דאַן שטעלט זיך דער סוינע אַוועק אַף דער וואַך.

ער האָט זיך אין קליידער פֿון שווינדל געקליידט,
געשטאָכן מיט סינע באַהאַלטענערהייט.

און כאָטש כ'בין אין שפּיץ פֿון דער אַרבעט געווען,
האָב איך יענעם שווינדל פֿון פֿײַנט ניט דערזען.

און בלויז אונדזער פּאַטער און פּירער און פרײַנט
האָט פון דער ווײַט אינעם וועג אונדז געשײַנט.

און ס׳האָט אים די ווײַט און דער וועג ניט געשטערט,
ער האָט אונדז די אויגן געעפנט, דערקלערט:

דער סוינע באַהאַלט זיך אַצינד, נאָר ער דרייט,
און ווו נאָר ער קאָן, טראָגט ער אומגליק און לייד.

און אויב נאָר דאָס וואַסער ווערט קלענער און פאַלט,
טאָ זוכ בא די ברעגן דעם סוינעס געשטאַלט.

און אויב ס׳גייט אַ דאָרף מיטן פײַער אוועק,
טאָ זוכ דאָ די טריט פונעם פײַנט אפן וועג.

דאָס וויסן וועט העלפן געווינען דעם שלאַכט,
איז לאָמיר זיך לערנען באַטאָג און באַנאַכט.

און זאָל די טעכניק נאָר זיך געבן אַ הויב,
וועט פּלאַצן דאָס אַלטע און פּליִען ווי שטויב.

מיר האָבן אַפ ריכטיקע וועגן געשפּאַנט,
איז גליקלעך געוואָרן און ריין אונדזער קאַנט.

7.

דו גלײַבסט, אַז ער זעט פון דער ווײַט אונדזער מי,
די שולן, די סטאַדעס, די סעדער אין בלי.

און אַלע קאָלווירטן ער זעט פון דער ווײַט,
די פעלדער אין לופטיקן, בלײַיקן זײַד.

נאָר נעכטן האָט ווידער אונדז פאַרזיכט געפעלט,
מיר האָבן צו פריי דאָ באַוואַסערט דאָס פעלד.

און ער האָט באַמערקט פונדערווײַטנס די זינד,
און האָט אונדז די אויגן צעעפנט געשווינד.

דאָס פֿאָלק האָט געהערט אָט די נײַסן פֿאַרגאַפּט.
עס שטײַגט שוין אַריבער די מענטשלעכע קראַפט,

די וווּנדער די גרויסע מע זעט אומעטום,
שפּאַצירן דאָ הונדערטער קלאַנגען אַרום.

דו האָסט מיך פֿאַרשטאַנען און פֿרעגסט שוין ניט מער?
דער „ער" דאָס איז סטאַלין, ס'איז טרעפֿן ניט שווער.

מײַן פֿרײַנט האָט פֿאַרענדיקט און שטיל זיך פֿאַרקלערט,
און איך האָב זײַן פֿריידיקן אומרו באַמערקט.

אויף ליפּן בײַ מיר האָט אַ שמייכל געטאָגט,
און שעמעוודיק האָט ער אַזוי מיר געזאָגט:

אויב ריידן איז ריידן, איז אָפֿן גערעדט,
נאָר דו זאָלסט דעם סאָד ניט פֿאַרשפּרייטן, איך בעט.

איך האָב זיך ניט איין מאָל אויף דעם שוין פֿאַרקלערט,
ניטאָ ניט קיין מעגלעכס בײַ אונדז אויף דער ערד:

ס'קאָן זײַן, ער איז ווירקלעך געקומען אַליין
אַ קוק טאָן, די אַרבעט זאָל פֿריילעכער גיין.

ס'קאָן זײַן, ער האָט מאָסקווע פֿאַרלאָזט אויף אַ צײַט,
ער האָט זיך געלאָזט אינעם וועג אַרײַן ווײַט.

איך פֿיל, ווי עס וואַקסט די דערוואַרטונג אין מיר,
מיר דאַכט, אַז ער טוט שוין אַ קלאַפּ אין דער טיר.

איז האָב איך דעם סאָד פון מײַן כאווער געהערט,
איך האָב אים געהאלדזט און אזוי אים דערקלערט:

און איצטער וועל איך דיר אנטפּלעקן מײַן סאָד,
איך בעט נאָר אים היטן פון פרעמדע אין שטאָט.

די מענטשלעכע אויגן — זיי זײַנען ניט בלינד,
ס'איז ריכטיק, ער איז אינעם טעמפּל אצינד.

ער איז פונעם קרעמל געפּאָרן מיט מיר,
ער האָט אפ די פעלדער געקוקט אָן א שיר.

איך האָב אינעם וועג זיך מיט אים ניט געשיידט,
אין לעוואָניקן טעמפּל געווען זאלבעצווייט.

ער האָט מיך אין קרעפטן אין נײַע געשווענקט
און הויכע געדאנקען אין וועג מיר געשענקט...

★ ★

סטאַלין

(פון לאַקסקער)

עס שטאַרבן צום יאַם די טײַכן,
דאָס אײַזן זיך ציט צום מאַגניט,
די גראָזן צו זון זיך הייבן,
אַפֿ דאָרעם דער פֿויגל פֿליט...
און מענטשן צום גליק זיך ציִען,
זיי שטרעבן צום גרויסן עמעס,
עס בענקען די הערצער נאָך פֿרײַנטשאַפֿט
און ציִען זיך אַלע צו דיר.

אַ שוואַלב וואָלט איך וועלן ווערן,
מיט פֿליגל מיט פֿלינקע, פֿלינקע,
מיט אַ לײַכטן, אַ שלאַנקן קערפּער,
איך זאָל קענען אין קרעמל זײַן,
איך זאָל כאָטש איינמאָל אַ קוק טאָן,
ווי סטאַלין דער ליבער שמייכלט,
און הערן די נײַע ווערטער
פֿון מענטשן, וואָס ער געפֿירט...

עס פֿלאַטערן בלעטער אין סעדער,
עס פֿלאַטערן שטערן אין הימל,
עס פֿלאַטערן כוואַליעס אין טײַכן,
ווען ס'קומט דער באַגינען אָן.

עס פלאטערן אוף בא מענטשן
די הענט אין די פלעסקערײַען,
ווען עס ווערט אין א מעסיבע
זײַן ליכטיקער נאָמען דערמאָנט.

כ׳בין געווען א באטראק, א קאפצן,
אן ארבעטער אויפעט — כ׳פלעג זען נאָר
דעם באלעבאָס דעם בייזן
און פון ווארשטאט די שוועל.
סטאלין! האָסט גליק אונדז געגעבן,
גליק אין די הענט און קרעפטן,
עמעס און גליק אין הארצן,
א פריידיקן גליקלעכן וועג!

★ ★

ה. לעבעדיעוו־קומאטש

(אָרדענטרעגער)

מאָסקווע

דער פרימאָרגנ העל און פארביק
שײַנט ארויס אפ קרעמל־וואנט,
עס דערוואכט צו פרייד און ארבעט
ס׳גאנצע גרויסע ראטנלאנד.
איבער קאָפּ א ווינט לויפט איבער,
וואָס ווערט פול מיט קלאנג און שײַנ,
א גוט מאָרגנ, שטאָט, מײַנ ליבע,
הארצ פונ גרויסנ היימלאנד מײַנ.

רעפרענ:
דו פרעכטיקע,
דו מעכטיקע,
ניטאָ פונ דיר קיינ פרײַערע,
דו היימלאנד מײַנ,
דו מאָסקווע מײַנ,
געליבטע מײַנע, טײַערע.

שוינ דער טאָג אינ ברענ אינ פולנ,
גאסנ רוישנ ווײַט און ברייט,
פונ די פענצטער פונ די שולנ
קינדער־קוילעס — פול מיט פרייד.

ווי א טײַך, א זילבער רײנער,
דורך די גאסן שטראָמט דער מײַ,
איבער מאָסקווע־שטאָט דער שײנער
קלינגען לידער הויך און פרײַ.

רעפרען:

זון מאיאָווע, פון די הײכן
שטארקער ליכט אף יעדער רײ,
אונדזער פרײלעכקײַט זאָל גרײכן
ביז דער הײך פון מאַווזאָלײ,
אז נאָך העלער זאָלן שטראלן
פאָנען אונדזערע מיט גליק,
אופהײבן די האנט זאָל סטאלין,
אונדז באגריסנדיק מיט זיג.

רעפרען:

טאָג פארגײט, און אָוונט גוטער
קומט צו גײן נאָך אים פוס־טראָט,
פון פאראד — אן אויסגערוטע
הילכט די יאָנטעוודיקע שטאָט.
אָט ווען פאָרלעך גײען, גײען
אופ־און־אָפּ גאָר אָן א שיר,
אין די פארקן און אלײען
מאָסקווע־שטאָט אציגד שפאצירט.

רעפרען:

ענלעך אף טאָג די נאכט איז,
וויפל ליכט און וויפל שײַן!
עך, דו כאַוועך, ניט געטראכט לאנג,

קום מיט אונדז אין קאָן אַרײַן,
זינג און טאַנץ מיט אונדז צוזאַמען,
ווי עס טאַנצט דאָס גאַנצע לאַנד,
נאָך אַ פֿרילינג, נאָך אַזאַ מין
אין דער וועלט איז ניט פֿאַראַן!

ר ע פֿ ר ע ן:

בלוי און העל דער מאָרגן־שטערן
איבער מאָסקווע־טײַך צעשטראַלט,
ווידער, ווידער לאָזט זיך הערן
פֿון סירענעס דער געשאַל.
אָפֿן טורעם פֿונעם קרעמל
מונטער, פּעסט דער זייגער שלאָגט,
טאָג פֿאַרגאַנגענער, אַדיע דיר,
אַ גוט־מאָרגן, נײַער טאָג!

דו פֿרעכטיקע,
דו מעכטיקע,
ניטאָ פֿון דיר קיין פֿרײַערע,
דו היימלאַנד מײַן,
דו מאָסקווע מײַן,
געליבטע מײַנע, טײַערע.

★ ★

ו. לעבעדיעוו־קומאטש

מארש פון טראקטאָריסטן

אוי, איר שטאָלענע פערד איר, געזונטע,
מײַנע טראקטאָרס, צערוישט זיך פארשײַט,
מײַנע פרײַנט, קומט א הודע טאָג מונטער,
אין דעם מארש איז זיך לאָזן שוין צײַט!
מיטן וווּנדערלעכן פערד
מירן מעסטן די ערד,
מיר פארזייען און ברויטן מיר פירן.
אונדזער טראָט איז שוין פעסט,
ס'וועלן פײַנטלעכע געסט
אף סאָוועטישער ערד ניט שפאצירן!

גערעטענע בייגן זיך זאנגען,
דאָס ווייץ האָט אף פעלדער צעבליט,
און ס'הערן זיך זילבער־געזאנגען,
דאָס זינגט איצט מײַן מיידל א ליד.
מיטן וווּנדערלעכן פערד
מירן מעסטן די ערד,
מיר פארזייען און ברויטן מיר פירן,
אונדזער טראָט איז שוין פעסט,
ס'וועלן פײַנטלעכע געסט
אף סאָוועטישער ערד ניט שפאצירן!

אונדזער קראַפט וועט אינערגעץ פאַרזאַמען,
ווען די ליד פון דער יוגנט צעקוועלט,
נעמען זינגען די ווייצענע יאַמען,
און דאָס קאָרן זינגט אויך אינעם פעלד.
מיטן וווּנדערלעכן פערד
מירן מעסטן די ערד,
מיר פאַרזייען און ברויטן מיר פירן,
אונדזער טראָט איז שוין פעסט,
ס'וועלן פײַנטלעכע געסט
אַף סאָוועטישער ערד ניט שפּאַצירן!

הייבט זיך אופעט, איר גאָלדענע פונקען,
פליט אין בלויקייט מיט זונען באַשײַנט,
און די פרייד מײַנע פריידיקע, יונגע,
אוי, מײַן יונגערער, מײַן מונטערער פרײַנט.
מיטן וווּנדערלעכן פערד
מירן מעסטן די ערד,
מיר פאַרזייען און ברויטן מיר פירן,
אונדזער טראָט איז שוין פעסט,
ס'וועלן פײַנטלעכע געסט
אַף סאָוועטישער ערד ניט שפּאַצירן!

אוי, איר פערד, אײַער קראַפט האָט קיין ברעגן,
אוי, איר פערד מיט דער שטאָלענער הויט,
נאָכן גליק קומט אוועק אין געיעגן
און דעם פײַנט פירט אנטקעגן א טויט.
מיטן וווּנדערלעכן פערד
מירן מעסטן די ערד,
מיר פאַרזייען און ברויטן מיר פירן,
אונדזער טראָט איז שוין פעסט,
ס'וועלן פײַנטלעכע געסט
אַף סאָוועטישער ערד ניט שפּאַצירן!

שפּאַן ניט, פּײַנט, לעם סאָוועטישע ערדן
און ניט שטיף און ניט וואַרט אַף דערפאָלג,
און אויב ניט, וועט א שלײַף טאָן די שווערדן
דאָס סאָוועטישע מעכטיקע פאָלק.
מיטן וווּנדערלעכן פערד
מירן מעסטן די ערד,
מיר פאַרזייען און ברויטן מיר פירן,
אונדזער טראָט איז שוין פעסט,
ס'וועלן פײַנטלעכע געסט
אַף סאָוועטישער ערד ניט שפּאַצירן!

★ ★

ו. לעבעדיעוו־קומאטש

א ליד וועגן וואָראָשילאָוון

אפן פּלאַץ אפן רויטן אין ריטמישע מארשן
די ארמיי אונדזער מעכטיקע שפּאַנט,
עס קוקט וואָראָשילאָוו — דער אײַזערנער מארשאַל —
און הייבט פארן פאָלק אוף זײַן האַנט.
פון אונטער די וואָנצן באַווײַזט זיך א שמייכל,
און ס׳לויכט אין די אויגן קאָמיוגישע היץ,
און דער ווירדיקער פערד באַווײַזט אויך א צייכן,
צופרידן דער מארשאַל מיטן פערד זײַנעם איצט.

וואָראָשילאָווס פערד איר פלינקע,
וואָראָשילאָווס קוילן שטארקע,
אין אטאקע און אין שפּרינגען
האָט איר קיינמאָל ניט גענארט אונדז,
איר האָט קיינמאָל ניט גענארט אונדז
און ניט מיד געוואָרן זײַט איר,
וואָראָשילאָווס קוילן שטארקע,
וואָראָשילאָווס פלינקע רײַטער.

די שלאכט־פרײַנט אמאָליקע צו אים גייען אונטער,
די קריגער און מיטקעמפער פון פלאמיקע טעג,
און ס׳ווינקט אונדזער סטאַלין ווארעם און מונטער
צו די העלדן פון רומפולן זיגרײַכן וועג.

און זיי קוקן זיך צו צו די פעסטע קאָלאָנעס,
א וועלט אעראָפּלאַנען, פון שפּיזן א יאַם,
און ס׳פלאַטערן שטאָלץ די העלדישע פאָנען,
באַדעקטע מיט רום פונעם בירגערקריג־פלאַם.

וואָראָשילאָווס פערד איר פלינקע,
וואָראָשילאָווס קוילן שטאַרקע,
אין אַטאַקע און אין שפּרינגען
האָט איר קיינמאָל ניט גענאַרט אונדז,
איר האָט קיינמאָל ניט גענאַרט אונדז,
און ניט מיד געוואָרן זייט איר,
וואָראָשילאָווס קוילן שטאַרקע,
וואָראָשילאָווס פלינקע רייטער.

אפן פלאַץ אפן רויטן אין ריטמישע מאַרשן
די אַרמיי אונדזער מעכטיקע שפּאַנט,
דער קאָמיסאַר וואָראָשילאָוו — דער אײַזערנער מאַרשאַל —
קוקט זיך אײַנעט און שמייכלט און הייבט אוף זײַן האַנט.
און ס׳שווערן די קריגער דעם קאָמיסאַר און דעם פירער —
פאַרן טײַערן היימלאַנד זײַן גרייט אפ דער וואַך.
א פאָלק אָט אזא מין, אן אַרמיי אזא זיכערער
איז ניט שרעקלעך קיין קעגנער אין יעטווידער שלאַכט.

וואָראָשילאָווס פערד איר פלינקע,
וואָראָשילאָווס קוילן שטאַרקע,
אין אַטאַקע און אין שפּרינגען
האָט איר קיינמאָל ניט גענאַרט אונדז.
איר האָט קיינמאָל ניט גענאַרט אונדז,
און ניט מיד געוואָרן זייט איר,
וואָראָשילאָווס קוילן שטאַרקע,
וואָראָשילאָווס פלינקע רייטער.

★ ★

ו. לעבעדיעוו־קומאטש

דאָס ליד וועגן היימלאַנד

ס'איז ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
מיט פעלד און וואלד, מיט טײַכן איז זי רײַך, —
נאָך א לאנד אזא וועסט ניט געפינען,
ווו דער מענטש זאָל לעבן אזוי פרײַ.

פון מאָסקווע שטאָט און ביז די ווײַטסטע ערטער:
פון דאָרעם־קאנט און ביזן צאָפן־יאם, —
גייט דורך דער מענטש בא אונדז דאָ ווי א הערשער
פון זײַן גרויסן ראכוועסדיקן לאנד.
דאָס לעבן שפּארט פון אומעטום אנטקעגן,
פרײַ און ברייט אָט ווי די וואָלגע־טײַך,
פאר די יונגע, — אָפן אלע וועגן,
אומעטום מיר אכטן אלטע לײַט.

ס'איז ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
מיט פעלד און וואלד, מיט טײַכן איז זי רײַך, —
נאָך א לאנד אזא וועסט ניט געפינען,
ווו דער מענטש זאָל לעבן אזוי פרײַ.

אונדזער פעלד די הימלען קען צעשפּארן,
אזויפיל שטעט — ניט איבערציילן גאָר,
אונדזער שטאָלץ און מעכטיק וואָרט „טאָווארישטש"

איז אונדז ליבער פונעם שענסטן וואָרט.
מיט דעם וואָרט איז ווארעם אונדז און היימיש,
ווו מיר קומען נאָר מיט אים אַרײַן, —
ווײַל דאָס וואָרט באַקאַנט איז יעדן איינעם,
אומעטום מיט אים מיר קריגן פרײַנט.

ס׳איז ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
מיט פעלד און וואלד, מיט טײַכן איז זי רײַך, —
נאָך אַ לאַנד אַזאַ וועסט ניט געפינען,
ווי דער מענטש זאָל לעבן אַזוי פרײַ.

בײַ אונדזער טיש — פאַר אַלעמען דאָ ערטער,
מע ווערט בײַ אונדז לויט מײַסים הויך געשעצט.
מיט גאָלד פאַרשרײַבן מיר די גרויסע ווערטער
פון כאווער סטאַלינס אַלפאָלקישן געזעץ.
אָט די ווערטער רומפולע, צעהעלטע,
ניט פאַרווישן קיינמאָל וועט די צײַט:
רעכט פאַרמאָגט בײַ אונדז דער מענטש אַף שטענדיק,
אַף בילדונג, אַרבעט און אַף רוען פרײַ.

ס׳איז ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
מיט פעלד און וואלד, מיט טײַכן איז זי רײַך, —
נאָך אַ לאַנד אַזאַ וועסט ניט געפינען,
ווו דער מענטש זאָל לעבן אַזוי פרײַ.

אין מײַן לאַנד מײַאָווע ווינטן טאַנצן,
יעדן טאָג אַלץ גרעסער ווערט די זון,
און קיינער קען ניט אַף דער וועלט דער גאַנצער
לאַכן, ליבן בעסער נאָך פון אונדז.
מיר פאַרפרעסן צאָרנדיק די ליפּן,
ווען דער פײַנט צו אונדז אין לאַנד זיך גראָבט;

ווי א קאַלע, אונדזער לאַנד מיר ליבן,
ווי א מוטער, היטן מיר זי אָפּ.

ס׳איז ברייט און גרויס מײַן טײַערע מעדינע,
מיט פעלד און וואַלד, מיט טײַכן איז זי רײַך,—
נאָך א לאַנד אזא וועסט ניט געפינען,
וווּ דער מענטש זאָל לעבן אזוי פרײַ.

★ ★

ו. לעבעדיעוו־קומאטש

אויב ס׳איז מאָרגן א קריג

אויב ס׳איז מאָרגן א קריג, אויב דער סוינע פאַלט אָן,
אויב ס׳וועט אָנפאַלן עמעצער וועלן,
וועט דאָס גאַנצענע פאָלק, ווי איין מעכטיקער מענטש,
פארן היימלאַנד דעם פרייַען זיך שטעלן.

אפ דער ערד, אין דער הייך און אפ יאַמען
א געזאַנג אזא מעכטיקער גייט,
אויב ס׳איז מאָרגן א קריג, אויב ס׳איז מאָרגן א מאַרש,
דאַרף מען הייַנט צו די שלאַכטן זייַן גרייט.

אויב ס׳איז מאָרגן א שלאַכט, איז דאָס לאַנד אפ דער וואַך,
פון קראָנשטאַדט ביז דער טייַגע געדיכטער
הייבט זיך אופעט דאָס לאַנד, גיט דאָס לאַנד א דערוואַך,
און דעם סוינע מיר וועלן פאַרניכטן.

אפ דער ערד, אין דער הייך און אפ יאַמען
א געזאַנג אזא מעכטיקער גייט,
אויב ס׳איז מאָרגן א קריג, אויב ס׳איז מאָרגן א מאַרש,
דאַרף מען הייַנט צו די שלאַכטן זייַן גרייט.

דער האַרמאַט גיט א קנאַל, דער פראָפּעלער — א שאַל,
און עס רוישן די מעכטיקע טאַנקעס,

כאַווער סטאַלינ צווישנ סטאַכאַנאָווצעס.

קינסטלער פּ. וו. וואַסיליעוו.

דער לינקאָר איז שוין גרייט, די פּעכאָטע זי גייט,
און עס יאָגן די פלינקע טאַטשאַנקעס.

אַף דער ערד, אין דער הייך און אַף יאַמען
אַ געזאַנג אַזאַ מעכטיקער גייט,
אויב ס׳איז מאָרגן אַ קריג, אויב ס׳איז מאָרגן אַ מאַרש,
דאַרף מען הײַנט צו די שלאַכטן זײַן גרייט.

ניין, מיר ווילן קיין קריג, נאָר מיר גרייטן אַ זיג,
ווען דער פײַנט וועט די גרענעץ באַרירן,
און אַף פײַנטלעכער ערד ווערט דער סוינע צעפּליקט,
אונדזער לאַנד זאָל קיין ערד ניט פאַרלירן.

אַף דער ערד, אין דער הייך און אַף יאַמען
אַ געזאַנג אַזאַ מעכטיקער גייט,
אויב ס׳איז מאָרגן אַ קריג, אויב ס׳איז מאָרגן אַ מאַרש,
דאַרף מען הײַנט צו די שלאַכטן זײַן גרייט.

הייב זיך אופעט מײַן פאָלק, זײַ געבענטשט מיט דערפאָלג,
היי, איר פײַקעלעך, לאָמיר דערלאַנגען,
מוזיקאַנטן אין ריי, און די זינגער מיט זיי,
לאָמיר הערן די הויכע געזאַנגען.

אַף דער ערד, אין דער הייך און אַף יאַמען
אַ געזאַנג אַזאַ מעכטיקער גייט,
אויב ס׳איז מאָרגן אַ קריג, אויב ס׳איז מאָרגן אַ מאַרש,
דאַרף מען הײַנט צו די שלאַכטן זײַן גרייט.

אין דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ אַזאַ קראַפט,
וואָס זאָל קאָנען דאָס לאַנד מײַנס באַזיגן,
סטאַלין פירט אונדזער לאַנד, מיט זײַן מעכטיקער האַנט
וואָראָשילאָוו צום זיג אונדז באַפליגלט.

אפ דער ערד, אין דער הייך און אפ יאמען
א געזאנג אזא מעכטיקער גייט,
אויב ס׳איז מאָרגן א קריג, אויב ס׳איז מאָרגן א מארש,
דארפ מען היינט צו די שלאכטן זיין גרייט.

★★

וו. מאיאקאָווסקי

די קאָמיוגישע ליד

טויט — ניט דערוועג
פארשטעלן דעם וועג!

זי בויט,
זי בײַט,
זי רײַסט
און שנײַדט,

זי רוט,
זי שוימט,
זי זידט, זי צעברענט זיך,
זי רופט,
זי רעדט,
זי שווײַגט
און ברומט —
די יונגע ארמײ:
לעבינצעס.
מיר
דאָס נײַע בלוט
אין אָדערן פון שטאָט,
דער קערפּער פון פעלד,
דער פאָדעם פון אידײ
אין אונדז איז פארוועבט
און מיר וועלן אים וועבן.

לעבינ —
האָט געלעבט,
לעבינ —
לעבט.
לעבינ —
וועט לעבנ.

מ׳האָט פארגאָסנ מיט ווײ
א טײל פונ לעבינענ —
דעמ גופ.
אוועקגעשטעלט א מאווזאָלײ
אפ דער וואכ.
ס׳האָט פוילונג קײנ מאכט,
קײנ מאכט האָט די ערד,
קײנ פײַער צעשטערט
דאָס ערשטע אינ לעבינענ —
טאט אונ זאכ.

טויט,
לײג אוועק די שווערד!
דײַנ אורטײל איז פאלש.
אזעלכער
וועט זיכ אויכ די הימלענ
אזוי ניט געבנ.
לעבינ —
האָט געלעבט.
לעבינ —
לעבט.
לעבינ —
וועט לעבנ.

לעבינ —

לעבט

אינ שטײַגנ פונ קרעמל —

דעמ פירער

פונ דעמ קאפיטאלס געפאנגענע

אינ אימ די וועלט וועט קענענ.

ער וועט לעבנ,

אונ די ערד

וועט זיכ גרויסנ

מיטנ שטאָלצנ נאָמענ:

לעבינ.

עס וועלנ איבער דער ערד

נאָכ אופשטאנדנ גײנ;

וועלנ דורכלײגנ א וועג

דער קאָמונע

דורכ אלע לענגענ אונ ברײטנ

אונ גרעבנ.

לעבינ —

האָט געלעבט.

לעבינ —

לעבט.

לעבינ —

וועט לעבנ.

זאָל נעמענ אינ אכט

דער טויט,

דער אלטער ראָב,

וואָס טרײַבט אינ גרוב

אונ עלטערט:

„לעבינ" אונ „טויט" —

ס'איז ווערטער — פײַנט,

„לעניִנ" אונ „לעבנ" —
וווּרטער — פריַינט.
פעסטער
דעמ טרויער האלט.
מיט ברוסט
אנטקעגנ דער כוואַליע פונ לייד.
דער שוואכקייַט קיינ אָרט ניט געבנ.
לעניִנ —
האָט געלעבט.
לעניִנ —
לעבט.
לעניִנ —
וועט לעבנ.
אָט דאָ איז לעניִנ
דאָ נעבנ.
אָט גייט ער,
אונ מיט אונדז איניינעמ שטאַרבט ער,
אונ ווידער אַפּ אונדזער ערד
מיט יעדער געבוירענעמ
געבוירנ ער ווערט.
ווי קראַפּט,
ווי וויסנ,
ווי א פאָנ דאָס געוויסנ.
ערד,
אינ ציטער לעב:
איבער אלע גרענעצנ
ווערטער —
דערהויבט זיכ אונ שוועבט.
לעניִנ —
האָט געלעבט.

לעבן —
לעבט.
לעבן —
וועט לעבן.

אויך לעבן
האָט אָנגעהויבן פון אָנפאנג, —
די לעבן —
ווארשטאט פון גענ׳.
פון נידער פון יאָרן,
פון קלאס פון נידער —
רײַס זיך
און וואקס און צעוואקס זיך אין לעבנען.
ציטערט, פאלאצן,
פארנייגט די קעפ!
דו, בירזשע פון רויב,
וועסט כאפן קלעפ.
און א צעשלאָגענע
וועסט א הויל געבן.

לעבן —
האָט געלעבט.
לעבן —
לעבט.
לעבן —
וועט לעבן.

לעבן
איז גרעסער
פון אלע גרעסטע,
נאָר אפילע
אָט דעם וווּנדער

האָבן באַשאַפן פון אַלע צײַטן
די מילבן —
מיר,
די מילבן פון קאָלעקטיוו.
דעם מוסקול
אין אַ קנופּ פאַרבינד.
די ציין די מעסערס
לאָז אַרײַן טיף
אין לערע, אין וויסן,
אין וויסן, אין שטרעבן.

לענין —
האָט געלעבט.
לענין —
לעבט.
לענין —
וועט לעבן.

זי בויט,
זי בײַט,
זי רײַסט
און שנײַדט,
זי רוט,
זי שוימט,
זי זידט, זי צעברענט זיך,
זי רופט,
זי רעדט,
זי שווײַגט
און ברומט —
די יונגע אַרמיי:
לענינצעס.

מ י ר

דאָס נײַע בלוט,
אין אָדערן פון שטאַט,
דער קערפּער פון פעלד,
דער פאָדעם פון אידיי
אין אונדז איז פארוועבט
און מיר וועלן אים וועבן.

לעניןֿ —
האָט געלעבט.
לעניןֿ —
לעבט.
לעניןֿ —
וועט לעבן.

★ ★

ו. מאיאקאָווסקי

וולאדימיר איליטש לענין

(פראגמענטן פון דער פּאָעמע)

... פלוצעם פון דאָרט,
פון הינטער דער נעווא,
פון פינליאנדער וואָקזאַל
איבער וויבאָרגער גאס
האָט א הילך געטאָן א בראָנעוויק.
און ווידער
א ווינט
א פרישער, א שטארקער,
האָט די כוואליעס
פון דער רעוואָליוציע
אופגעהויבן אין שוים און אין גליק.
דעם ליטיינע פּראָספעקט
האָבן פארגאָסן
בלוזעס און קעפּקעס,
און שטימען האָבן זיך צעהעלט:
„לענין איז מיט אונדז שוין!
זאָל לעבן לענין!"
— כאוויירים! —
און איבער די קעפּ
פון די ערשטע הונדערטער

די האַנט,
וואָס פירט פאָרויס,
האָט ער אַרויסגעשטעלט.
— מירן אַראָפּוואַרפן
פון דער עסדעקישקײַט
די אַלטע שמאַטעס!
נידער
מיט דער מאַכט
פון די פשאָרעמאַכערס און קאַפּיטאַליסטן!
מיר —
די שטים
פון ווילנע פון נידער,
פון די אַרבעטער־מאַסן
פון דער גאַנצער וועלט.
זאָל לעבן
די פּאַרטיי,
וואָס בויט קאָמוניזם,
זאָל לעבן
דער אויפשטאַנד
פאַר דער מאַכט פון די ראַטן!
זאָל לעבן —
צום ערשטן מאָל
פאַר די צעטומלטע מענגען
אָט דאָ,
פאַר דיר,
נאָענט,
איז
אויפגעשטאַנען,
ווי אַ פּאַשעטע
זיך טוענדע זאַך,

דאָס אומדערגרייכבארע וואָרט —

„סאָציאַליזם".

אָט דאָ,

פון הינטער די זאַוואָדן, וואָס הודען,

באַלויכטנדיק דעם האָריזאָנט

איבערן גאנצן הימל־געפלעכט,

איז אופגעשטאנען

די מאָרגנדיקע

קאָמונע פון ארבעטנדיקע —

אָן בורזשויען,

אָן פּראָלעטאריער,

אָן פּריצים און קנעכט.

איבער דער גרעב

פון די ארומגעדרייטע

פשאָרעמאכערישע שטריק

זייַנען איליטשס ווערטער

ווי קלעפּ פון א האק.

און די רעדע

האָט אָפּט איבערגעריסן

מיט וואָלגער פון געשריי:

„ריכטיק, לענין!

עמעס!

שוין צייַט!

מירן גיין!"

דאָס הויז

פון קשעסינסקע,

וואָס איז פאר פּיסדריגערייַ

געוואָרן געשענקט,[1]

---

1 קשעסינסקע איז געווען דעם קייסערס א באַלערינע. איר הויז איז אין די פעוורואַל־טעג פארנומען געוואָרן דורך די אופגעשטאנענע ארבעטער.

איז איצט פארפולט
מיט ארבעטער־בלוזעס.
עס רינט אהער
די פאבריק־מענגע.
דאָ
ווערט זי פארהארטעוועט
אינ לעני־נישער קוזניע.
„היי, בורזשוי!
עס אנאנאסנ,
ריאבטשיקעס קײַ,
דער לעצטער טאָג דײַנער
גייט שוינ פארבײַ"...
עס קריכט שוינ די מענגע
צו די זיצנדיקע
אינ באלעבאטישנ בענקל,
אינ ווייכנ שטול —
„ווי לעבט איר,
אונ וואָס מאכט איר?
אונ וואָס קײַעט איר,
אונ ווי לאכט איר?"
זיכ אָנמעסטנדיק,
אינ יול
א טאפּ געטאָנ דעמ האלדז
אונ דאָס בײַכל,
דעמ בורזשויס ציינ
האָבנ זיכ אויסגעשטשירעט באלד:
— דער שקלאפּ איז אופגעשטאנענ!
מיט בײַטשנ
ביז בלוט צעשלאָגנ
אונ פארקלעמענ אימ! —

און קערענסקיס הענטל
מע פּירט איבּערן באַפעל —
אַפ דער מושקע לענינען!
און די פּאַרטיי איז ווידער
אַוועק אין אונטערערד,
אילײטש אין ראַזליוו,
אילײטש אין פינליאַנדיע,
אָבער ניט דער בּוידעם,
ניט דאָס געצעלט,
ניט דאָס פעלד
וועלן דעם פירער ניט איבּערגעבּן
דער צעווילדעוועטער באַנדע.
לענינען זעט מען ניט,
נאָר ער איז נאָענט.
אין דעם, ווי עס גייט די אַרבּעט,
זעט מען
דעם אָנוויזנדיקן
לענינס געדאַנק,
מע זעט
די פירנדיקע
לענינס האַנט,
פּאַר אילײטשס ווערטער —
דער בּעסטער באָדן:
זיי פאַלן,
און באַלד
וואַקסט אויס די זאַך,
און האַרט
שוין נעבּן דעם אַרבּעטער־אַקסל
וואַקסן
אַקסלען
פון מיליאָנען פּויערים.

און ווען ס׳איז
געבליבן נאָר
אפ די באריקאַדעס ארויסגיין,
א טאָג
אָנגעמערקט
אין דער ריי פון וואָכן,
איז לעניָן
אליין
געקומען קיין פּיטער:
— כאווײרים,
גענוג ציִען און שפּילן אין שפּעטער! —
דער יאָך פון קאַפּיטאַל,
דאָס פאַרזעעניש פון הונגער,
דער באנדיטיזם פון מילכאָמעס,
די גנייווישע אינטערווענציע.
גענוג!
זיי וועלן זיך באווײַזן
ווײַטער פון באָראָדיווקעס
אפן לײַב פון דער באַבע,
דער אלטער געשיכטע.
און פון דאָרט,
אפ אָט די טעג
זיך אומקוקנדיק,
וועסטו לעניָנס
קאָפּ
דערזען צוערשט
אין שטראלן פון געדאַנק.
דאָס איז
פון צען טויזנט יאָר
קנעכטשאַפט

צו די יאָרהונדערטער
פון קאָמונע
א לויכטנדיקער
איבערגאנג.
עס וועלן דורכגיין
יאָרן
פון הײַנטיקע שוועריקײַטן,
דער זומער פון קאָמונע
וועט אָנווארעמען די צײַט,
און דאָס גליק
מיט זיסקײַט.
פון גרויסע פרוכטן
וועט קומען
און וועט צײַטיק ווערן
אף די רויטע
אָקטיאבערישע בלומען.
און דעמלט
בא די לייענערס
פון לענינישע באפעלן
וועלן
באם איבערקלײַבן
די געלע
בלעטער
פון דעקרעטן
ארויסטרעטן
שוין אָפגעשאפענע טרערן.
און דאָס בלוט
וועט פון אופרעגונג
א שלאָג טאָן אין די שלייפן.
ווען איך
סומיר,

וואָס האָט פּאַסירט אין לעבן מיט מיר,
אונ כ׳פרעג,
אונ כ׳גריבל זיך אין די טעג —
ווו איז דער שענסטער טאָג?
דערמאָנ איך זיך שטענדיק
איינס אונ דאָס זעלבע —
דער פינפ־אונ־צוואנציקסטער,
דער ערשטער טאָג.
ווי באַגנעטנ,
שטויסנ זיך
די קריצנ פונ בליצנ,
מאַטראָסנ
שפּילנ
אינ באַמבעס, ווי אינ פילקעס,
פונעמ הודענ ציטערט
דער אופגערודערטער סמאָלני,
אינ פּאַטראָנענ־לענטעס
רויטגוואַרדייער אלע.
אײַך
רופט ארויס
דער כאוועֶר סטאלינ!

★ ★

װ. מאַיאַקאָװסקי

אַרבעט־שוץ

דער פּראָפאַריין
פאָדערט פון דיר ניט קיין סאַך.
דער מיטגליד־אָפּצאָל
איז, אייגנטלעך, אַ גאָרניט.
דערפאַר
איז דער קאָלעקטיװער אָפּמאַך
אַ זאַך,
האָסט אונטערגעשריבן —
און ביסט שוין באַװאָרנט.

און קעדיי
אין פאַריין
װײַט
ניט גיין,
איז דאָ אין יעדער זאַװאָד
אַן אויג פון פאַריין.
יעדער אַרבעטער
װייסט עס.
פאַבזאַװקאָם —
הייסט עס.
איז בײַ דיר עפּעס
אַ צאָרע פאַראַן,

ווענד זיך אהין,
אין פאבקאָם שפּאַן.

פאר דער פארקירצונג
ציטערן אַלע,
אָבער דיך
קאָן דאָס טרעפן
נאָר אין פאָלגנדע פאַלן:
ערשטנס,
ס'ווערט פארמאַכט דער זאַוואָד,
אָדער אַף אַ כוידעש
שטעלט זיך אָפּ די ראָד.
אַזוי צי אַזוי,
אָדער צי אָדער,
דו דײַן געצאָלטס פאָדער,
און ביסטו איבעריק אין פאבריק,
זאָגט מען עס דיר פריִער
מיט פערצן טעג.
ביסטו קראַנק —
איז אָן אַ גוואַלד,
בלײַבט די שטעלע.
צוויי כאַדאָשים
גייט דאָס געהאַלט.
און אַ פרוי בײַ קרענק
און בײַ קימפעט
קאָן אפילע
פאַר אַ האַלב יאָר
באַקומען.
פריִער מיטן אורלויב
איז אַ צאָרע געווען —

אָן אַ גראָשן געלט
גיי און טאַפּ
די ווענט.
הײַנט איז געוואָרן
אַ נײַע וועלט:
פֿאַרן אורלויב
גיב פֿאָרויס
דאָס געלט.

ווער האָט אַמאָל
פֿון געזעצן געטראַכט!
אַרבעט אַפֿן באַלעבאָס
אי באַטאָג, אי באַנאַכט.
איצטער
איז פֿינף פֿרײַלעכע ווערטער דאָ:
„אַרבעטן דאַרף מען אַכט שאָ".

ס'איז דאָך אויף דער גאַנצער וועלט
אַזעלכס ניטאָ,
פֿון די אַכט
גייט אַפּ וואַרעמעס אַראָפּ
אַ האַלב שאָ,
און אויב אַן אַרבעטערן
זויגט אַ קינד,
האָט זי אַ באַזונדער אָפּרו,
זי האָט פֿאַרדינט.

דער אַלטער סיידער
איז פֿאַרפֿאַלן אויף אייביק.
באַנאַכט,
אָדער ווו ס'איז שעדלעך
און שטויביק,

האָט דער אַרבעטער־געזעץ
פאַרבאָטן קלאָר
צו באַשעפטיקן פרויען
און קינדער ביז אַכצן יאָר.

פריִער באַ שמוציקער אַרבעט
פלעגסטו, ווי אַ כאַיע,
דײַן אָנטון שלעפּן.
איצט — אַ מעכאַיע!
איצט וועסטו דײַן אָנטון
באַ דער אַרבעט ניט פליקן,
זאָלן ספּעץ־האַלבאָשע
געבן די פאַבריקן.
דער קאָדעקס פאַרקריכט
אין די שפּאַרונעס פון שטײַגער,
נעמט אַ שפּיטאָל,
אַ קלוב, אַשטײַגער,
אַ יאַסלע,
אַ באָד,
אַ דירע אַפילע,
וווּ ס׳איז אַן אומאָרדענונג,
צי שמוציק, כאָלילע,
אַלץ וועט באַמערקן
און באַשטראָפן
האַרב
דאָס אויג פון געזעץ —
דער אינספּעקטער פון אַרבעט.
פריִער,
אַז דער אַרבעטער
איז געוואָרן אַרבעטלאָז,

איז ער פון אַלעמען
גמוואָרן פאַרלאָזט.
איצט
וועט זיך מער
אַזוינס ניט פירן —
דער געזעץ האָט געהייסן
דעם אַרבעטער פאַרסטראַכירן.
ביסטו קראַנק,
ס'האָט דיך אַן אומגליק געטראָפן,
איז באַלד צו דער קאַסע געלאָפן,
די קאַסע וועט דיר אַ דאָקטער געבן,
אי געלט אויף ראַטעווען דאָס לעבן.
רײַסט דיר אָפּ אַ האַנט,
ווערסט אַן אינוואַליד,
זאָגט דער געזעץ:
„העלף אים גיט!"

★ ★

א. מאלישקאָ

(אָרדענטרעגער)

מיט אים מיר לעבן

אין אַרבעט און אין קאַמף, אין גאָלדענעם גליק,
מיט אים מיר לעבן, אָטעמען און פלאַמען.
דאָס וואָרט דו ווילסט דערוויסן? הייב דײַן בליק,
דאָס וואָרט דאָס טײַערסטע וועסטו דערמאַנען.

דו קוק, א שטורעם גייט פון בלויען יאַם
און שמידט א בליץ, א זײַל פון פײַער ריינעם,
נאָר אף דעם פעלדז אַלץ שטײַגט דער צעדער־שטאַם,
און בייגט זיך ניט און גיט קיין ציטער קיינמאָל.

ווי נאָר איך טו א קוק — דאָס האַרץ דערמאָנט,
דאָס גרויסע וואָרט מיטן צעדער כ׳טו פאַרגלײַכן,
דו בלי, מײַן היימלאַנד, יונג און טײַער לאַנד,
אין נײַער קראַפט דו האָסט גאָר ניט קיין גלײַכן.

דו טו א קוק, אַן אָדלער אין די הימלען פליט
דאָרט איבער קאַספּי אין קאַווקאַזער רוימען —
דער אָדלער האָט זי פײַנט, די טונקלע מיט,
ער וועט די הייכן ניט פאַראַטן קיינמאָל.

ווי נאָר איך טו א קוק — דאָס האַרץ דערמאַנט,
דאָס גרויסע וואָרט מיטן אָדלער כ׳טו פאַרגלײַכן,

דו בלי, מײַן הײמלאַנד, יונג און טײַער לאַנד,
אין נײַער קראַפט דו האָסט גאָר ניט קײן גלײַכן.

דו טו א קוק, עס שפּילט דער יאַם אַצינד
מיט אויפגערעגטע טיפענישן שטרענגע;
וואָס זײַנען אים דער נעפּל און דער ווינט,
ווער קען זי אויסשעפּן, די כוואַליעס־מענגע!

ווי נאָר איך טו א קוק — דאָס האַרץ דערמאַנט,
דאָס גרויסע וואָרט מיטן יאַם איך טו פאַרגלײַכן.
דו בלי, מײַן הײמלאַנד, יונג און טײַער לאַנד,
אין נײַער קראַפט דו האָסט גאָר ניט קײן גלײַכן.

אין אַרבעט און אין קאַמף, אין גאָלדענעם גליק,
מיט אים מיר לעבן, אָטעמען און פלאַמען.
ס׳איז סטאַלינס נאָמען לויכט אין יעדן בליק,
אַף אַלע טריקענישן, אַלע יאַמען.

ס׳איז אונדזער ליבער פירער, לערער, פרײַנט
דער צעדער־בוים אין הײכן פון ליוואַנען,
זײַן וואָרט — אַן אָדלער אין די הײכן שײַנט,
און זײַן געדאַנק איז טיפער פון די יאַמען.

★ ★

א. מאלישקאָ

א ליד וועגן שטשאָרסן

רײַטער — עסקאַדראָנענווײַז
דורך ווי א געוויטער,
לידער זיי דערמאָנען אונדז,
די באַליבטסטע לידער.

וואָס זײַנט איר, יאַטן, טרויעריק,
וואָס זײַנט איר מאָרעשכוירעדיק?

נאָך די הײַדאַמאַקעס דאָרט
רוט איר שטילע איצט,
צווישן די אַטאַקעס פאָרט
בענקט זיך צו דער ליבסטער.

קלאַפּן פערד מיט קאָפּיטעס,
קלאַפּן אַף די פּליינען,
איבער שליאַכן טאָפּעט איצט,
רײַט א רײַטער איינער.

אין כאַטעס, ווי א מאַקע שוין,
קומט און לאָזט זיי ליידיק...
א מיידל א באַטראַקישע
אַזוי טיף באַליידיקט...

דאָרט, וווּ ס׳פּליסט דער טעטערעוו,
בלויע שטראָמען וויקלט,
רײַטן ערשטע העט ארופֿ,
זוכן ניט קיין בריקל.

דורכגערוישט מיט גראָז און מאָך —
האָבן זיי בא וועגן
אין פֿאַרטאָג, בא ראָסע נאָך,
שטשאָרסן דאָרט באַגעגנט.

ווי ס׳האָט שטשאָרס נאָר אויסגעהערט,
וועגן פֿײַנט, וואָס שענדט דאָרט,
ווי ס׳האָט שטשאָרס זיי אויסגעהערט,
האָט ער זיך פֿאַרענדערט.

און די פֿרײַנט קיין האַנט ער גיט,
מיט קיין וואָרט באַגריסט ניט,
נאָר א שאָס, און דער באַנדיט
האָט א סאָפּ א וויסטן.

פֿאַר דער שאַנד — א דאַנק דיר,
בלײַענער געשאַנק דיר,
אונטער קאָפּ באַנדיטישער —
ווילדע גראָזן הינטישע.

ניט קיין ווינטן בלאָזן עס,
ס׳רוישן ניט קיין קליאָנען —
נאָר מיט רום פֿאַרגאָסענע
שטשאָרס ניצאָכן־פֿאָנען,
נאָר די דורכגעשאָסענע
שטשאָרס ניצאָכן־פֿאָנען.

★ ★

פּערעץ מאַרקיש

(אָרדענטרעגער)

דעם פּירערס וואָרט

עס וועלן שטערן אַפן הימל ניט פאַרוועלקן,
און ניט דאָס האַרץ, וואָס איז צו ווײַטקײַטן באַלאַנגט:
— רום צו דיר, באַליבטסטער זון פון פעלקער,
אַף אַלע זיבעציק לעשוינעס פונעם לאַנד!

ביז צו דעם קאַלטסטן שטערנבלענד — איבער כמאַרעס —
געשניטן האָט דײַן וואָרט די רוימען, ווי אַ שווערד:
— ס'איז מער ניטאָ קיין קנעכט קיין פּראָלעטאַריער
אַף אַ גאַנצן זעקסטל פון דער ערד!

אין שלאַכט קעגן באַצווינג, אין ראַנגלעניש מיט שטורעם,
און טראָט נאָך טראָט — פון ראַנד ביז ראַנד —
האָסטו אין פײַער און אין פלאַם געקנאָטן און געפורעמט
פון נײַער וועלט דעם ערשטן וואַריאַנט!

ס'איז אופגעגאַנגען דער טרוים פון דורעס און פון צײַטן,
ווי שנייען אייביקע מיט שטערנדיקן בלאַנק;
— אַ־יעדער טראָט האָט זיך יאָרהונדערטן געצײַטיקט,
— יאָרהונדערטן געריפּט האָט יעטווידער געדאַנק!

פון קייטן — איבער ראַנד — אַ פרײדיקער געדונער,
פון אונטער דר' ערד, געשמידטע, וועקן זיך דאָרט טריט;

עס שטייען שאָטנס אויף פון דער צעשאָסענער קאָמונע,
און הענט פאַרוואונדעטע זיך רײַסן פון מאַדריד!

באַשײַנט מיט ליכט פון גרויסער אומשטערבלעכער לערע,
האָסטו דעם וועג מיט שטערן אָנגעצייכנט העל;
— אין יעדן וואָרט יאָרהונדערטן זיך הערן,
— אין יעדן וואָרט — גויראָלעס פון דער וועלט!

די קנאָספּן אײַלן זיך פון בוים — די הויט אויף זיך צעשפּאַרן,
פון אונטער שניי דער זוים אין וווּקס אין שטילן הערט:
ס'איז מער ניטאָ קיין קנעכט קיין פּראָלעטאַריער
אויף אַ גאַנצן זעקסטל פון דער ערד!

צום ערשטן שטאַפּל — מיט געשטײַג פאַרקלאַפּט —
געפּלאַסטערט האָסט דעם וועג — אַ קלאָרן, ווי אַ פאָרמול;
— די מענטשהײַט איז געוואָרן העכער אויף אַ קאָפּ,
— און אויף אַ לעבן ייִנגער איז די וועלט געוואָרן.

עס וועלן שטערן אויפן הימל ניט פאַרוועלקן,
און ניט דאָס האַרץ, וואָס איז צו ווײַטקייטן באַלאַנגט:
— רום צו דיר, באַליבטסטער זון פון פעלקער,
אויף אַלע זיבעציק לעשוינעס פונעם לאַנד!

★ ★

אליא מאשאשווילי

(אָרדענטרעגער)

דו ביסט אוועקגעגאַנ

דו ביסט אוועקגעגאנ
פונ אונדז,
דו גרויסער לעניג,
אונ ווי א טאָל אָנ גרינס
מיר זײַנעג דאנ
געבליבנ עלנט.
אָט זע:
מאָנגאָלנ, קאווקאזער אונ אריער—
פארפלאָכטענע ווי צווײַגנ פראָסטע
אינ א טרויער־סטענגע,
אונ ווי די פייגל,
א וויינענדיקע פייגל־מענגע,
די אלע טעג
א רעקוויעם א טרויעריקנ ציִענ
טיפליס אונ מאָסקווע,
אונ ס׳קלאָגט מיט זיי דער ארבעטער־בערלינ,
געטרײַע ארבעט־זינ.
אָ, אָט דער טויט! א פלוכ דעמ טויט!
נאָר מיר זײַנעג נאָכ קרעפטיק, גלויבט!
מיר קלאָגנ איצטער,
יאָ, מיר קלאָגנ,

די ווונד אין הארצן בראָט און קרענקט.
נאָר ווייסט: מיר קאָנען זיך נאָך שלאָגן!
דעם לעגין־פּריזיוו פאַרגעדענקט!
און אין דער גרויסער שאָ,
ווען מירן הייסערהייט
א לאָז טאָן זיך, צעטרעטנדיק די סאָנים,
איז אונטער וועמעס פאָנען?
פאַר לענינס רום איז דאָ —
אָן איבעריקע רייד
יעדערער צו שטארבן גרייט!

אָ, לענין אונדזוערער, אָ, לענין ליבער!
דיך אָפּגעבן דער ערד ווי קאָנען מיר?
ביסט אונדזערער און ווייסט אונדז פיל נאָך לעבן,
כאָטש שטום ביסטו און גיסט זיך ניט קיין ריר.

דיין בליק, דיין שאַרפער בליק
וואַרפט צאָרן,
דער קלאָרער שטערן דיינער שיקט
אידייען־שטראַלן נאָכאַנאַנד.
און טרעפן וועט — אַף וועלט און לאַנד
וועט ווידער פלאַמען שטורעם־בראַנד, —
און ס'וועט דיין אָרן
דאָס פאָלק — דער לייב
דאַן טאָן א הייב,
ווי שניט און ווי פאַרזיי אריבער וואָלקנס שווערע
אַף אָנדענק ליכטיקן — אַף דוירעס און אַף ערעס.

★ ★



כאווער סטאלינ אפ ריאַנגרעס.

קינסטלער אי. מ. טאידזע

אליא מאשאשווילי

דאָס הײמלאנד פונ פירער

ט'איז דאָס לאנד, ווו שווערע צווײַגנ צו דער ערד זיכ בויגנ,
ווו איַנ בערג, פארצווײַגט אונ בליציק, פליט דאָס שטעגל אויסגעבויגנ,
ווו די פרײד קומט אָנ אינ הארצנ מיט א פײַכטנ ווינט פארזויגנ,
זונ־פאָנטאנעס פונעמ הימל כוואליענ זיכ מיט הויכע סטויגנ.

ווו די בערג נאָכ בערג זיכ ציִענ אונטער זײַד פונ וועלדער גרינע,
סנאָפּעס־שטראלנ, ווי די סטרונעס, צווישנ פעלדזנ זיכ פארשפּינענ,
ברײטע סאמעטנ פונ אופגאנג מיט די ווײַנטרויבנ זיכ מינענ,
אונ די בײמער — ווי די הירשנ אינ די בארגיקע באגינענס...

אײניק וועלט איז, פארב אונ רויכל טײלנ ווײַטנ אָפּ פונ ווײַטנ,
ווי די אויגנ, פלאמענ ווײַנשל, ס'פלאמענ פערסיקעס צעשײַטערט,
קוק אפ רעכטס — אינ יאמ מיט ווײצנ פאלט די רעגנ־זאפט פארשײַטער,
לינקס אפ בערג — די פעטע שעפּסנ ווי די כמארעס טועג רײַטנ...

פרוכטנ גיבנ די קאָלווירטנ אונ אינ גוטס די דערפער גײענ,
ווערט דער ווײַנ אינ קרוגנ פולער, ווערנ קרוגנ שווער פאר צווײענ,
ס'איז דער קעז ווי די לעוואָנעס, ס'ליגנ ברויטנ ווי טראָפּײענ,
אונ דורכ טויערנ צעפּראלטע פונ דער מילכ די רײכעס ווײענ...

קומסט אינ סאָד, — א בלעטער־הימל בלענדט אונ מורמלט פונ שאריִענ,
מיט א בלאָווקײַט פינקלענ פלוימענ אונ זײ טונקלענ נאָכ אינ בליִענ,

1843—17

ענגלעך ווײַנטרויבן צעהאנגען, בלעטער־פליגל ווי צום פליען,
ווי די האנט פון קינד פון מונטערס, נעמט דײַן האנט זיך צו זיי ציען.

קאנט מײַן קאנט, באַם יאַם באַם שווארצן ווי דער מאָרגן טוסטו העלן,
און די זון, די קרוינ פון צײַטן, הייבט זיך אויף אָפּ פעלדזן־שוועלן,
ס׳פלעכט דער ווײַנגאָרטן די צווײַגן, ס׳רוען שעפּסענע געזעלן,
און אליין די ערד און הימל — פּיראָסמאַנישע געמעלן.

פּירער! ביסט אָט דאָ געבאָרן, דאָ פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן,
היטסט אין זיך די פּראָסטע קלוגשאַפט און די רו פון די קאַיאָרן,
ווי דער אָקעאַן ביסט אייביק, אייביק ווי די שײַנען־קלאָרן,
ביסט די כאָכמע פון די וועלטן, און מײַן פאָלק האָט דיך געבאָרן!

און אָדזעלאַשווילים גוורע האָט געלעבט אין דײַנע טרוימען,
אין די שוידערלעכסטע צײַטן פלעג דײַן טרוים אין הארצן שוימען,
האָסט צערוקט די פעלדזן־שטיינער, האָט אַ פײַער אין די רוימען
זיך געהויבן, פאַר דער פרײַהײַט מ׳האָט געדאַרפט די פונקען־זוימען!

ס׳האָבן לעבנשע געדאַנקען אין דײַן קאָפּ זיך שוין געהויבן,
האָסט פון אָנהייב אָן געוואָלט שוין אַלטע וועלט פון רויב צעשטויבן,
דײַן געדאַנק אין עמעס־ווערטער האָט צעשײַנט זיך קלאָר און זויבער,
ווי דאָס לעבן זיך פאַרוואָרצלט, ווי די זון זיך אויפגעהויבן...

גרייט ביסטו דײַן בלוט פאַרגיסן פאַרן פאָלק נאָך פונלאַנגאָנען.
ניט געבויגן, ניט געוואַקלט האָט די דראָונג פון די סאָנים,
האָסט אָפּ דר׳ערד געזייט געדאַנקען קעגן הענקער, קעגן טראָנען.
ס׳איז געשען: אָפּ ערד אָפּ גרויסער ברייט צעבליען דײַנע פאָנען!

ס׳האָט איין שײ̆ועט אָפּן צווייטן אויפגעהויבן זיך מיט סינע
און די ערד צעטיילט, צעריסן מיט די שפּיזן האָבן שפּינען,
ווי מיט מינעס אויפגעריסן, אַלע גרענעצן אַנטרינען,
און דו האָסט פאַר אַלע פעלקער גרויסע ברודערשאַפט געפונען!

ווּ ז׳די פֿײַנטשאַפֿט פֿון גרוזינער צו אַרמענער? שוין פֿאַרגאַנגען!
ווי די טײַכן, זײַנען מיר זיך אין איין טײַך צונויפֿגעגאַנגען,
ביזן שוואַרצן גרענעץ־הימל קאָן די רויטע שפּיז דערלאַנגען,
און אין פּאָנעם פֿון די סאָנים ווייען פֿאָנען מיט געראַנגל...

און פֿון מאָסקווע העט ביז אינדיען, פֿונעם שניי ביז מיזרעך־געגנעם,
זעט די וועלט דעם הויכן קרעמל, זײַנע שטערן זעט מען ברענען...
קלוגער פֿירער! צווישן אונדז און צווישן אַלע לויכט דײַן עמעס,
ס׳איז ניטאָ אַזאַ מין פּעסטונג, וואָס מיר זאָלן זי ניט נעמען!

ס׳לויכט דײַן פּאָן ווי אַ מאַיאַק איצט איבער ערד און איבער יאַמען,
און דײַן קאָל פֿאַר פֿרײַנט איז רעטונג, און פֿאַר פֿײַנט איז בלײַ פֿאַראַנען,
ווי פֿון טורעם זעסטו אַלעס: עס צעגייען זיך טומאַנען,
און דײַן סייכל איז נאָך טיפֿער פֿון די טיפֿסטע אָקעאַנען!

מיט די אָדלערישע אויגן דורך יאָרהונדערטן דערזעסטו,
אונדזערע געדאַנקען נערסטו מיט די ווערטער מיט די בעסטע,
פֿירסט צו גליק די פֿרײַע פֿעלקער און פֿאָרויס די וועגן מעסטו,
אויב דו בויסט מיט אונדז דאָס לעבן, ווייסן אַלע: זיגן וועסטו!

פֿון די לידער וויכט מיט זיגן. און דער הימל איז אַ בלויער,
גרייט צו יאָנטעוו און צו שלאַכטן, אונדזער מי ווייסט ניט קיין טרויער,
ווײַל דאָס סטאַלינישע האַרץ שלאָגט מיט אַ פֿײַער אומגעהויער
אין דער ברוסט פֿון יונגן היימלאַנד, אין דעם היימלאַנד פֿון די בויער.

אונדזער פֿירער! ס׳ווערן וואָר איצט פֿון יאָרהונדערטן די טרוימען,
האָסט געוואָרט, אַז ס׳זאָל די פֿרײַהײַט אויפֿגייען פֿון דײַנע זוימען,
ס׳האָט צעבליט זיך אונדזער היימלאַנד, ס׳פֿינקלען טײַכן, בערג און רוימען,
האָסט באַלויכטן מיט דײַן שמייכל אונדזער פֿאָלק מיט זײַנע טרוימען.

★ ★

מײַמבעט

(פֿאָלקס־זינגער פֿון קאַזאַכסטאַן)

װיגליד

שײן איז דײַן העמדל באַצירט,
פֿײַן האָט דײַן מאַמע גענײט.
דו װעסט זײַן, מײַן זון, אַ באַטיר.
מיט בלומען צעבליט איז דײַן קלײד.
לידער זינגט דיר דער סטעפּ, מײַן זון,
ס'טראָגט דיר סטאַלין, אַזױװי די זון,
זײַנע שטראַלן אַהער, צו דײַן װיג, —
די גאָלדענע שליסלען פֿון גליק.

צו דײַן װיגל װעט קומען אַ האָז,
דיך רופֿן אין סטעפּ אפֿן גראָז,
דער האָז יאָגט אַזױװי אַ בליץ,
די אױערן לאַנגע פֿאַרשפּיצט.
װי זילבער זײַן פֿעלעכל װערט —
אַ ברודער דעם װינט אינעם פֿעלד.
װען געװען דײַן זשירשי איז אַ קינד,
פֿלעג ער רײַטן אף רוקנס פֿון הינט,
אף רוקנס פֿון מאָגערע הינט,
און זײ טרײַבן מיט שטעקנס געשװינד.
דו װעסט פֿאָרן אין אױטאָמאָביל,
דער אַאול װעט אין שטױב זײַן פֿאַרהילט,

ווּעסט זיך יאָגן נאָך האָזן אין פעלד,
דו, מײַן גאָלד, דו, מײַן ייִנגל, מײַן העלד.
א כיירוז [1] קומט אהער צו דײַן וויג,
און ער רופט דיך צום טײַך בא דעם בריק,
באַם כיירוז זײַנען זשאַבּרעס רויט,
און די פלעדערן שטארק געבויט.
ס'איז זײַן ליסקע, ווי זילבער, ווי טאָג, —
א ברודער דער כוואליע, וואָס יאָגט,
ער פליט צווישן שטראָמען געשווינד,
נאָר דו ווּעסט אים דעריאָגן, מײַן קינד.
ווּעסט יאָגן, מײַן ייִנגל, מײַן העלד,
ווי א פיש אין דער יאַמישער וועלט,
א בערקוט אין הימלשער לופט
פליט צו דיר און צו וואָלקנס דיך רופט.
דער בערקוט האָט מעכטיק בלוט,
שטארקע לאַפּעס, וואָס שלאָגן זיך גוט.
ווען ער פאַלט אין דער נידער — א שטיין,
בא א וואָלף קען ער ברעכן דעם ביין.
דער ברודער פון וואָלקנס און אויך
פון די בערג, ווו ער לעבט אינדערהויך,
ווי ער פליט, ווי א שטורמישער ווינט. —
ווּעסט דעריאָגן דעם בערקוט, מײַן קינד.
ס'וועט א פלי טאָן געשווינד, ווי א קויל,
דײַן סאָוועטישער לײַכטער דויל־דויל.
אזוי שנעל, ווי מײַן טרוים, ווי מײַן לוסט,
און נאָך שנעלער נאָך פון א דזשולוס
ווּעסטו פליִען אין הימל־געצעלט,
דו, מײַן גאָלד, דו, מײַן ייִנגל, מײַן העלד.
ס'קומט א וואָלף, קומט צו דעם וויגל צו דיר, —
און א וועלפישע טשאטע ער פירט,

1) א פיש.

און זײַן פּעל איז פֿון אַש־קאָליר גרוי,
ס'איז זײַן אײבּיקער בּרודער קודוי,
דער שײַטאַנ איז זײַנ אײבּיקער פֿרײַנט,
נאָר דו שרעק זיכ ניט, ייִנגעלע מײַנס,
וועסט די בּעסטע אולטונ־מאָלטיק,
וועסט די גרעסטע, די טײַערסטע בּיקס
איִנ דײַנ האַנט אַרײַנ נעמענ אַזוי,
ווי דאָס פֿלעשעלע מילכ, וואָס דו זויגסט,
ווי אַ בּאַרג איז די בּיקס דײַנע גרויס.
און די קויל, ווי אַ יורטע, אַ הויז.
ס'איז דאָס צילכל, ווי פֿערדישער צאָנ,
און דאָס צינגל — אַ דעמבּ! ציסט עס אָנ,
מיט דײַנ פֿינגער דו גיסט עס אַ צי,
טוט עס בּאַלד, ווי אַ פֿויגל, אַ פֿלי,
וועט אַ פֿאַל טאָנ דער וואָלף בּאַ דײַנ וויג,
לויפֿט די טשאַטע איִנ היילנ צוריק.

שיינ איז דײַנ העמדל בּאַצירט,
פֿײַנ האָט דײַנ מאַמע גענייט.
דו וועסט זײַנ, מײַנ זונ, אַ בּאַטיר,
מיט בּלומענ צעבּליט איז דײַנ קלייד.
לידער זינגט דיר דער סטעפּ, מײַנ זונ,
ס'טראָגט דיר סטאַלינ, אַזויווי די זונ,
זײַנע שטראַלנ אַהער, צו דײַנ וויג, —
די גאָלדענע שליסלענ פֿונ גליק.

★ ★

כאַצא נאמאסאראיעוו

דעם גרויסן סטאַלין

דו זיגרײַכער, גרויסער
און שטאָל־הארטער סטאַלין!
דער העכסטער סאיאַנער שפּיצבארג
אין הויכקײַט זיך קאָן ניט
פארגלײַכן מיט דיר!
ביסט רײַכער און דורכזיכטיקער
ווי די קלאָרע וואסער בײַקאַלער,
וואָס רוישט מיט א ליד וועגן דיר.

אונדזער קאַנט
גייט פּאָרויס און פּאָרויס,
באפליגלט מיט זיג פון די ראטן,
דײַן לערע האָט באהעלט מיט שײַן
די הערצער פון אלע אראטן.

אמאָל אין די סטעפּעס די וויסטע
געקענט האָט מען הערן
נאָר קאָל פון שאמאנען
און קלאנגען פון זייערע
פּויקן און פּײַקלעך
אף אָנזאָגן שרעקן
און אומגליקן שווערע;

דער ווינט האָט די קלאַנגען
געיאָגט און געקײַקלט.

איצטער אונדזערע סטעפּעס
פאַרפלייצט האָט גערעטעניש,
דעם אומעט פאַריאָגט האָט
פון טראַקטאָר דער הילך,
אין פרוכטבארער שלאָג־ארבעט
הענט מיליאָנען,
און אונדזערע טשערעדעס שטראָמען
מיט פעטקײַט און מילך.

א גליקלעכ לעבן!
הויכ איבער אונדזער קאַנט,
ווי א רויטער רעגנבויגן,
די פאָן פון פרייד איז צעכוואַליעט,
זאָל אייביק דויערן
דײַן לעבן, אָ, אונדזער סטאַלין,
לענינס שילער און פרײַנט,
קלוגער פירער — גיגאנט!

★ ★

א ליד פון די יאמאלער נענצעס

סאנכילאגע! גיב דאָס קריגל
מיטן יונגנ הירשנ־בלוט,
גיב מײַנ העמד פונ פוכ געשטריקלט.
סאנכילאגע! גיב דאָס קריגל,
כ׳פאָר, יומאשקע, פרײַנט פונ וויגל,
כ׳פאָר צו סטאלינענ, ס׳איז גוט.
סאנכילאגע! גיב דאָס קריגל
מיטן יונגנ הירשנ בלוט.

נעמ־זשע אופ, מײַנ כאווער סטאלינ,
פונ מײַנ הארצנ דאָס געשאנק,
האָסט דאָס גליק בא אונדז צעכוואליעט,
נעמ־זשע אופ, מײַנ כאווער סטאלינ,
פונ יאמאלענ
דאָס געזאנג
ווי דערהויכט האָסטו אונדז שטראליק,
נעמ־זשע אופ, מײַנ כאווער סטאלינ,
פונ מײַנ הארצנ דאָס געשאנק.

מיר האָבנ פרײַנט איננ מי געקריגנ,
אונ יאגד, איננ דאכקעס אונ איננ שלאכט,
לויט די געזעצנ לויט די היגע

מיר האָבנ פרײַנט אינ מי געקריגנ,
מיט זיי געטרונקענ בלוט פונ קריגל,
דאָס הירשנ־בלוט אונ טיי, ווי נאכט,
אינ קרײַז פונ מענטשנ — הייס געאכט,
מיר האָבנ פרײַנט אינ מי געקריגנ,
אינ יאגד, אינ דאכקעס אונ אינ שלאכט.

★ ★

סטאַלין ווייסט

(פון סאאמער)

מיר לעבן אין קאָלווירט,
און פּאַשען קאָלווירטישע הירשן,
מיר פּאַשען די סטאַדעס אין טונדרע.
מיר ווייסן: אין מאָסקווע לעבט סטאַלין,
ער ווייסט וועגן אונדז, ער ווייסט
און ווינטשט אונדז גליק. און זעט:
מיר וועלן טאָן, ווי ער הייסט,
מיר וועלן טאָן, ווי ער רעדט,
סטאַלינען וועלן מיר פאָלגן, —
ער איז אונדזער פאָטער און פרײַנט.
זײַ־זשע, געטרײַער, געזונט!
מיר זינגען דיר א ליד אין פּולאָזערע [1],
מיר וועלן פאָרן קיין טשודזיאווער [2],
זינגט דאָס מיידל אנא אנטאָנאָוונא:
זײַ געזונט, סטאַלין, כאַווער!

---

[1] פּולאָזערע — א פּאָלוסטאַנעק אף קיראָווער אײַזנבאַן, מורמאַנער קרײַז.

[2] טשודזיאווער — לאָוואָזערסקער ראַיאָן, מורמאַנער קרײַז.

★ ★

ו. סאָסיורא

(אָרדענטרעגער)

רויטער ווינטער

1.

ליסיטשע באַם דאָנעץ... עס ציִען רויכן פון זאַוואָדן,
אַ זייגער זיבן קומט אַ צוג... אין סאָד — מוזיק.
פאַרגעסן כ'קאָן איך ניט, ווי יענע דריטע ראָטע...
און איך נאָך אין געלויף פון רעגעס איך באַזינג...

פאַרדינען געלט קיין סושטשענקע גאָר אָפט געגאַנגען,
אַ פּערטעלע אַ טאָג, און שטיינער פעסט געהאַקט;
און מיידעלעך געליבט, באַנאַכט אַפּ שטרוי געפאַנגען,
אָ, פרישער רויך פון סטעפּ, פון קושן דער געשמאַק.

ווי שאַכטעס אַפּ די בערג טאָג־טעגלעך פייער טרייבן,
באַ קוימען־ברום געלעבט מיר האָבן פראָסט,
געווייִנטלעך, אַפּ די פּלויטן זיך געלערנט שרייבן...
געשלאָגן ליסיטשאַנער, צו מיידלעך ניט דערלאָזט.

נו, ווי פאַרגעסן אים, דעם וויסטן באַרג דעם ווייטן
און בליצן פון דעם אויג (דאָרט נעפּל, גראָז און ערד),
וואָס האָבן מיר פאַראַטן... ווען אין נאַכט פאַרשייטער
האָב איך ווי ווינט געטראָגן זיך אַפּ ווילדן פערד?..

און אַלץ געררויש איך הער פון גיכע כוואַליעס קאַלטע,
און כ'הער, ווי ס'צאַקעט אַלץ אָן אופהער אַ זאַוואָד,

און טויער־סקריפּ דערציילט פון ליבע טעג פון אַלטע,
ווען מיר פּעטליורען שלאָגן האָבן זיך געלאָזט...

ליסיטשע באַם דאַנעצ... עס ציִען רויכן פון זאַוואָדן,
אַזייגער זיבן קומט א צוג... אין סאַד מוזיק...
פאַרגעסן כ׳קאָן איַך ניט, ווי יענע דריטע ראָטע...
און איַך נאָך אין געלויף פון רעגעס איך באַזינג...

.2

ס׳איז ווינטער. אַפּ פראָנט! אַפּ פראָנט! און מענטשן אַפּ פּעראָנען...
עס קיצלט אונדזער ברוסט און רעגט די יונגע פרייד...
די ליד „טשומאַק" מיר זינגען נעבן די וואַגאָנעס,
אין רייען האָט אונדז אויסגעשטאַלטעט בייזע לייד.

אַרום — קודלאַטע היטלען... ס׳בליצן דורך באַגנעטן...
נעבן גלאָק די שוועסטער שטייט, דעם טרויער קוים דערשטיקט...
די מאַמע ניט געקומען צום שלאַכט באַלייטן, —
און האַרץ מיַינס אָפּטלעך ווערט אין קלעם צונויפגעדרוקט...

איך שטיי דאָ ווי פאַרכאַלעמט. ס׳וואַרטן די וואַגאָנעס...
פון יענער זיַיט אונדז גרוסט דער פיַינטלעכער האַרמאַט.
אונדז שרעקן ניט די באַנדעס גאָלדענע פּאָגאָנעס —
מיר האָבן פיל פון זיי אונטער איַיז באַשטאַט.

ס׳איז ווינטער. אַפּ פראָנט! אַפּ פראָנט! און מענטשן אַפּ פּעראָנען...
עס קיצלט אונדזער ברוסט און ס׳רעגט די יונגע פרייד...
די ליד „טשומאַק" מיר זינגען נעבן די וואַגאָנעס,
אין רייען האָט אונדז אויסגעשטאַלטעט בייזע לייד.

★ ★

ו. סאָסיורא

ס׳איז דו, מײַן קאַנט...

ס׳איז דו, מײַן קאַנט, ס׳איז דו, מײַן אוקראַינע,
דו שפּילסט עס מיט די פליגלען אַף דער זון,
שטאָלץ, ווי דער סאָקאָל, שאַלסטו לידער־הימנען,
וואָס האָבן זיך מיט פרייד צעבליט אַרום...

ס׳איז דו, מײַן קאַנט, דאָס פאָטערלאַנד פון העלדן,
ווי פרילינג זינגט פאַר דיר מײַן האַרץ אַ ליד,
פון פויגלען שטאָלענע די ווײַט צעהעלטע דאָ,
נאָך זיי דער בליק אין יאַם פון זון־ליכט פליט.

עס גייען מענטשן זיכער, זון־באַשירעמט,
אין פאָנען־פלאַם אַרום דאָס לעבן וואַכט...
ס׳איז דו, מײַן קאַנט, זינגסט הימנען וועגן פירער,
וואָס האָט אַ לעבן דיר געשענקט — אַ פּראַכט.

★ ★

ו. סאָסיורא

דניעפּערבוי

עס בליט די רויטע אוקראַינע.
ווו כוואַליעס רוישן אינעם קאַנט,
ווו ס'רוישט דער דניעפּר אין ברעגן גרינע,
דאָרט האָט אוועקגעשטעלט טורבינעס
דעם אַרבעטערס געשטאָלטע האַנט.

רעדער, טריט זיך איילן, לויפן,
ווער האָט עס זיי
צעיאָגט אַזוי?
עס טרייבט דער הויכער טאָק אָן אויפהער,
דאָס לאַנד אַנטלויפט פון גרויע הויפן
און ס'גייט פאָרויס דער דניעפּערבוי.

אין טעג, אין רויך, אין ווייט פאַרשייטער
איז יונגער טראָט און דרייסטע ליד,
עס רוישן שטעט און העכער ווייט דאָרט,
אין הויך מיט אָרקעס לייכט צעשליידערט
האָט זיך אַ בליק־געוועב צעבליט.

איז ווערט־זשע רויטער, כמאַרעס־טיולן,
מיר האָבן אָט דעם טייך באַשיצט,
מיט דראָט־געוויש די ברייטקייט פול איז,

און דאָרט, ווו באַנדעס פֿלעגן הוליען,
עלעקטרע־צוגן פֿליִען איצט!

אין שטעט די בלויע מאַכנעס גייען,
דאָס שפּאַנען אַרבעטער באַפֿרײַט,
סירענעס רופֿן אין די רייען,
דער טראַקטאָר גייט די ערד דערפֿרייען,
אַ נײַעם וועג אין פֿעלד ער שנײַדט.

דער דניעפּער רוישט. די מענטשן פֿירן,
ס׳פֿאַרגייט די בלינדקײַט און דער וויי,
מאַשינען שטיין, ווי קאָמאַנדירן,
דאָס ראַטנלאַנד קאָן גרויס געבירן,
ווײַל פֿירן פֿירט די קאָמפּאַרטיי!

★ ★

א סאוואנער ליד וועגנ סטאלינענ

אָ־אָ־רעראָ־וואָרעראָ
רירָאָ־ראָשא־וואָרעראָ!..

האלט א מענטש דאָס לאנד אפ זייַנ שויס,
איז ער מעכטיק ווי א בארג,
ווי קאזבעק די גרויס.

א גליק איז די מענטשנ באשערט,
די אלטע אונ יונגע באשערט,
זיי האָבנ פאר זיכ אימ אליינ,
ווי די זונ, ווענ דער טאָג איז שיינ,
דעמ גרעסטנ מייַסטער
פונ גליקלעכע טעג אפ דער ערד.

אסאכ וואסער האָט אינגור דער טייַכ,
ער איז מיט קלאָרע שטראָמענ רייַכ,
אונ רייַכ איז מייַנ לאנד מיט רומ!
לידער זינגט מענ איצט אומעטומ
דעמ קלוגנ פירער
אפ יעדער שפראכ,
עס וואקסנ לידער אסאכ, אסאכ,
אונ גלייב דעמ זינגער:

1843—18

מיט לידער רײַך
איז מער מײַן לאַנד,
ווי מיט שטראָמען און זאַמד
אינגור דער טײַך!

איז לאָמיר א זינג טאָן, מײַנע פרײַנט,
וועגן דעם גרעסטן —
ער האָט אונדז באַשײַנט!
ס'האָט סטאַלין אַנטדעקט אונדז די אָדלערשע ברייט,
די זון אַלע פעלקער געגעבן אין האַנט,
און שטײַגנדיק אַף דער בערגער־קײט,
זעט דער פּאַסטעך,
ווי ס'בליט דאָס לאַנד.

אין אונדזערע גליקלעכע צײַטן דערגרייכט
א יעטווידער פּאַסטעך
צו יעטווידער הייך!

אָ־אָ־רערא־וואָרערא
ריראָ־ראָשא־וואָרערא!..

האַלט א מענטש דאָס לאַנד אַף זײַן שויס,
איז ער מעכטיק ווי א באַרג,
ווי קאַזבעק די גרויס,

זינגען אים פעלקער א לויב אומעטום,
עס וועט אין יאָרהונדערטער
לעבן זײַן רום!

★ ★

מ. סוועטלאָוו

קאַכאָווקע

קאַכאָווקע, קאַכאָווקע, מײַן ביקס מײַן געטרײַע,
מײַן כאַווער אין הייסן געשלעג,
אירקוטסק און וואַרשאַווע אין מאַרשן פאַר פרײַהײַט —
אַזוי איז געגאַנגען דער וועג.

געוויש פון אַטאַקע און דונער־געקלאַנגען,
דער שטראָם פון די קוילן איז שנעל,
און ס׳איז דורך קאַכאָווקע אַ מיידל געגאַנגען,
אַ מיידל אין גרינעם שינעל.

אין קעלט און אין היץ, אין באַטאָגן, באַנאַכטן
געמאָסטן די לענג און די ברייט,
מיר זײַנען גאָר פרידלעך, נאָר שטענדיק צו שלאַכטן
דער צוג דער געפּאַנצערטער גרייט.

דערמאַן זיך, מײַן כאַווער, ווי דאָרטן צוזאַמען
מיר האָבן געשלאָגן זיך הייס.
און אויגן און בלויע דורך רויך און דורך פלאַמען
געשמייכלט צו אונדז האָבן דרייסט.

איז לאָמיר דערמאַנען די יוגנט, די שלאַכטן,
און טרינקען און זינגען אַ ליד
פאַר אונדזער קאַכאָווקע, פאַר היימלאַנד דערוואַכטן,
פאַרן מיידל, וואָס האָט דאָרט געבליט!

★ ★

א. סורקאָוו

(אָרדענטרעגער)

די ליד פון דער רײַטער־ארמײ

1

איבער שלאכט־וועגן לאנגע,
אינעם ברויז און געראנגל
האָט דאָס אכצנטע יאָר זיך צעשפּרייט.
ניט געזאמט האָט דאָס פאָלק זיך —
פון קובאן און פון וואָלגע
מ׳האָט די רײַט־פערד צו שלאכטן געגרייט.

2

אונטער הילך פון קאנאָנען
האָט געפירט אונדז בודיאָני,
און מיר האָבן געזיגט אומעטום.
איבער קרומע קורגאנען,
איבער טײַכן און יאמען
האָט געשוועבט אונדזער הערלעכער רום.

3

בא דעם דאָן און אין פוילן
ווײַסע ביינדעלעך פוילן,
איבער זיי בלאָזן ווינטן פארקלערט.
ס׳ווייסן הינט־אטאמאנען,
ס׳ווייסן פוילישע פאנעס,
ווי ס׳איז שארף רויטארמייִשע שווערד.

4

אויב מיט טויט און מיט פײַער
א מילכאָמע א נײַע
וועט זיך אָנרוקן אפ אונדזער ערד —
אין די קינפּטיקע מארשן
נאָכן רומפולן מארשאל
ווידער וועלן מיר פירן די פערד.

★ ★

א. סורקאָוו

דעלעגאַט

גערדיכט איז זײַן שעוועליורע,
פאַרזילבערט, פאַרגראָווט שוין פון לאַנג.
געציטערט פאַר איר האָט פּעטליורע,
מאַכנאָ האָט פון פּאַכעד געצאַנקט.

סלאַשטשאָוו האָט אַף שיידוועגן ווײַטע
אַ פּרײַז פאַר דעם קעמפער צעשיקט,
געגרייט פאַר דעם קאָפּ דעם פאַרשײַטן
אַ האַלדז־טוך — אַ פלאַקסענע שטריק.

אי דער, אי דער צווייטער, דער דריטער
אין קאָן האָבן אַלץ געשטעלט.
די שפּיל האָט פאַרענדיקט זיך ביטער —
צעשמעטערט איז זייער וועלט.

אין באַגינענס, אין פאַרנאַכטן
מיטן פּאָלק געיאָגט האָט ער פלינק.
אוועק אַ מאַטראָס אין שלאַכטן,
אַ באָלשעוויק ער געקומען צוריק.

אומעטום, אין לאַגעס אין אַלע
געטאָן און געאַרבעט פעסט,
טאַבונעס געפּאַשעט אין סאַלאַ
און אָנגעפירט מיט אַ טרעסט.

צעשיקט האָט ער שיפֿן פֿון האַפֿן,
לעם וויאַטקע שוואָמען געזאַלצט,
און שטענדיק דער עמעס פֿון קאַמפֿן
געהאָלפֿן האָט אים אין אַלץ.

ווי ליב איז דעם בליק צו טוקן
אין הײַנטיקער גרויסער שײַן!
וווּהין זאָלסט איך זאָל ניט קוקן —
אומעטום קעמפֿער און פֿרײַנט.

פֿון סטאַלינישן שניט פּאַרטייער —
פֿון הי, פֿון נאָענט, פֿון ווײַט,
קאַמטשאַטקער, לאַדאָגער שטייען,
לאַנדסלײַט, רומפּולע לײַט.

ווי גרויס איז דער ציטער אין האַרצן,
ווער קען עס דען רויִק זײַן,
ווען אין אוראַגאַן פֿון אָוואַציעס
גייט זיכער דער פֿירער אַרײַן!

ווען ס'רוישן אָנצאָליקע שאַלן,
דער גאַנצער זאַל איז אַנטציקט
און ס'דונערט: „זאָל לעבן סטאַלין,
דער גרויסער מײַסטער פֿון זיג!".

ער האָט דאַך אָט דאָרט אַף די פֿעלדער,
ווען ער האָט קאָלווירטן געפֿירט,
געפֿילט נעבן עלנבויגן שטענדיק
דעם פֿירערס כאַווערישן ריר.

אַף סטעפּעס אין טונקעלע פּאַרטאָגן
אָן שלאָף, אַף דער שטענדיקער וואַך,

זײַנ הארצ פֿלעג אימ מונטער זאָגנ:
אויכ סטאַלינ אינ קרעמל דאָרט וואכט.

אונ פּיס האָבנ פּעסטער געטראָטנ,
מיט פֿלאמ האָבנ רעדעס געבּרויזט,
אונ ס'פֿלעג אינ פּארזיי־נעכט זיכ טראָגנ
זײַנ „פּאָרד" איבּער פֿעלדער פּאָרויס.

אינ דרעמל, א מידער, א בּלייכער,
אפ רויש פונ שטימענ געפֿײַלט,
געגאנגענ נאָכ אָט דעמ שמייכל,
וואָס פונ אונטער די וואָנציעס שײַנט.

נאָכ אָט דעמ גאנג געגאנגענ
אפ פֿײַכטנ אונ ווארעמענ פֿעלד,
אז די נאכט זאָל דעמ קרעמל דערלאנגענ
א מעלדונג וועגנ הונדערט פּראָצענט.

זײַנ פֿרייד פונ בּויער אונ פֿירער,
א הייסע, א שטאָלצע אזא,
זאָל ארײַנגיינ פֿעסט אונ זיכער
אינ גרויסנ בּאריכט פונ צ.ק.

נו, ווי גרויס איז דער ציטער אינ הארצנ,
קענ דענ זײַנ נאָכ א גרעסערע פֿרייד,
ווענ איבּערנ יאמ פונ אָוואציעס
אפ טריבּונע דער פֿירער שטייט?

★ ★

סולײמאַן סטאַלסקי

(דאַגעסטאַנער פאָלקס־דיכטער — אָרדענטרעגער)

דעם כאַװער סטאַלין

ס׳פירט די פּאַרטײ מיט מונטער קאָל,
די רײען זײַנען שטאַרק, װי שטאָל.
סע גײט און גײט דאָס אַרבעט־פאָלק,
דו ביסט די פאָן,
אָ, סטאַלין!

פאַר אַלע אַרבעטער א שײַן,
דו פירסט, פון ייִנגסטער יוגנט דײַן,
אַהין, װוּ ס׳איז ניטאָ קײן פּײַן,
װוּ גרױס די פרײד איז,
סטאַלין!

און יאָר נאָך יאָר, און צײַט נאָך צײַט,
דו היטסט אונדז אָפּ פון בײזע לײַט,
זען זעסטו די װײַטסטע װײַט,
דו, הױכער באַרג־שפּיץ,
סטאַלין!

דעם סוינעס גיר דו האָסט דערשטיקט,
האָסט אונדז געלערנט, װי מע זיגט,
דעם שליסל אונדז דערלאַנגט צום גליק,
צום נײַעם לעבן,
סטאַלין!

דו ווייסט, וואָס פעלקער טראַכטן שטום,
און אומעטום, און אומעטום
סע קלינגט פון טאַט דײַנעם דער רום —
זינג איך אַ ליד דיר,

סטאַלין!

★ ★

סולימאן סטאלסקי

א וואָרט וועגן דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע

מײַן פרײַנט! כ׳געדענק א הוילן וואלד,
א וועלפישן געוווי א שווערן,
כ׳געדענק א הימל, שווארץ און קאלט,
וואָס האָט געוואָלט די וועלט פארצערן.

געווען איז אונדזער מענטש א קנעכט,
געקלאפּט זיך מיטן קאָפּ אין דר׳ערד,
די בײַטש פלעג פײַפן אין די נעכט
און ס׳פלעג א ברודער־קריג זיך הערן.

נאָר א פּאָר צענדליק יאָר צוריק
די טעג די וועלפישע באזיגט,
ס׳האָט אופגעבליט א סאָד מיט גליק,
די וועלט באשיט מיט רויטע שטערן.

איז, פרײַנט! זאָל לעבן אונדזער לאנד,
וווּ ס׳הערשט געוויסן און פארשטאנד
מיט דער גערעכטיקײַט באנאנד,
באזונט מיט סטאלינס גרויסער לערע.

אָ, פירער! האָסט פאר אונדז פארגרייט
א פּאָן מיט פײַער אויסגענייט,

זי טרײַבט די עלטער, ברענגט אונדז פרייד,
די שענסטע יאָרן אונדז געהערן!

האָסט אונדז א שליסל צוגעשטעלט
צום קאנט, ווו אייביק יאָנטעוו הערט,
ווו וואָלקנס דראָען ניט דער וועלט,
דער דאלעס וועט זיך מער ניט קערן!

דו האָסט מיט פלאַם פון דעם באגין
געשריבן אונדזער גרויסן דין,
און ווי דער טײַערסטער רובין
שײַנט ער ארויסעט פון די פערל.

ער פילט די פעלדער אָן מיט קראפט,
ער גיסט די עפל אָן מיט זאפט,
און ס'איז דער מענטש שוין ניט פארשקלאפט,
ער זיגט אין בייזע שלאכטן אין שווערע.

אָט דער געזעץ — איז אונדזער זון,
ער ברענגט דעם פרילינג אומעטום,
ער הייבט אין אונדזער לאנד דעם רום,
אף אייביק פײַנטשאפט מיר פארווערן.

דעם הויכן טרוים פון ארבעטמאן,
וואָס מ'האָט געזייט פון דוירעס לאנג,
האָסטו געשניטן מיט געזאַנג.
איז זאָלן זיך די זיגן מערן!

1936

★ ★

סולײמאַן סטאַלסקי

אַ פּאָעמע וועגן סערגאָ אָרדזשאָניקידזע דעם ליבן מיטקעמפּער און פרײַנט פונעם גרויסן סטאַלין

ס'האָט לאַנג געריסן זיך מײַן האַנט
צו אײַך, צו וווּנדער־קלאַנגען סאַזער,
באַזינג, פּאָעט, אין דײַן געזאַנג
דעם באָלשעוויק פון בערג קאַווקאַזער.

באַזינג זײַן אָדלערישן בליק,
די העלע הײכן פון זײַן זיג,
און אָט די ברײט, וואָס איז צעצווײגט
פון לענינגראַד ביז בערג קאַווקאַזער.

מיט אונדזער פירער יאָרן־לאַנג
האָט אינעם שלאַכט געגליט זײַן דראַנג,
און מאַכנעס האָט ער מיט געזאַנג
געפירט נאָך זיך — די זין קאַווקאַזער.

די פאָן די רויטע אין דער האַנט,
מיט סטאַלינישן העלדן־פלאַם,
מיט לענינישן וועג געשפּאַנט,
צעשמעלצנדיק דאָס אײַז קאַווקאַזער.

.1

געלעבט... א שטיבעלע אנ אלטס.
דער ווײ פלעג כאפנ פארנ האלדז,
אונ דער פארדראָס האָט, ווי די זאלצ,
דאָס הארצ בא אונדז צעפרעסנ, בארג־לײַט.

געלעבט בא זיך ווי אינ דער פרעמד,
פונ דאָר צו דאָר מיט נויט געשעמט,
אונ אינ די פעלדזנ־בערג פארקלעמט
האָט זיך דער מענטש געמאטערט, בארג־לײַט.

ווי וואָלקנס האָבנ טעג געפויזט,
די שטערנ־שײַנ האָט ניט געברויזט,
אונ עפשער אונדזער יוגנט בלויז
האָט אָט די זונ געווארעמט, בארג־לײַט.

פונ דײַגעס האָט דער קאָפ געדארט,
דער ווײ האָט עלטער אונדז געמאכט,
די וועלט געווענ איז ווי די נאכט,
ווי אנ אלמאָנע אײנזאמ, בארג־לײַט.

געפרעסט האָט אונדז די בײזע נויט:
אנ אלטער אקער לעמ דעמ פלויט,
א שטיקל קנאָבל צו דעמ ברויט
אונ טײ נאָר אינ א יויוול, בארג־לײַט.

אונ ווײַס איז בלויז געווענ דער שנײ,
דאָס איבעריקע — שווארצ פונ ווײ,
אינ בערג פלעג שטראָמענ א געוויינ, —
אזוי האָבנ געלעבט די בארג־לײַט.

דאָס פאָלק האָט יענע צײַט פארפלוכט,
אינ סאָד האָבנ געדארט די פרוכט,

מיט גרויסע לאַטעס אָנגעגורט
פֿלעג די טשערקעסקע פּאַלן, באַרג־לײַט.

ווער קאָן פֿאַרגעסן יענע נעכט,
ס'האָט מײַן אַאול געבלוט אין בערג,
נאָר כ'האָב אַ רויש פֿון ווײַט געהערט,
אַ גרוס פֿון ווײַטע שטורעמס, באַרג־לײַט.

אין דײַגעס האָט די וועלט געשמאַכט,
דער גרויסער האַס האָט אופֿגעוואַכט,
מיר זײַנען גרייט געווען צום שלאַכט
אַפֿ זיגן אָדער פּאַלן, באַרג־לײַט.

די נויט האָט אונדז געדריקט ביז גאָר,
איז אופֿגעשטאַנען אונדזער דאָר
און ס'איז דאָס זיבעצעטע יאָר
געקומען ווי אַ דונער, באַרג־לײַט.

און לענין האָט אונדז אופֿגעוועקט,
געפֿירט ווי זיגער מיט זײַן וועג,
זײַן האַנט האָט סטאַלין אויסגעשטרעקט
און קרעפֿטן אונדז געגעבן, באַרג־לײַט.

עס רוישט דער שטורעם נאָך און נאָך,
די אַלטע וועלט קומט אום אין בראָך,
עס גייט דער שטורעם און דערנאָך
גייט אוף דער מאָרגנשטערן, באַרג־לײַט.

געפֿירט אין שלאַכטן קעגן פֿײַנט,
מיט סטאַלינס מעכטיקײַט באַשײַנט,
האָט אונדזער ברודער, אונדזער פֿרײַנט
סערגאָ אָרדזשאָניקידזע, באַרג־לײַט.

.2

ס׳האָט זײַן געבורט אונדז שטארק דערפרייט,
ער האָט די פײַנט א טויט פארגרייט,
די סעדער האָבן זיך געשיידט
אין יענעם טאָג מיט פרוכטן־ווונדער.

ס׳איז א גערעטעניש געווען,
דורך בערג האָט מען די זון געזען,
אין יענעם טאָג זײַנען געווען
די קוואלן לויטער, מאמעש ווונדער.

אין וואלד געגאנגען איז א געיעג,
געפאנגען כײַעס אָן א ברעג,
די ארבעט האָט אין יענע טעג
געלויכט, געפינקלט ווי א ווונדער.

דאָס מענטשלעך אויג ווערט אויסגעקלאָרט,
און קליגער איז דאָס מענטשלעך וואָרט,
און ס׳האָט די אָרנטלעכקײַט דאָרט
אין הארץ געבויט זיך נעסטן־ווונדער.

ער איז געבוירן פאר דעם שטרײַט
און ווי א לייב געוואקסן פרײַ,
די טרער, די נויט פון יוגנט־צײַט
האָט ער פארזוכט, ס׳איז ניט קיין ווונדער.

פון קינדווײַז אָן אין רויטן שטראָם,
דער ליבער לײַבלעכער נארקאָם,
מיט סטאלינס עמעס־וועג באקאַנט
איז ער געווען א העלד — א ווונדער.

פון קינדווײַז אָן האָט ער באהערשט
דעם גאנג פון וועלט צום אלעם ערשט

און גלײַך דערפֿילט, װוּ ס'האָט געהערשט
דער עמעס צי דאָס בײז — א װוּנדער.

ער האָט געזען: די װעלט איז קראַנק,
דאָס אַרבעט־פֿאָלק איז אין געפֿאַנג,
דער פֿירער גײט, ער איז אין גאַנג
און זאַמלט אַן אַרמײ — א װוּנדער.

ער האָט אין יענעם יוגנט־טאָג
דעם גרױסן פֿירער צוגעזאָגט:
דאָס גרױסע האַרץ, װאָס ער פֿאַרמאָגט,
װעט זײַן געטרײַ אין שלאַכט — א װוּנדער.

און דורכן עמעס זײַן געפּרוּװט,
און גײען, װוּ דער פֿירער רופֿט,
ביז ס'פֿליסט דאָס בלוט, ביז ס'דינט די לופֿט,
זײַן האַרץ, ניט ברעכן זיך — א װוּנדער.

ער האָט אין יענע טעג געגליט
און װי א גװאַר זיך אױסגעשמידט.
פֿון יענע טעג אַן אַנדער ליד
דאַרף איך באַשאַפֿן נאָך — א װוּנדער.

געװאַקסן שטאַרקער פֿון גראַניט,
זײַן רום אױף דר'ערד האָט אױפֿגעבליט,
די פֿײַנט האָט ער מיט האַס באַשיט,
אין שלאַכט איז ער א העלד — א װוּנדער.

מ'האָט אומעטום סערגאָן געדאַרפֿט —
אין בערג, בײַ דער באַקוער נאַפֿט,
דער צאַר פֿלעג פֿריִזן פֿאַר זײַן קראַפֿט,
די שלאַכטמענער דעם מוט געשאַרפֿט
האָט ער, דער מענטש־העלד — א װוּנדער.

3

מיר האָבן ליב דײַן ברודער־קאָל,
ס׳האָט סטאַלין דיך געשטאַרקט מיט שטאָל,
און אַף די בערג און אינעם טאָל
קלינגט אומעטום —
סערגאָ מײַן ליבער!

נאָך ביז דער זון, שוין זייער לאַנג,
גייסטו מיט באַרגלײַט האַנט בא האַנט,
דו האָסט געשפּירט מיט דײַן פאַרשטאַנד
דעם מאָרגן־טאָג,
סערגאָ מײַן ליבער!

און ס׳האָט פאָרויסגעזען דײַן בליק,
ווער ווערן וועט אַ באָלשעוויק,
און גייען אין דעם גרויסן קריג
פאַר אונדזער ערד,
סערגאָ מײַן ליבער.

ווער דורכגיין וועט דעם העלן וועג
און ניט אַנטלויפן פון געשלעג
און וועט ניט וויסן פון קיין שרעק
פאַר אונדזער פײַנט,
סערגאָ מײַן ליבער!

האָסט אָנגעליטן זיך אַסאַך,
אין טורמעס אויסגעוועזן אַסאַך,
נאָר ווידער פלאַקערסטו אין שלאַכט
פאַר מײַן קאַווקאַז,
סערגאָ מײַן ליבער.

איך רים די שלאַכטמענער אַפסנײַ,
זיי זײַנען אונדזער פאָלק געטרײַ,

נאָר צו דעם גרויסן פירער — פרײַנט
ביסט טרײַער נאָך,
סערגאָ מײַן ליבער.

דאָס שטיקל ברויט מיט אונדז געטיילט,
די קינדער מײַסעלעך דערציילט,
און פרײַנט האָסטו זיך אויסגעוויילט
און זיי געשטאָלט,
סערגאָ מײַן ליבער.

דורך די קאווקאזער הויכע בערג
ביסטו געקומען אף דײַן פערד,
דו האָסט די העלדישקײַט פארמערט,
דעם פײַנט צעקלאפט,
סערגאָ מײַן ליבער.

פארהילט די פלייצעס אין באשליק,
האָט דיך דײַן פערד אין בערג געוויגט,
האָסט אונדז געפירט פון זיג צו זיג,
אונדזער רעווקאָם,
סערגאָ מײַן ליבער.

האָסט שרויט פאר שלאכטן צוגעגרייט,
האָסט אונדז באשוכט, האָסט אונדז באקליידט,
דײַן בורקע האָסטו אויסגעשפרייט
פאר אונדז אין וועג,
סערגאָ מײַן ליבער.

דײַן נאָמען ליגט מיר אף דער צונג,
פון קלאנגען דעם געטראנק איך טרינק,
ס'טוט ווי א טײַך די ליד א קלונג —
ס'איז וועגן דיר,
סערגאָ מײַן ליבער!

4

ס׳האָט לעניִן דיך צו אונדז געשיקט,
דו האָסט געבראַכט די באַרג־לײַט גליק,
דו האָסט מיט סטאַלינען געזיגט, —
ביסט ווי אַ לייב,
סערגאָ מײַן ליבער.

און דיך געליבט האָט גאַנץ קאַווקאַז,
ביסט פון גראַניט געווען געפּאַסט
און פאַר דײַן סטאַלינישן האַס
צו אונדזער פײַנט,
סערגאָ מײַן ליבער.

און ווען גאָצינסקי, דער באַנדיט,
האָט מיט זײַן באַנדע זיך צעשיט,
געראַבט דאָס גוטס, געברענט דעם צוויט,
קומט אָן דײַן הילף,
סערגאָ מײַן ליבער.

דער פּאַרטיזאַן האָט אויפגעוואַכט,
האָסט אים אוועקגעפירט אין שלאַכט,
דעם סטאַלינישן רוף געבראַכט:
— צעקלאַפּט די פײַנט,
סערגאָ מײַן ליבער.

דורך וויכער־וועגן פונעם קאַנט
האָט דער אָטריאַד אין שלאַכט געשפּאַנט,
דו האָסט געפירט זיי מיט דײַן האַנט
אַף קאַמף און זיג,
סערגאָ מײַן ליבער.

און דאָרטן, ווי אַ טײַך אין דראַנג,
האָט זיך געלאָזט מיט שפּיז און טאַנק,

מיט רויטארמייִשן געזאַנג
די שטיצע אונדז,
סערגאָ מײַן ליבער.

דאָס האָט דער ארבעטער, דער רוס
געבראַכט זײַן ברידערלעכן גרוס,
פארשטעלט דעם סוינעס פײַער־גוס
פאר אונדזער ברוסט,
סערגאָ מײַן ליבער.

ס׳האָט לענין אים צו אונדז געשיקט,
ס׳האָט סטאַלין אים צו אונדז געשיקט,
אין גרײַזע בערג זאָל וואקסן גליק,
דעם פײַנט א טויט,
סערגאָ מײַן ליבער.

דער הימל קלאָרער ווערן זאָל,
אין פרייד זאָל לעבן אונדזער פאָלק,
אין סעדער זאָל פאר שווארצן אָל
קיין נעסט ניט זײַן,
סערגאָ מײַן ליבער.

און שוין דערמיט אליין ביסט גרויס,
וואָס לענינס לעבעדיקן ברויז,
וואָס סטאַלינס לעבעדיקן ברויז
האָסט אונדז געבראַכט,
סערגאָ מײַן ליבער.

דו האָסט די פאָן געטראָגן הויך
דורך פײַער־פלאַם און פולווער־רויך,
געפירט צום זיג האָסטו אזוי
דאָס פאָלק פון בערג,
סערגאָ מײַן ליבער.

ס׳האָט ניט גערוט אין יענע נעכט
דער כאַוועך קיראָוו אַפּ דער ערד,
ער האָט, ווי דו, אינעם געפּעכט
געקלאַפּט דעם פֿײַנט,
סערגאָ מײַן ליבער.

ס׳קומט שוין די צײַט, ווען פֿאַר זײַן טויט
וועט זײַן דער וואָלף צעבראָכט ווי קרויט,
ווײַל שטענדיק גרייט איז אונדזער שרויט
און אונדזער שווערד,
סערגאָ מײַן ליבער.

דעם פֿײַנט וועט ריכטן דער געריכט,
ער צאַנקט שוין איצט, ווי ס׳צאַנקט אַ ליכט,
די פֿרײַע ליכט איז אויפֿגעריכט
אין אונדזער לאַנד,
סערגאָ מײַן ליבער.

עס טויט דעם פֿײַנט דאָס לאַנד אין צווייט,
דאָס לאַנד, וואָס האָט אין רום צעבליט,
און ס׳טויט אים אויך מײַן פֿרײַע ליד,
וואָס כ׳זינג אַצינד,
סערגאָ מײַן ליבער.

5

אין גרויסן לאַנד, וואָס איך פֿאַרמאָג,
ווערט האַסטיקער פֿון טאָג צו טאָג,
און אַלע מאָל נאָך שטאַרקער שלאָגט
דער קוואַל פֿון העלן גליק —
איך זע דאָס.

געקרוינט מיט זיג, פֿון קאַנט צו קאַנט
קומט דער באַגינ אין אונדזער לאַנד,

און אלע טאָג באַלויכט דעם ראַנד
דער העלסטער פּרי אַפ דר׳ערד —
איך זע דאָס.

און סטאַלין, וואָס באַלויכט די וועלט,
זײַן נאָמען אין די הערצער העלט,
האָט אונדז אַ פּאַלאַץ אויפגעשטעלט
פון אַרבעטנדיקן מענטש —
איך זע דאָס.

און ווו אַ ווינקל, ווו אַן אָרט,
באַפליגלט מיטן פירערס וואָרט,
מיט יונגקייט העלדישער געפּאָרט
די צוגן טראָגן זיך —
איך זע דאָס.

אָט בלענדט אַ שיף אין יאַמען־מיט,
אַן עראָפּלאַן אין וואָלקנס פליט,
אין בערג אַ רײַטער מיט אַ ליד
לויט סטאַלינס קלוגן וואָרט —
איך זע דאָס.

פון ראַנד צו ראַנד דער מאָרגן גייט,
אין שענסטן פרילינג־קלייד געקליידט,
און מאַכנעס שיקן איצט מיט פרייד
צו סטאַלינען אַ גרוס —
איך זע דאָס.

מײַן היים, מײַן ליכטיקע, איך ליוב,
די העלדן פון מײַן היים איך ליוב,
זיי וועלן מאַכן אַש און שטויב
פון יעדער וויסטן פײַנט —
איך זע דאָס.

און אין שטעט געריימער ווערט,
מיט ארץ ווערט רייַכער אונדזער ערד,
דער העלד פון מי זאָל זיַין באערט,
דאָס רייַכע לאנד איז זיַינס —
איך זע דאָס.

צעווייט דעם אש פון אלטער וועלט,
ס׳איז מעכטיקער דער זאנג אין פעלד,
און אין די בערג עלעקטרע העלט,
און שולן הייבן זיך —
איך זע דאָס.

מיַין קאנט איז היַינט פון שטאָל געשמידט,
און ווי אַן עפּל־בוים ער בליט,
און יעדער בארג־מענטש זינגט א ליד
דעם גרויסן סטאלינען —
איך זע דאָס.

און אלץ, וואָס ס׳האָט מיַין טרוים געהאט
אין טעג פון שווארצן קאזעמאט,
אזש פון אורמא [1] ביז לענינגראד,
איז איצט אליין די וואָר —
איך זע דאָס.

דער זומער־סאָד האָט זיך צערוישט,
דער זאפט אין וויַינטרויבן צעברויזט,
און יעדער ערלעכער זיך גרויסט
מיט שטאָלצקיַיט פון די טעג —
איך זע דאָס.

---

1 דער וויַיטסטער אאול פון דאגעסטאן.

און ס׳קלינגט באַגײַסטערטער די ליד,
די שטאָקן הייבן זיך אין צוויט,
און הערצער זײַנען אָנגעגליט
בײַ העלדן פון מײַן לאַנד —
איך זע דאָס.

און דאָס סטאַכאַנאָווישע גליק
האָסטו אַפּ שעטעכן צעוויגט,
דער גרויסער וואַסערפאַל פון זיג
ווערט ברייטער אין מײַן לאַנד —
איך זע דאָס.

אין די פאַבריקן פון מײַן לאַנד,
אין שטאַרקע מענטשן פון פאַרבאַנד,
די גרויסע זאָרגן פון דײַן האַנט,
דײַן גרויסע קלוגע מי —
איך זע דאָס.

מיר זינגען מיט די פאָנען מיט,
די פירער רימט הײַנט אונדזער ליד,
ס׳האָט זיי דער שלאַכט ניט אײַנגעמידט,
זיי זײַנען שטאַרקער נאָך —
איך זע דאָס.

ס׳האָט סטאַלינס עמעס דיך באַשטראַלט,
דײַן קלוגע שטאַרקײַט ווערט ניט אַלט,
עס לויכט דאָס לײַבלעכע געשטאַלט
פון קעמפער און נאַרקאָם —
איך זע דאָס.

דו זויבער-רײנער באָלשעוויק,
ס׳האָט סטאַלין דיך אין שלאַכט געשיקט,

סערגאָ, בּיסט גרויס און בּיסט געשיקט,
מײַן הײמלאַנד האָט דיך ליב —
איך זע דאָס.

אך, סולײמאַן, דו נעמ דײַנ סאַז,
א ליד דער העלדישקײַט פאַרפאַס,
דער שטאָלצער ריזיקער קאַווקאַז
שיקט איצט סערגאָנ זײַנ גרוס —
איך זע דאָס.

1936

★ ★

סולײמאן סטאלסקי

דאָס געזאנג װעגן הײמלאנד

סע גײען טעג נאָך טעג געשװינד,
אָ, ליד, דו שפּילסט אין מײַנע קלאנגען,
און ס׳װיגט אין פעלד דער יונגער װינט
די רײַפע, שװערע זומער־זאנגען.

װי פרילינג־רעגנס שורשעט ער
באַם טײַך, די צװײַגן הוידעט ער.
אין אויגן פינקלען װי א טרער
די קלאָרע זילבערנע געזאנגען.

און סײַ בײַטאָג און סײַ בײַנאכט
האָב איך דײַן גורל דורכגעטראכט,
אָ, שענק דער ליד מײַנער מער מאכט,
באַפליגל מײַנע שװאכע קלאנגען.

איך האָב קײן רו. עס ציט שוין לאנג
דײַן בונטער רוף צום זון־פארגאנג,
איז זאָלן שיטן זיך מיט קלאנג
פון רײַפער ליד די רײַפע זאנגען.

1

דערמאָנט זיך מיר מײַן לעבנס־װעג —
א בײזער כאָלעם פול מיט שרעק,

מײַן שטילע היים, מײַן שווערן וועג
האָט נויט פאַרקלעמט אין קלעמען,
כאַווער.

דערמאָנט זיך מיר די ווײַסע שײַן,
איך לייען דעם בוך פֿון שוואַרצן פּײַן,
און ס׳קומט קיין טרייסט אין שטוב אַרײַן,
און ביטער איז מיר לייענען,
כאַווער.

פֿון טרויער־טעג דעם קאַראַוואַן
געפֿירט נאָך זיך האָט סולײמאַן,
און די געפֿאַר אויף יעדן שפּאַן
האָט אים געדראָט אויף וועגן,
כאַווער.

געווען איז שטערן־שײַן פֿאַרשעמט,
די גאַנצע ערד געווען איז פֿרעמד,
אין טרוימען טרויעריק פֿאַרקלעמט
האָסטו געבלאָנקעט אײנזאַם,
כאַווער.

ס׳האָט מײַן אַאול געלעבט אָן שײַן,
דער פֿירשט פֿלעג פֿלאַצן אַזש פֿון ווײַן
און אַלץ פֿלעג בייגן זיך אין פּײַן
אין יענע שוידער־יאָרן,
כאַווער.

מיר זײַנען אײנס, נאָר דער אַדאַט
האָט יאָרן לאַנג געזייט פֿאַראַט,
איך — אַ לעזגין און ער — אַ טאַט [1],
געשאָלטן אײנס דעם צווייטן,
כאַווער.

---

1 טאַטן — באַרג־ייִדן.

און כיטרע ווי דער פוקסן־עק[1]
האָט אונדזער פײַנט געסאמט דעם וועג,
און קוואָרימ, קוואָרימ אָן א בּרעג
זײַנען אינ בּערג געוואקסנ,
כאוועր.

און מיט א בּלוטנדיקער האנט
און מיט א וואנדער־שטאָק אינ האנט
האָסטו א בּלינדער אומגעשפאנט,
פונ אייגענע געלאָפּנ,
כאווער.

כ׳קאָנ ניט פארגעסנ יענעמ וועג,
פארדראָסנ, ווייטעקנ און שרעק,
מײַנ יוגנט איז אָט דאָרט אוועק,
ווי ס׳פּליט אוועק א רעגנ,
כאווער.

מיר האָבּנ ניט געקענט פארשטייג,
אז דו און איכ — מיר זײַנען איינ,
אז אונדז אלײנ, אז אונדז אלײנ
געהערנ אלע ערדנ,
כאווער.

ס׳איז דאָ א לאנד, וואָס אונדז געהערט,
א לעבּנ, וואָס נאָר אונדז געהערט,
אז ס׳האָט דער ארבּעטער א ווערט,
ווענ די פארטיי נאָר פירט אימ,
כאווער.

---

1 בּא די בּארג־לײַט איז דאָ א ווערטל, אז די גאנצע כיט־רעקײַט פונעמ פוקס געפינט זיכ אינ זײַנ עק.

און ס'טוט מײַן אויג א קוק צוריק
כ'דערזע די צײַט, וואָס האָט געשטיקט,
און ס'טוט א פאַל מײַן אַלטער בליק
אַפ מײַן פאַרגאַנגענהײַט,
מײַן כאַוווער.

און כ'טו א קוק אַפ בלויען לאַנד,
ווו ס'שפאַנען פעלקער מיט געזאַנג,
און ס'האָט דאָס לעבן מיר דערלאַנגט
א בוך מיט סטאַלינס בילדער,
כאַוווער.

2

איין לאַנד איז דאָ אַפ דר'ערד א פראַכט,
מיט גליק אסאַך, מיט רום אסאַך,
איך ווייס, אַז אָרעם איז מײַן שפראַך,
קעדיי דאָס לאַנד באַזינגען
ווירדיק.

עס האָט קיין ענדע ניט זײַן ערד,
פון וואָלגער ברעג ביז שניי אַפ בערג,
די זון אַלײן האָט אים מיט רעכט
באַשטראַלט דעם הויכן שטערן
ווירדיק.

דורך נײַע שטעט, פון קרײַז צו קרײַז,
די צוגן רוישן מאַכנעסווײַז,
און מיטן יאַם, אין ראַם פון אײַז
די רויטע שיפן שווימען
ווירדיק.

דורך שטורעם-דראַנג, דורך נעפל-בערג,
דורך אַלע ענדן פון דער ערד

אונדזער סטאַלין צווישן קינדער.

קינסטלער ר. ק. ה ע ל ו י ק אַ י א.

פליט אונדזער פליִער, ער באקלערט
די גאנצע וועלט די גרויסע
ווירדיק.

אין לאנד, וווּ ס׳איז ניטאָ קיין קנעכט,
וווּ אלע האָבן גלייַכע רעכט,
וווּ ס׳איז די מי מיט גליק באערט
און ווו מע שעצט די ארבעט
ווירדיק.

וווּ ס׳קומט אין יעדער שטוּב די פרייד,
וווּ ס׳לעבן טראָגט א גאָלדן קלייד,
מיט זוימען גאָלדענע פארזייט
זייַנען די פרייַע פעלדער
ווירדיק.

די טעג — מיט זונען־זייַד באשיצט,
די נעכט — מיט דימענטן צעבליצט,
און שפּעטער וועט אויך זייַן ווי איצט
געלייַטערט, בליִענדיק
און ווירדיק.

מיט מאנדל־זאַפט די לופט איז זאט,
ס׳איז אומעטום זייַן זיסער טשאד
און פלאמיק־רויטע, ווי גראנאט,
פרימאָרגנס שטייען אוף דאָ
ווירדיק.

איין לאנד איז דאָ; איז קוקט און גאפט,
פון אלע צייַטן — אונדז די קראפט
און קעגן דעם, וואָס היימלאנד שאפט,
זייַנען די לידער בלאס,
ניט ווירדיק.

א פאָלק, א גיבּער ווינט אין לאַנד,
ער שאפט די ווערטן מיט זייַן האנט,
ער שמידט א וועלט פון ראנד בּיז ראנד,
דער מענטש זאָל לעבּן גליקלעך,
ווירדיק.

3

מייַן פרייַנט! אַף אונדזער פרייַער ערד
האָבּ איך דעם לעבּנס־רוף דערהערט,
און אַף א קאָבּארדינער פערד
האָבּ איך דעריאָגט די יוגנט
גליקלעך.

איך האָבּ דערשפּירט פון פרייד דעם קוואל,
פון שטאָלץ דעם הויכן וואסערפאל,
פון פרייַנטשאַפט לויטערער דעם לאל [1]
האָבּ איך אין לאַנד געפונען
גליקלעך.

מייַן לאַנד, מייַן פאָלק האָבּ איך געדינט,
די וועלט אין האָפענונג צעגרינט,
דער אָרנטלעכער מענטש געפינט
א היים בּא אונדז אין פרייַנטשאפט
גליקלעך.

און נאָענט, ווי א קוואל בּאַם שלאכט,
איז אין מייַן לאַנד איין גרויסע שפּראַך,
זי לעבּט אין הערצער גאָר אסאַך,
די שפּראַך פון בּאָלשעוויקעס
גליקלעך.

---

1 לאל—רובּין.

ניטאָ קיין האר, ניטאָ קיין קנעכט,
דאָס גאנצע פאָלק פירט אָן מיט רעכט,
און יעדער ארבעטער ניט שלעכט
ברענגט פאר זײַן לאנד די ארבעט
גליקלעך.

און ווו מײַן טראָט טוט נאָר א קלונג,
און וועלכע וואסערן איך טרינק,
בין איך אין דר׳היים בא זיך און יונג,
כ׳באזינג מײַן היימלאנד פרײַ
און גליקלעך.

ארום, אין בערג — א פײַער־ברויז,
אין וויסטעס וואקסן סעדער אויס,
די פרוכט אף צווײַגן זײַנען גרויס,
און הויכע פויגלען זינגען
גליקלעך.

פאבריקן וואקסן אין געוועט,
די פעלדער הייבן זיך אין זעט,
אף רעשטאָוואניעס וואקסן שטעט,
און שלאנקע בויער לאכן
גליקלעך.

איך רים די ברייט פון פאָל ביז קרים,
דעם ווײַטן מיזרעך נאָענט כ׳רים,
דאָס שטעטעלע אין גרוזיע כ׳רים,
פונוואנען ס׳קומט דער פירער
גליקלעך.

ס׳אבכאזער בלימעלע דאָס ווײַס,
און אף קאווקאזער בערג דאָס אײַז,

טורקמענער זאמדן כ׳רים באַנײַס,
די קאַלטע צאָפֿן־ווינטן
גליקלעך.

איך רים דעם דאָן, דעם רובאַסטשײַ [1]
און דעם עלבּרוס אין זונען־שײַן,
אונדזער געזעץ איך רים הײַנט, פֿרײַנט,
דאָס הארץ פֿון וועלט, דעם קרעמל
גליקלעך.

עס זעט די וועלט, ווי מאָסקווע לעבט,
פֿון מאָסקווער הייך דעם הימל־סטעפּ,
פֿון קרעמל־טורעמס דעם געוועב,
דעם הערב פֿון רויטע פֿאָנען
גליקלעך.

און ס׳קלינגט אין שטאָט און ס׳קלינגט אין פֿעלד,
דער רוף פֿון סטאַלינען צעהעלט,
ער פֿרייט די פֿעלקער פֿון דער וועלט
און שאַפֿט אין לאַנד דאָס לעבן
גליקלעך.

צי זאָל איך זאָגן ווידער: הערט,
ער האָט ווי איך די זעלבע רעכט
און אַף אַ קאַבּאַרדינער פֿערד
ער טראָגט מיך איבער וועגן
גליקלעך.

4

די וועלט האָט זיך אין צאַר געוויגט,
געלעבט אָן שײַן, געלעבט אָן גליק,

---

1 איינער פֿון די רוישיקע טײַכן אין דאַגעסטאַן.

געקומען איז דער באָלשעוויק
א וועלט א נײַע בויען
ווירדיק.

די וועלט זאָל ווי דער פרילינג זײַן,
ווי האָניק זיס און קלאָר ווי שײַן,
און פריידיקער פון גוטן ווײַן,
זאָל זי צום מאָלצײַט לויכטן
ווירדיק.

און קריכנדיק ווי שלענג אין נעכט,
טאַליאָנים גרייטן א געפעכט,
נאָר שטענדיק גרייט איז אונדזער שווערד
אן ענטפער געבן שטאָלצ
און ווירדיק.

און ווען ס׳וועט אָנקומען די צײַט,
דאָס לאַנד וועט רופן אונדז אין שטרײַט,
די קראַפט פון הארץ, פון אויג די ווײַט
דעם קאמפ מיר וועלן שענקען
ווירדיק.

מיר וועלן פליִען ווי א שקוואַל
און ווי א דונער טאָן א קנאַל
אפ סוינעס טראָט, אפ סוינעס פאַל,
באוואָפנט און געקרעפטיקט
ווירדיק.

ווען יענער טאָג וועט קומען, הערט,
וועט הײַנט דערפילן אונדזער שווערד,
דער ארבעטער פון גאָרער ערד
וועט אונדזער היימלאַנד שטיצן
ווירדיק.

און אונדזער ליד וועט ער פארציַנ,
די קייט צעשמעטערנ געשווינד
און קעגנ סטייַעס בייזע הינט
וועט ער זייַנ צאָרנ הייבנ
ווירדיק.

אינ אונדזער לאַנד גייט אופ די ליד,
דער דוירעסדיקער ווילנ גליט,
אַפ פרייַער ערד האָט זיכ צעבליט
דער דוירעסדיקער עמעס
ווירדיק.

ניטאָ קייננ קויעכ אַפ דער וועלט,
וואָס וואָלט דעמ גלייַכנ וועג פארשטעלט,
דער גרויסער סטאַלינישער העלד
באהיט דאָס פרייַע היימלאַנד
ווירדיק.

5

דו זעסט אליינ,
דאָס לעבנ גייט,
און טעג נאָכ טעג — א לאַנגע ריי,
ווו איז דער קאראוואַנ פונ ווי,
וואָס האָט דייַנ וועג באלאגערט,
כאַווער?

קיינ ווונדנ מערער ניט פאראַנ,
ווו איז דייַנ דאלעס, סולײמאַנ,
ווער האָט דעמ קאָסטבארנ מערדזשאַנ [1]
פונ ווירקלעכ גליק געשענקט דיר,
כאַווער?

---

1 מערדזשאַנ—אַנ איידלשטיינ.

געדענקסטו נאָך דײַנ לעבנ, זאָג,
דײַנ ענגנ הויף, דײַנ שווארצע פלאָג,
דעמ קאנט, ווו פערציק מאָל אינ טאָג
האָט מענ גענארט דײַנ לעבנ,

כאוועך ?

דערמאָנסט זיכ איצט אינ יענעמ קלעמ,
דאָס בלוט נעמט זידנ איבער דעמ,
דער צאָרנ כמורעט אָנ די ברעמ,
דעמ אָוועך זײַט ניט מויכל,

כאוועך.

דו האָסט געליטנ אָנ א מאָס,
אומזיסט נאָך גליקנ זיכ געלאָזט,
די גרויסע לאטעס, דײַנ פארדראָס,
ווער האָט געקאָנט זיי ציילנ,

כאוועך ?

דערצייל, דערצייל, באהאלט ניט אויס,
ווו זוכסטו דײַנע אויצרעס אויס
אונ ווו אינ דאָרפ דאָס ווײַטסטע הויז
איז איצט דאָס סאמע נאָנטע,

כאוועך.

ווער האָט געשטיצט דיכ אפ דער וועלט,
ווער האָט דעמ פײַנט באזיגט אינ פעלד,
ווער האָט די ליימ פונ אײַער שוועל
מיט טעפיכער פארשפרייט איצט,

כאוועך ?

ווער האָט אינ הארצ געצונדנ ליכט,
ווו האָט די העלדישקײַט צעבליט

און ווער באַגײַסטערט יעדער ליד
פֿון זינגער אין מײַן היימלאַנד,
כאַוװער ?

ווער האָט מיט אונדז געזיגט אין שטרײַט
און ווער דעם פֿאָטער אונדז פֿאַרבײַט
און וועמענס טרוים די גאַנצע צײַט
איז פּונקט ווי לעניִנס טרוימען,
כאַוװער ?

און לעניניש איז יעדער וואָרט,
זײַן וועג איז בלויז מיט זיג געפּאָרט,
ווער האָט פֿאַר אונדזער בליִונג־דאָר
פֿון יוגנט אָן געקעמפֿט,
מײַן כאַוװער ?

מ׳האָט דורעס־לאַנג אַפֿ אים געוואַרט,
ער צינדט דאָס שלעכטס און די געפֿאַר,
דעם טויזנטיאָריקן קאָשמאַר
איז ער געקומען טרײַבן,
כאַוװער.

ער האָט די פֿעלקער אופֿגעוועקט,
די פֿרײַנטשאַפֿט עמעסע דערוועקט,
מיט גליק פֿון אַרבעט אָן אַ ברעג
די אַרבעטער באַשאָנקען,
כאַוװער.

און ווו אַ פֿרייד — האָט ער געשיקט,
ער איז אין מוטערלעכן גליק,
ער איז מיט קינדער אין דער וויג
מיט דײַנע, מײַנע קינדער,
כאַוװער.

און מיט זײַן גרייס איז גרויס די וועלט,
דער טרוים פון דורות אין אים העלט,
און ווען א העלע רעגע קוועלט,
באזינגט די ליד אים מײַנע,
כאווער.

ווי פריילינג־רעגנס שורשעט ער,
באם טײַך די צווײַגן הוידעט ער,
אין אויגן מײַנע גלאנצט א טרער
און רופט אין קרײַז פון ברידער,
כאווער.

אין הייכן, ווי א פויגל, ציט
און, ווי א מאנדל־בוים, צעבליט
מײַן פראָסטע ליד, ווען ס׳זינגט די ליד
מײַן הארץ צום גרויסן סטאלין,
כאווער.

1937

★ ★

ווי האָט וולאַדימיר געלעבט

(אַן עווענקישע)

בײַ דעם מענטשן אין דער טיפעניש פון דער טײַגאַ
דורעסלאַנג געווען דאָס לעבן אָט אַזאַ:
אָנגעגעסן זיך צו זאַט? גרויסאַרטיק!
אָנגעגעסן זיך צו זאַט — איז פּאַרטיק,
מערער דאַרף ער ניט און מערער אים ניט פעלט.
ס׳מעג דאַן אומקומען די גאַנצע וועלט,
ס׳מעגן אַלע מענטשן דעמלט קרענקען...

אַזוי האָבן געלעבט אויך די עווענקען.

מיט בערג און טײַכן די טײַגאַ איז רײַך.
האָט יעדער איינער אומגעשפּאַנט פון טײַך צו טײַך,
פון באַרג צו באַרג, און וועוורקעס ער האָט געטויט,
און נאָכדעם אויסגעביטן זיי אויף זאַלץ, אויף צוקער און אויף ברויט
בײַ די געסט, וואָס קומען פון די ווײַטע לענדער,
בײַ די סאָחרים, בײַ די כיטרע הענדלער.

עס זאָל קיין מענטש ניט זען, ניט הערן, — שטיל־שאַ,
פלעגט זיך לאָזן דער עווענק דורך דער טײַגאַ,
אויף די צעדערביימער, אויף די העכסטע הייכן
פלעגט זײַן אויג דערזען די מינדסטע צייכנס.
ס׳פלעגט זײַן אויג דערשפּירן, ווי עס וואַקסן אין באַהעלטעניש די צווײַגן.
נאָר דער צונג ער פלעגט באַפוילן: — שווײַגן! —

אלץ, וואָס אופגעכאַפּט ער האָט און וואָס באַמערקט
אין געדיכטעניִשן, בײַ די טײַכן, אַף די בערג,
פלעגט ער אײַן זיך, אונטער זיבן שלעסער פעסט פאַרשליסן,
ס'זאָל אין וועלט קיין מענטש זיך ניט דערוויסן,
קיינער אַף דער וועלט געניסן זאָל דערפון,
כוץ אים און כוץ זײַן ווײַב און כוץ זײַן זון.

— דערציילן עמעצן? ס'קאָן אַלדאָסבייז געשען!
און קראַנק זײַנען די לײַט אַליין דערזען?...

אַזוי האָבן די לײַט געלעבט אין דער טײַגאַ.
דאָלבאָנע איז אויך געווען אַזאַ.

אַן איבעריקן וועוריק האָט דער שאַכן פון געיעג געבראַכט,
פלעגט דאָלבאָנע ניט קאָנען אײַנשלאָפן די נאַכט.
ס'האָט אים געבריט, ס'האָט אים געבראָכן און געשטאָכן:
— אַן איבעריקן רובל ט'הײַנט פאַרדינט דער שאַכן!—

האָט דער שאַכן מיטגעבראַכט אַן איבעריקע זשמעניע מעל,
איז דאָלבאָנע געוואָרן גרין און געל:

— אין אַ ווינקל אַ פאַרוואָרפענעם כ'וועל טרעפן אים און האַרגענען!
אין אַ ריוו אַ פינצטערן מ'דאַרף פּאַקן און דערוואַרגן אים!..—

האָט וולאַדימיר עס דערזען און האָט אַזוי געזאָגט:
— גרויס די רײַכקײַט אײַערע און גרויס איז אײַער פּלאָג!
אָרום אײַך אין וועלדער־טיפ, אַף באַרג און טאָל —
וווּנדערלעכע אָשרעס, בלענדנדיקער גאָלד,—
און ס'טוט די נויט דאָס לעבן אײַך פאַרדאַרבן,
און קינדער אײַערע פון הונגער שטאַרבן.
אַלע מענטשן אַף דער וועלט דאָס גאָלד געהערט.
די וועווריקעס געהערן אַלעמען אַף גאָר דער ערד.

פאַרוואָס־זשע זײַט איר איינער דאָ דעם אַנדערן מעקאַנע?
פאַרוואָס איז צווישן אײַך קיין פרײַנטשאַפט ניט פאַראַנען?
ס'לעבן אײַך די ווילדקײַט און די פינצטערקײַט פאַרסאַמען.

עס וואָלט אײַך גוט געווען, איר לעבן זאָלט צוזאַמען.
איר וואָלט באַדאַרפט פאַרבינדן זיך איינעם און אַפּ אַלע טעג,
איינעם גיין אין וועלדער אַפּ געיעג, —
מיט אַלדאָסגוטס און ווילס, וואָס איז פאַראַן דאָ,
וואָלט איר באַדאַרפט צוזאַמען האַנדלען!..—

האָבן עס דערהערט די סאָכרים און געזאָגט דאַן: — ווייסט,
אַ שלעכטער מענטש וואַלאַדימיר, ער פאַרטראַכט האָט בייז.
דעם גרויסן קייסער אונדזערן וואַלאַדימיר איז אַ סוינע.
ווער ס'וועט דערהאַרגענען וואַלאַדימירן — דרײַ רובל קריגט באַלוינונג! —

עס איז צו דאָלבאָנען דערגאַנגען, האָט דאָלבאָנע אַפּ זיך גענומען
דערהאַרגענען וואַלאַדימירן, דרײַ רובל לוין באַקומען.

איז דאָלבאָנע אין דער טײַגע אַוועקגעגאַנגען אַפּ געיעג,
וואַלאַדימיר שפּאַנט, און דאָלבאָנע — פון הינטן, באַ דער זײַט פון שטעג
פון צעדערבוים צו צעדערבוים ער טראָגט זיך פלינק,
פון צעדערבוים צו צעדערבוים ער שפּרינגט:
עס וועט פון דאָלבאָנען וואַלאַדימיר ניט אַוועקגיין.
אַן עווענק איז דאָלבאָנע און אַ געניטער יעגער!

קוקט דאָלבאָנע: עס גייט וואַלאַדימיר, צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט די אויגן,
ווי אַ געדאַנק אַ שווערער וואָלט דעם קאָפּ אים צו דער ערד אַראָפּגעבויגן.
ער גייט דורך דער טײַגאַ, נאָר קיין שום פויגל שיסט,
די ביקס אַפּן אַקסל זײַנעם הענגט אומזיסט־אומנישט.

איז דאָלבאָנען באַפאַלן גרויסע שרעק:
— ער האָט, וואַלאַדימיר, דאָך געלאָזט זיך אַפּ געיעג?

פאַרוואָס־זשע גייט ער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן?
פאַרוואָס־זשע שיסט ער ניט קיין כּײַע און קיין פויגל? —

האָט אין דאַלבאָנענע דער קאַס נאָך שטאַרקער זיך צעשפּילט.
ער האָט די ביקס זײַנע צום קאָפּ וולאַדימירס אָנגעצילט.
אָט א רעגע נאָך, א רעגעלע, און אויס, א סאָף.
האָט פּלוצעם דאַלבאָנענע דערזען: בא וולאַדימירן נישטאָ דער קאָפּ.
ס׳זעט דאַלבאָנענע: אקעגן ביקס זײַנער׳טוט נאָר א קערפּער שפּאַנען,
וולאַדימירס קערפּער, און דער קאָפּ איז ניט פאַראַנען.

האָט דאַלבאָנענע די ביקס צוריק אַראָפּגעלאָזן־צו דער נידער.
עס שפּאַנט וולאַדימיר, און דער קאָפּ זײַנער פאַראַנען ווידער.

האָט אין דאַלבאָנענע דער צאָרן זיך צעפּײַערט ווילד.
ער האָט אפסנײַ די ביקס צום קאָפּ וולאַדימירס אָנגעצילט.

נעבן צעדערביימער, נעבן פיכטנביימער, נעבן טאַנען
שפּאַנט וולאַדימיר, נאָר דער קאָפּ איז ניט פאַראַנען.

מיט דאַלבאָנענע אזעלכעס קיינמאָל ניט געווען!
מיט דאַלבאָנענע אזעלכעס קיינמאָל ניט געשען!

— מ׳דאַרף צו דער פּלײצע זײַנער צילן, — ער באַשליסט, —
די פּלײצע ניט אַנטלויפן וועט, געוויס... —

די ביקס ר׳האָט אָנגעצילט דאַן צו וולאַדימירס פּלײצע.
זעט דאַלבאָנענע: עס גייען פיס, אַפּ שטעגל פרײַ מע גייט זיך,
עס שפּאַנען פעסט די פיס און שטעלן זיך ניט אָפּ,
נישטאָ קיין פּלײצע, — פיס און איבער זיי א קאָפּ.

האָט זיך דאַלבאָנענע דערשראָקן ווי א קינד:
— א בראָך צו מיר! איך בין געוואָרן בלינד! —

האָט זיך דאַלבאָנענע די אויגן דורכגעריבן,
בא דער זײַט פון שטעגל שטיין געבליבן.

בריַיט די אויגן האָט ער אופגעמאַכט.
אַלץ אַרום האָט דאָלבאָנע באַטראַכט.
אַף אַ צעדער, בּאַ דעם סאַמע שפּיץ,
אַ האָזלהון אַ קלייַנע זיצט,
זיצט זיך רויִק, זיצט זיך שטיל.
האָט דאָלבאָנע די בּיקס צום האָזלהינדל אָנגעצילט.
ווּנדער: ווי אַ רעגע פריִער, אָט אַזוי אויך איצט
אַפן צעדערבּוים דאָס האָזלהינדל זיצט,
ווילט זיך דיר — איז קענסטו שיסן!..

•

נעמט נאָך שטאַרקער דאָלבאָנען פאַרדריסן.
נאָר ער שיסט ניט, ס׳וועט וולאַדימיר זיך דערשרעקן און אַוועק.
לאָזט זיך דאָלבאָנע, נישטאָ וולאַדימיר אַפן שטעג.
וואָס פאַר אַ שפּאַט? וואָס פאַר אַ ווילדע שאָ?
אָט ערשט געווען. אַ רעגע, און ער איז נישטאָ.
די שפּורן פונעם גאַנג וולאַדימירס אַפן שטעגעלע געקניפּט געבּונדן,
נאָר וולאַדימיר איז נישטאָ, וולאַדימיר איז פאַרשווּנדן.

האָט דאָלבאָנע דאַן לויפן זיך געלאָזט:
— ער יאָגט, וולאַדימיר, אָ, ער גייט ניט פּראָסט.
כאָטש לויטן שפּור עס דאַכט זיך, אַז ער גייט פּאַמעלעך.
ער יאָגט, וולאַדימיר, נאָר דעריאָגן וועל איך! —

האָט דאָלבאָנע דורך דער טייַגאַ געיאָגט.
ס׳האָט דאָלבאָנע צו זיך אַזוי געזאָגט:

— וועט מייַן קויל ניט טרעפן — דעמלט
כ׳וועל אַף דער ראָהאַטינע אים נעמען.
ער וועט זיך שוין ניט אויסדרייען, ווי בּיז אַהער.
ס׳קאָן די ראָהאַטינע אַרופנעמען אַ בּער!
אַף אַזאַ מין אויפן, אַף אַן אַנדער אויפן —
ער וועט, וולאַדימיר, פון די הענט פון מייַנע ניט אַנטלויפן! —

האָט פּלוצעם א קוקאווקע זיך צעשריגן: — קו־קו־קו־קו...
און נאָכאמאָל, און נאָכאמאָל. הערט דאָלבאָנע זיך צו.
— קו־קו... קו־קו... — אָן א סאָף און אָן א ברעג.
איז דאָלבאָנע אפּסנײַ באפאלן שרעק:
— פארוואָס אצינדערט א קוקאווע שרײַט?
עס איז דאָך אָסיענדיקע צײַט! —

האָט מיטאמאָל אן אויערהאָן אף הויכער צווײַג גענומען שפּילן,
אין געזאנג פארגיין זיך, ווי אום פרילינג.
הערט דאָלבאָנע, פארשטייט ניט: — וואָס איז דער באַטײַט?
עס איז דאָך אָסיענדיקע צײַט! —

זײַנען פּלוצעם וועווריקעס אף סאָסנעס פריילעך זיך צעלאָפן,
פון צווײַג אף צווײַג, ארוף, אראָפּעט.

— אן אומגליק! ס'קומען טעג פון יאָמערן און קלאָגן.
איצט וועוריקעס אין אָסיען־צײַט זיך יאָגן,
געבוירן וועלן ווערן ווינטער־צײַט די וועווריקלעך די קינדער,
וועלן וועווריקלעך פארפרוירן ווערן אינעם ווינטער.
ס'וועט דאָך קיין געיעג ניט זײַן! ס'וועט דאָך קיין פארדינסט ניט זײַן!
עס וועט קומען הונגער! עס וועט קומען פּײַן!..
און די קליינע אויערהינדעלעך, אין ווינטער־צײַט געבוירן,
אין די קרירעס ווערן זיי פארפרוירן, —
ס'הייסט, אז אלדאָסבייז וועט פּלעטן, ס'הייסט,
ס'וועט ניט האָבן דאָלבאָנע קיין פלייש.
עס וועט קומען פּלאָג, עס וועט קומען נויט.
עס וועט קומען הונגער! עס וועט קומען טויט!..
ווײ, ווײ! כאָטש אין וואסער זיך ארײַנצווארפן...
אָבער הארגענע וולאדימירן איך דארף דאָך? —

ווי נאָר ס'האָט דאָלבאָנע אזוי געטאָן א קלער,
האָט צעשריגן זיך דער אויערהאָן: — היי, דאָלבאָנע, דו הער —

בעסער וואָלט געווען דו זאָלסט אזוי טאָן:
טויט מיך! וולאדימירן דו זאָלסט ניט טויטן!—

און דער ווערוויק זיך צעשרייט:— היי, דאַלבאָנע, דו שויטע!
טויט מיך! וולאדימירן דו זאָלסט ניט טויטן!—

און ס׳צעשרייט זיך די קוקאווקע גיך, גיך, גיך:
— וולאדימירן דו זאָלסט ניט טויטן! טויט מיך!—

און דער בער רוקט זיך ארויס, און ס׳איז דער וואָלף ארויסגעפלויגן,
און ס׳האָט דער איילנהירש די הערנער אויסגעצויגן,
און דער אָטער אפּן בויך פון הינטער צעדער קריכט,
און יעדער, יעדערער:— וולאדימירן ניט טויט! טויט מיך!—

קוקט דאַלבאָנע, הערט דאַלבאָנע, טראַכט דאַלבאָנע אין מוירע:
— ווײ איז מיר, איך גיי פארלוירן!
איך וועל דעם וואָלף דערהארגענען— מיך דער בער צעבייסט;
איך וועל דעם בער דערהארגענען— מיך דער וואָלף צערייסט;
כ׳וועל די קוקאווקע הארגענען— דער אויערהאָן מיט פליגל
מיך דערשטיקט;
דעם אויערהאָן דערהארגע איך— די קוקאווקע מיך צעפּיקט;
כ׳וועל דעם איילנהירש דערהארגענען— וועט דער אָטער
מיך דערטרינקען;
דעם אָטער כ׳וועל דערהארגענען— דער איילנהירש צעטרעט
מיך מיט די פיס די פלינקע;
כ׳וועל דעם ווערוויק הארגענען— וועלן אלע כייעס מיך מיט
טויט באשטראָפן.—
האָט ער קיינעם ניט געשאָסן, בלויז א האָז, וואָס איז
אדורכגעלאָפן.

ווי נאָר עס האָט א הילך געטאָן אין טיף־געדיכטעניש דער שאָס,
עס שטייט לעם דאַלבאָנען וולאדימיר, שטייט און לאכט:— פארוואָס

האָסטו ניט געהאַרגעט מיך? וואָס איז געשען?—
זאָגט דאָלבאָנע:— דער קאָפּ באַ דיר... דער קאָפּ איז ניט געווען!
— נאָר אין דער פּלייצע האָסטו שיסן דאָך געקענט?
— עס איז באַ דיר די פּלייצע אויכעט ניט געווען!
איך האָב דיך אומגעזוכט און דיך אין ערגעץ ניט געזען:
דו ביסט אינגאַנצן ניט געווען!

— ביסט, דאָלבאָנע, א מענטש א נאַרישער. קום, לאָמיר גיין!
ביסט, דאָלבאָנע, א מענטש א פינצטערער. קום אהיים!—

ווי נאָר זיי האָבן גיין געלאָזט זיך, באַלד
זײַנען אַלע כײַעס זיך צעלאָפן אינעם וואַלד.
ס'זײַנען כײַעס זיך צעלאָפן אינעם וואַלד דעם אייביק־גרינעם,
יעדער כײַע— צו איר אַרבעט, יעדער כײַע— צו איר איניען.

דער וועווריק איז אוועקגעט שלעפּן נאָך און נאָך
ניס אין שטוב אַרײַן, אין בוים אַרײַן, אין טיפן לאָך,
עס איז דער אויערהאָן אוועק די יאַגדעס פּיקן,
עס איז דער בער אוועק מיט מאַלינע זיך קוויקן,
און דער וואָלף האָט פײַל פון בויגן זיך געלאָזן
דורך דעם וואַלד דעם טיפן יאָגן זיך נאָך האָזן,
און דער אָטער האָט גענומען גראָבן זיך א נאָרע,
די קוקאַווקע איז אַנשטומט געוואָרן.

שפּאַנט דאָלבאָנע. וולאַדימיר שפּאַנט.
— אוי, וולאַדימיר, גיין מיט דיר איז מיר א שאַנד.
— פאַרוואָס?— דאָלבאָנע געווען איז ערגער פון א וואָלף.
עס האָט דיך דאָלבאָנע דערהאַרגענע געוואָלט...
— ביסט, דאָלבאָנע, א מענטש א פינצטערער. דו הער:
דו ביסט ניט ערגער פון א וואָלף, נאָר ביסט אַזאַ, ווי ער.
דער וואָלף עסט אויף דאָס פלייש פון האָז און וואַרפט אוועק די פעל,
און די פעל די ווערט איז געלט.

דו האָסט, דאָלבאָנע, געוואָלט מיך טייטן פאַר א דרייערל.
און עפשער קאָסט איך גאָר פיל מערער און פיל טייערער?..—

★ ★

צען יאָר געוועז וולאַדימיר
אין דער טיפעניש פון דער טײַגא געפאַנגען,
צען יאָר אדורך—
וולאַדימיר איז פון דער טײַגא אוועקגעגאַנגען.

שפּאַנט דאָלבאָנע אין דער טײַגא און רעדט מיט ביימער
און מיט פייגל און מיט ווינטן:
— וווהין האָט זיך וולאַדימירס קאָפּ געקאָנט דעמלט אהינטאָן?—

זאָגט דער פּיכטנבוים:— איך האָב אים פאַרשטעלט,
ער זאָל לעבן בלייבן אף דער וועלט!—

שפּאַנט דאָלבאָנע אין דער טײַגא און רעדט מיט ביימער:
און מיט פייגל און מיט ווינטן:
— וווהין האָט זיך וולאַדימירס פּלייצע דאַן געקאָנט אהינטאָן?—

זאָגט די ווילדע ראָזמארין:— איך האָב אים פאַרשטעלט,
ער זאָל לעבן בלייבן אף דער וועלט!—

שפּאַנט דאָלבאָנע אין דער טײַגא און רעדט מיט ביימער
און מיט פייגל און מיט ווינטן:
— וווהין האָט עס וולאַדימיר דאַן געקאָנט אינגאַנצן זיך אהינטאָן?

אין דער געדיכטעניש פון דער טײַגא דאַן נעמען שרײַען
אַלע ביימער, אַלע פייגל, אַלע כײַעס:

— מיר האָבן אים פאַרשטעלט! מיר האָבן אים פאַרשטעלט,
ער זאָל לעבן בלייבן אף דער וועלט!—

טאָג נאָך טאָג, און וואָך נאָך וואָך, און יאָר נאָך יאָר.
ס׳איז דער געיעג בא דאָלבאָנעס געוואָרן שלעכט ביז גאָר.
צילן נעמט ער אין א וועווריק, איז דער וועווריק מיטאמאָל
צעשרײַט זיך איבער בארג און טאָל:

— דו האָסט וולאַדימירן דערהארגענעס געוואָלט,
נאָר ס׳איז וולאַדימיר טײַערער פון גאָלד,
פאר קיין שום געלט אין וועלט אים ניט צו קויפן! —

און דער וועווריק אין דער טיף־געדיכטעניש אנטלויפט דאַן.

צילט דאָלבאָנע אין איילנהירש, איז פלוצעם זיך דער איילנהירש
צעשרײַט,
דער קאָל פון איילנהירש צעטראָגט זיך ווײַט, ווײַט:

— דו האָסט וולאַדימירן דערהארגענעס געוואָלט,
נאָר ס׳איז וולאַדימיר טײַערער פון גאָלד,
פאר קיין שום געלט אין וועלט אים ניט צו קויפן... —
און אין טיף־געדיכטעניש דער איילנהירש אנלויפט דאַן.

★ ★

א יאָר פארגייט, און נאָך א יאָר פארגייט, א צענדליק יאָר פארגייט.
אין דער טײַגא האָט זיך א קלאַנג פארשפּרייט:
א נײַס אזאמינס איז אין דער טײַגע געשען —
א נײַער ווינטער־לאגער בא דעם טײַכל טאַליאַקען.
וועסט ברענגען וועוויריקעס — איז גיט מען צוקער, מעל און זאַלץ,
מ׳גיט לײַוונט, מ׳גיט אסאך, מ׳גיט אַלץ,
מ׳גיט אַלץ, וואָס די עווענקען דארפן ווי דאָס לעבן, —
פינף מאָל אזויפיל, וויפל סאָכרים האָבן ווען־ס׳ניט־איז געגעבן.
און ווער קיין וועווריק ניט פארמאָגט, ניט וויסן דארף פון זאָרג:
מ׳גיט אים דאָרט אַלצדינג, מ׳גיט אים דאָרט אפ באָרג... —

איז דאָלבאָנע אוועק, געשפאנט האָט דאָלבאָנע א טאָג
און נאָך א טאָג.
געקומען צו דעם ווינטער־לאגער און אזוי געזאָגט:
— ס'האָט וועגן אײַך אין דער טײַגא א גוטער קלאנג פארשפרייט זיך.
נישטאָ בא מיר קיין ווערוריקעס, נאָר מעל באדארף איך נייטיק.—

האָבן מענטשן דאָרט געזאָגט: — ביסט אן עווענק?
א ביקס פאראנען? און א הונט פאראנען?
האָסט אויגן? פיס? איז נעם!
זאָלסט ניט אוועק קיין ליידיקער פונדאנען.—

זאָגט דאָלבאָנע: — איר שענקט מיר פריידן און איר
שענקט מיר גליק.
פארוואָס, כ'פארשטיי ניט, גיט איר מיר? און טאָמער כ'וועל ניט
אָפּגעבן צוריק?

— אַן אונדז דו וועסט ניט אויסקומען! נעם, וויפל נאָר
דײַן הארץ באגערט.
דו וועסט ניט אָפּגעבן — מיר וועלן דיר ניט געבן מער.

— גערעכט! אויב כ'וועל ניט אָפּגעבן — מיך שטראָפט
דעם סויכערס צאָרן.
דער סויכער וועט מיר מער ניט געבן קיינמאָל גאָרניט.
— קיין סאָכרים שוין נישטאָ.
— אויב ניט דער סויכער, איז דער קייסער.
אַף דאָלבאָנע צעקאָכט זיך און זיך שטארק צעבייזערט:
— קיין קייסער אויך נישטאָ.
— וואָס הייסט עס? ווי האָט עס געטראָפן?
— דעם קייסער האָט דאָס פאָלק אראָפּגעוואָרפן
און פארשלײַדערט אים צו אלדי שווארצע רוכעס.
— איז ווער־זשע האנדלט איצט?

— עס האנדלט די סאָוועטישע מעלוכע,
די ראַטנמאַכט... —

הערט דאָלבאָנע די רייד,
שטייט דאָלבאָנע פאַרכידעשט, גאָרניט ניט פאַרשטייט.

— האָסט קינדער, דאָלבאָנע?
— עס איז בא מיר א זון דאָ.

— דו פיר אוועק דײַן באָכער צו דער אילימפּייער טונדרע.
א גרויסער ווינטער־לאַגער דאָרט, און ס׳איז דאָרט אײַנוווינער
פאַראַנען מערער,
א דאָקטער דאָרט פאַראַן און ס׳איז פאַראַן א לערער.
מ׳וועט דאָרט אויסלערנען דײַן באָכער לייענען און שרײַבן,
און האַנדלען פאַר דער ראַטנמאַכט ער וועט א צײַט דאָרט בלײַבן.
און נאָכדעם וועט ער פאָרן לערנען אין א שטאָט א גרויסער,
אין א שטאָט א ווײַטער...

— וואָס? וולאַדימיר, וואָס האָט דאָ געלעבט, דעם קייסער האָט
אראָפּגעשלײַדערט?
וולאַדימיר, וואָס האָט דאָ געלעבט, אָט איצטער
מיט דער וועלט דער גרויסער פירט ער אָן איצט?

— יאָ, וולאַדימיר, נאָר געלעבט האָט ער, וולאַדימיר,
אין אן אנדער אָרט.
— ער האָט דאָ געלעבט, מײַן ערנ־וואָרט!

— אײַ, אײַ, אײַ, פאַרוואָס זאָגט איר א ליגנ דעם עווענק?
דאָ האָט ער געלעבט, וולאַדימיר, איך געדענק! —
איז דאָלבאָנע אהיים אוועקגעגאַנגען. גייט ער און ער קלערט.
רעדט דאָלבאָנע מיט ביימער און מיט פייגל, מיט הימל און מיט ערד.
— ער האָט, וולאַדימיר, ניט געלעבט אָט דאָ? וואָס הייסט?

אָט דאָ האָט ער געלעבט. איך ווייס!
אָט דאָ איז ער געווען, אָט דאָ האָט ער געלעבט, וולאדימיר...
וויפל לײַט אין דער טײַגא? וויפל שטערן אינעם הימל!
איבער יעדערן מעקאנען זײַן, איבער אלץ פאר זיך צו שלעפן און צו פאָדערן,
אויסטריקענען ס'וועלן דיר די אָדערן.
וולאדימיר האָט געזאָגט: מע דארף אינייִנעם זײַן.
אינייִנעם לעבן — גוט איז, ריין און פײַן.
איינער גיט דיר פולווער, און דער צווייטער גיט פיסטוילן,
א דריטער גיט דיר מונטערקײַט מיט א ברודער־ווונטש א ווילן.
דער פערטער גיט א כאווערישע אייצע,
דער פינפטער מיט דײַן גליק דערפרייט זיך... —

א האנט א מילדע איבער צעדערביימער שטערן גילדענע צעשיט.
גייט דאַלבאָנע דורך טיפ־געדיכטעניש און זינגט א ליד:

„געווען איז דאלבאָנע
פינצטער, ווי די נאכט.
וולאדימיר האָט די ליכטיקײַט
אין דער טײַגא געבראכט.
וולאדימירס קלוגשאפט ליטערע
די טײַגא וועט אייביק רימען.
ווו האָט ער געלעבט, וולאדימיר?
דאָ האָט ער געלעבט, וולאדימיר!..״

★ ★

ל. פערוואָמײַסקי

מײַנ מונטערע יוגנט

יוגנט מײַנע מונטערע,
א גרוס פונ מיר, דעמ יונג!

יוגנט מײַנע מונטערע,
ווי שטורמיש איז דײַנ שווונג!

יוגנט מײַנע מונטערע,
עס קלינגט דײַנ פליגל יונג.

איכ זע דיכ ווידער. אונ איכ הער
דײַנ רויש. ס'איז דו. אזוי
ביסט דורכגעגאנגענ הויכ אונ שווער.
בלאָקירטע בריקנ. בלוי.

יוגנט מײַנע מונטערע,
שמייכל יונגער בלענדט.

יוגנט מײַנע מונטערע,
מײַנ קלוב אינ יוגנט־ברעג!

יוגנט מײַנע מונטערע,
גרינבלעטלדיקער דעמב.

פאר שמייכלען, טרויער, ווי און ווינד
איז דאנק איך דיר, מײַן פרײַנט.
פארנעם א דאנק פון מיר אצינד
פאר אלץ, וואָס כ׳ליב ביז הײַנט.

יוגנט מײַנע מונטערע,
האָסט מיך געשטעלט אין קאָן.

יוגנט מײַנע מונטערע,
דער טויט געווען איז נאָענט.

יוגנט מײַנע מונטערע,
האָסט פאלן ניט געקאָנט!

ווערען כ׳ליב און ווערען ניט,
ווײַל ליבן כ׳ליב ניט בלינד,
פאר בלוט, פאר שלאכט, פאר הייסע טריט
באדאנק איך דיר אצינד.

יוגנט מײַנע מונטערע,
ווײַז אָן די וועגן ברייט.

יוגנט מײַנע מונטערע,
אין שעפערישן רעיד.

יוגנט מײַנע מונטערע,
אין טרויער און אין פרייד.

★ ★

אלעקסאנדער פּראָקאָפּיעוו
(אָרדענטרעגער)

רום

רום דער זון פון גאָלדנ־פּײַער,
רום דעם קרעמל, וועלכער העלט!
רום צו סטאַלינען, דעם טרײַען,
רום דער סטאַלינישער וועלט!

רום די נײַע לעבנס־גערטנער
און דער היים פון ארבעט־רום,
רום די סטאַלינישע ווערטער,
זייער קראַפט איז אומעטום.

רום דעם פרילינג־יאָג דעם גרינעם,
אייביק בליִען זאָל דער קאַנט,
רום די ליכטנדיקע דינים,
וואָס ס׳האָט סטאַלין אונדז דערלאַנגט.

רום דער פאָן, וואָס פלאַמט מיט צאַרטקײַט
בײַ דעם העכסטן הימל־ראַנד,
רום דעם לאַנד, וואָס גיט אונדז שטאַרקײַט,
רום דעם סטאַלינישן לאַנד.

רום צו די, וואָס טײַכן הייבן,
שטעט פארזייען אומעטום,
רום צו סטאַלינען אַף אייביק,
אייביק לעבן וועט זײַן רום!

★ ★

אלעקסאנדער פּראָקאָפּיעוו

היימלאנד

מײַן גורל, מײַן פרילינג, היימלאנד!
מענטשן, וווּהין נאָר זיי קוקן,
ווו נאָר די בליקן זיי שיקן —
פלינקער ווי אומעטום
זײַנען די טײַכן דײַנע,
די פעלדער און אויך די טאָלן,
דער ווינט פון דײַנע יאמען,
די לידער און דײַן רום!
מיר זײַנען אַפ דײַנע ברייטן,
מיר ליבן און מיר האסן,
אין וועלטן — גאָר אנדערע וועלטן
אפילע אין כוישעך פון נאכט,
א פאָן א גרויסארטיקע זעט מען,
זי שײַנט איבער אלע וועלטן,
ציט זיך די גאנצע פלאנעטע
צו דער שײַן פון איר פּראכט.
מײַן גורל, מײַן פרילינג, היימלאנד!
קיין ליבערס ניטאָ און קיין שענערס,
קיין טײַערס ווייסן מיר אויך ניט!
היימלאנד! מיר זעען אין דיר
דעם פלי פון די דרייסטע פון דרייסטע

העכער און הויך, צו די שטערן.
אזוי איז אין יעדער ארבעט
זיך ציִען ארופ אַן א שיר!

דו האָסט דאָס גליק דעראָבערט,
ווער קאָן דיך שוין איצט דערקענען,
דײַן נעכטן איז שוין אין לעגענדן,
אין שלאכט איז דײַן מאָרגן־באגין.
און דיר נאָר, מײַן ריזיק־גרויסע,
ברענגען די רייַנסטע שווּע
די טעכטער פון שטאָלצן גורל,
די העלדן דײַנע זין.

דו האָסט די דרייסטע באשאַנקען,
יעדן מיט רום און מיט ליבשאפט,
האָסט זיי ארויסגעפירט אלע
אפ דײַן קלאָרן און בליִקן פעלד.

. . . .

לענין אפ אלע פאָנען,
סטאלין אפ אלע פאָנען!
מײַן גורל, מײַן פרילינג, היימלאנד,
ליבע און שטאָלצקײַט און העלד!

★ ★

פאָלקס-שאַפונג

א ליד וועגן סטאַלינען

פון ראַנד און ביז ראַנד, איבער באַרג־שפּיצן קלאָרע,
ווו אָדלער ווי פרײַער אין ווײַטעניש פליט,
פון סטאַלינען לײַבלעכן, טײַערן, גרויסן
דאָס פאָלק שטעלט צונויף איצט א וווּנדערלעך ליד.

און ס׳פליט דאָס ליד אַזוי שנעל, ווי א פויגל,
און ס׳ציטערט די וועלט אונטערדריקער מיט שרעק,
סע וועט ניט פאַרהאַלטן קיין פאָסט און קיין גרענעץ,
און ס׳וועט ניט פאַרהאַלטן קיין ראַנד און קיין ברעג.

עס שרעקן עס ניט קיין נאַהײַקעס, קיין קוילן,
דאָס ליד קלינגט אין פײַער פון דער באַריקאַד.
עס זינגען דאָס ליד איצט דער ריקשע און קולי,
עס זינגט איצט אין כינע דאָס ליד דער סאָלדאַט.

דאָס ליד וועגן אים הייבן אַלע צוזאַמען
די רייען פון פאָלקס־פראָנט, אַזוי־ווי א פאָן.
און ס׳ברענען, ס׳צעברענען זיך גרויזאַמע פלאַמען,
דער לעצטער אַנטשיידענער שלאַכט הייבט זיך אָן.

און מיר אָט דאָס ליד זינגען שטאָלצע און דרייסטע
און רימען די גרויסקייט פון סטאַלינשער צײַט,

פון זיגן מיר זינגען, פון גליק און פון פריידן,
פון לעבן, וואָס גליקלעך איז, שיין און באַפרייַט.

פון ראַנד און ביז ראַנד, איבער בארגשפּיצן קלאָרע,
ווו אָדלער ווי פרייַער אין ווייַטעניש פליט,
פון סטאלינען לייַבלעכן, טייַערן, גרויסן
דאָס פאָלק שטעלט צונויף איצט א וווּנדערלעך ליד.

(דאָס ליד זינגט דער ארבעטער-כאָר
אפן זאוואָד א. נ. פרונזע אין שטאָט פענזע)

★ ★

א ליד פון קאָלווירטניצעס וועגן סטאַלינען

אוי, ווי דאָ איז העל און ליכטיק, וויפל שיַין ארום,
וויַסע בליטן אף די לאָנקעס, בלי איז אומעטום,
צי די זון ווערט אין דער פינצטער טאקע ניט פארהילט,
צי זי ווערט אין וויַסן ווינטער אויכעט ניט פארקילט.
דאָס שיַינט אונדזער ליבער סטאַלין, שמייכלט אזוי מילד.
אין דער זון איז דאָ אזויפיל ווארעמקיַיט און שיַין,
נאָר ווען ס׳קומט דער וויַסער ווינטער דורכן וואלד אריַין,
און אין אָזערעס און טיַיכן ווערט דאָס וואסער קאלט,
און פון בייזע פרעסט און קעלטן זיך די זון באהאלט,
סטאַלינס ליבער נאָמען ווארעמט אלעמאָל און שטראלט.
אָט דערפאר פון זון איז העלער אונדזער גרויסער פריַינט,
אָט דערפאר איז דאָ אזויפיל ליכט ארום צעשיַינט,
און דערפאר די ערד די ליבע איז מיט בלומען ריַיך,
ס׳איז די פרוי א מענטש געוואָרן מיטן מאנצבל גליַיך.
ס׳פירט מיַין מאן אין פעלד א טראקטאָר, איך פיר א קאָמביַין —
און מיר לעבן מיט אים הארציק, ווי די בעסטע פריַינט.
אוי, עס וועט א הארבסט־טאָג קומען, קומען פול מיט פרייד,
וועט מיַין מאן מיר זאָגן: „ליבע, נעם דאָס שענסטע קלייד,
מירן מיט דיר פאָרן ביידע מיטן פעלד און פליין,
פאָרן אָפגעבן א ראפּאָרט סטאַלינען אליין”.
אף די הענט מיַין זון איך וויג מיר און איך זינג א ליד:

„וואקס, מײַנ טײַער קינד — א זאנגל צווישנ קאָרנבליט,
סטאַלינ — וועט דאָס וואָרט דאָס ערשטע קומענ אפ דײַנ ליפּ.
וועסט פארשטיינ, פונוואנענ ס׳גיסט זיכ אָט די שײַנ אונ שפּילט,
אינ דײַנ העפטל וועסטו מאָלנ סטאַלינס ליבנ בילד.
אוי, אינ סעדל בליט דער קארשנ, אונ ס׳איז ווײַס זײַנ צוויט,
ווי דער קארשנבוימ אינ פרילינג, אויכ מײַנ לעבנ בליט.
אינ די העלע טויענ־טראָפּנס שפּילט די זונ — א פראכט,
ס׳האָט די זונ, די ליכט אונ ווארעמ סטאַלינ אונדז געבראכט.
וועסט פארשטיינ, מײַנ טײַער לעבנ, — ווארעמקײַט אָנ שיר
האָט פונ אימ דורכ בערג אונ וועלדער דאָכ דערגרייכט צו דיר".

(פארשריבנ אינ דאָרפ סעמיליִ, קאָטשקוראָווער ראיאָנ, קויבישעווער געגנט. „פראוודא" נומ. 311, דעמ 12 אווגוסט 1936 י.)

★ ★

די ליד פון די דאָנער קאזאקן

ווי אין שטורעם כוואליעס טאנצן
איבער אונדזער ליבן דאָן,
אפ דער זון־שייַן שטראליק גלאנצן
שארפע שווערדן הייבן אָן.

ס׳קלינגט אין לידער ווערענס נאָמען
איבער די סטאניצעס דאָרט?
ס׳קלינגט איבער קאָלווירטן דאָנער
סטאלינס נאָמען, סטאלינס וואָרט.

אין דער צײַט פון פײַן און קריגן,
אין דער צײַט פון פלאַם און בראנד
האָסט געפירט אונדז, סטאלין, זיגן,
קלוגער פירער פונעם לאנד.

הער אונדז, אָדלער, אונדזער העלער,
הער, וואָס ס׳זאָגן דײַנע זין:
בעסער לעבן איז געוואָרן,
פרייַלעך לעבן איז אצינד.

אויב עס וועלן וואגן סאָנים
רירן אונדזער לאנד און פרייד,
וועלן שווערדן שנייַדן קאָנען,
זייַנע פערד צו שלאכטן גרייט.

★ ★

1843—22

טשאפּאַיעוו־ליד

גראָזן בייגן זיך און פאַלן
אונטער טלאָען פון די פערד,
מיט זײַן טשאַטע וועלפּ באַפאַלן
איז קאָלטשאַק די ראַטן־ערד. (2 מאָל)

ווען ס׳איז די פרײַהײַט טײַער,
קעגן סוינע קומט אַרויס!..
זײַנע פּאָלקן פירט טשאַפּאַיעוו,
און אַליין ער גייט פאָרויס... (2 מאָל)

און קאָלטשאַק אַנטלויפט אָן אויפהער
פאַר דעם דרייסטן פּאַרטיזאַן;
שוין פאַרטריבן אים פון אופע,
פון דער שטאָט בוהורוסלאַן. (2 מאָל)

אײַ, ווי שלאָגן שווערדן־קלינגלעך,
נאָר דער סוינע, שטאַרק צעקלאַפּט,
מיט זײַן לעצטער קראַפט באַרינגלט
אומדערוואַרט טשאַפּאַיעווס שטאַב. (2 מאָל)

ניט איין פײַנט איז דאָרט געפאַלן!
און ביזן לעצטן אָטעם טרײַ



אין די כוואַליעס די אוראַלער
אומגעקומען איז טשאַפּײַ. (2 מאָל)

ס'איז דער קאַמף נאָך ניט געענדיקט,
און טשאַפּאַיעווס אָנזאָג שײַנט:
— טרעט ניט אָפּ, נאָר שטענדיק, שטענדיק
שלאָג און יאָג דעם ווילדן פֿײַנט! (2 מאָל)

★ ★

סטאלינ, אונדזער זונ

סטאלינ, אונדזער זונ פונ לויטער גאָלד,
אָט דער נאָמענ וועט מיט טויט דעמ סוינע טרעפנ,
אונ, צעטרייבנדיק די שטורעמ־וואָלקנס,
האָסטו אונדז די וועלט פונ זונענ־גליק געעפנט.

האָסט געשיקט דעמ אָרדענ אונדז — מיט דאנק,
איז די יונגע רעפּובליק דערווארעמט.
מיר זיינענ שטאָלצ מיט סטאלינשנ געשאנק,
דאָס איז דאָכ דער לוינ פאר אונדזער ארבעט.

לעבינס פאָנ מיר האלטנ פעסט אונ מעכטיק
מיט די שטראלנ פונ דער זונ באמאָלט.
אונ עס פינקלט איבער אונדז אונ ס'שיינט אונדז פּרעכטיק
סטאלינ — אונדזער זונ פונ לויטער גאָלד.

(א פאָלקס־ליד,
פארשריבנ אינ קאבארדינא־באלקאריע)

★ ★

ע. פינינבערג

הייַנט

(פונ לאָפארישנ פאָלקלאָר)

1

... יאָרנלאנג האָט קראָ געקראקעט
איבער לאנד סואמעלאנדע.
פונ ראסיי געקומענ סאָכרימ,
בלויע, ווייַסע צאָפנ־פיקסלעכ
צוגענומענ בא דער טונדרע.

איז פונ דעמלט אָנ צו גאסט נאָר
פרילינג־צייַט פלעגט זונ זיכ ווייַזנ,
אפ ארקאנ פלעגט זונ זיכ דרייענ
באמ רייַכפוטערדיקנ סויכער.
פלעגנ מיר אינ טעג פונ פרילינג
לאָזנ זיכ דער זונ אקעגנ,
פלעגנ ברענגענ איר קאָרבאָנעס,
אז זי זאָל צוריק זיכ קערנ
צו דעמ לאנד סואמעלאנדע.

זומערס פיל אונ וויכער־ווינטערס
דורכגעלאָפנ אפ די שנייענ;
ווילד געקראקעט האָבנ קראָענ,
ס׳האָבנ הונגער־וועלפ געוויעט,

אין דער טונדרע לעבן, זינגען
איז די זון שוין ניט געקומען.
ווי איך, ווי איך, לאַפּער טונדרעס!
טויט האָט אומעטום באַזעצט זיך,
קראָען פינצטערע מיט צלאָמים
מער פאַראַנען, מער פאַראַנען,
ווי אין פרילינג אַף די יאַמען
שרייענדיקע וואַנדער־פייגל.
אַף דער ערד דרייט אום אַ קראָ זיך,
דרייט זיך אָנזאָגער פון אומקום,
אַף דער ערד אין פרייער באַנדע
פאָרן דאָ ראַסייער סאָכרים.
„ס׳וועט די זון שוין מער ניט קומען,
קיינמאָל קומען צו דער טונדרע.
ביינער, ביינער, ניט קיין מענטשן
אין דער שטיינערדיקער טונדרע".
אָט אַזוי האָבן סאַאַמען
אין דער לאַנגער נאַכט געשמועסט,
לעם דעם אייוועלע דעם קליינעם
אין די לעכערדיקע ניִרטעס:
„עס איז אומעגלעך צו לעבן,
ניט קעדיי צו שלאָגן כייעס,
ניט קעדיי צו פאַנגען פוקסן,
אַלץ וועט צונעמען דער סויכער,
אַלץ וועט צונעמען די קראָ זיך,
קראָ אין גאַלעכ־מאַנטל שוואַרצן.
ווי איך, ווי איך, קאַלסקער טונדרעס!
זשעדנע דינער פונעם קייסער
האָבן אָנגעטראָגן הונגער
אינעם לאַנד סואָמעלאַנדע!"

איינמאָל פון די ווײַטע לענדער
צו דעם לאַנד סואָמעלאַנדע
אָנגעקומען איז א נײַעס:
צו דער טונדרע, דורך דער יאַמבריית,
האָט געלאָזט זיך פאָרן לעניג,
און די זון פאַר די סאַאמען
פירט ער מיט זיך, ברענגט ער מיט זיך.
— לעניג? ווער־זשע איז עס לעניג? —
נײַגעריק געווען צו וויסן
לײַט, וואָס לעבן אין דער טונדרע.
„לעניג פאָרט אהערצו. ער איז
שטאַרקער פון די סאַמע שטאַרקסטע
אין דער גאָרער וועלט דער ברייטער!” —
האָט דערציילט מאַטראָס אין מורמאַנסק
און סע האָט מאַטראָס געלויבט אים,
ווי מע לויבט א פרײַנט א גוטן. —
„ער פאַרטריבן האָט דעם קייסער
און פאַריאָגט די קייסערינע,
ער צעזייט האָט אַלע סאָנים,
און די קראָען אין די מאַנטלען
אין די גאַלעכשע, די שוואַרצע,
האָט ער פונקט ווי פוך צעבלאָזן,
פלי׳ן געלאָזן מיט די ווינטן.
ער איז גרויס און גוט און ערלעך,
ליב האָט לעניג נאָר דעם עמעס...”

אָט אזוי דערציילט האָט איינער,
וואָס האָט אים אַליין געזען,
וואָס איז לעבן אים געזעסן

און מיט אים צוזאמען וואסער
אין א טשײַניקל פארזאָטן,
סוכאר זויערן געגעסן
און מיט הייסער טיי פארטרונקען.
„לעניִן קלוג איז, דרייסט און קרעפטיק,
ר׳האָט אין זאק פארשטופט דעם קייסער,
ר׳האָט אין זאק פארשטופט די סאָכרים...״
האָבן ווינטן זיך צעזונגען
אין דער טונדרע מיט דעם נײַעס:
— לעניִן, לעניִן. זון וועט ליכטן
איבער לאנד סואמעלאנדע! —
און סע האָבן די סאאמען
אָט אזא מין ליד געזונגען:
„קום צו גיין גיכער, לעניִן,
קער אונדז אום די זון, דאָס לעבן!״

האָבן זיך צערוישט אף דערפלעך
אין דערשראָקנקײַט די סטײַעס,
האָבן זיך גענומען דרייען,
אומדרייען אין ווילדער מוירע
סטײַעס קראָען מיט די צלאָמים;
און עס האָבן זיך צעשיפּעט,
פונקט ווי קוילן, פונקט ווי קוילן
אפן קאלטן שניי אין טונדרע,
די כאלפאָנים — די גאזלאָנים
און די בלוטזויגערס — די סאָכרים.
זײַנען זיך צונויפגעפלויגן
רויבפייגל קיין שטאָט, קיין מורמאנסק
פון א לאנד א ווײַטן, פרעמדן.
ווידער האָבן זיך צעקרעכצעט
די לאָפּארן — הירשן־ציכטלער.

„זון! דו זון! אָ, זון! ווּ ביסטו?
ווּ איז לעניִנ? ווער־זשע וועט עס,
סאָפּקאָלסאָפּ, די זון אונדז ברענגען?
ס'זײַנען אָנגעפלויגנ מענטשנ
פונ א לאנד א ווײַטנ, פרעמדנ
אונ זיי שלעפּנ פונ די טשומענ
די סאאמענ אונ די הירשנ.
לעניִנ! ווּ־זשע ביסטו, לעניִנ?"
„לעניִנ איז אָט־דאָ פאַראַנענ,—
האָט זיך עמעץ אָנגערופנ,—
נעמט צונויפ די פײַלנבויגנס,
נעמט צונויפעט אַלע ביקסנ
אונ די ווײַבער אונ די הירשנ,
שלאָגט אונ יאָגט זיי, די גאַזלאָנים,
וועלכע מאַכנ וויסט די טשומענ.
לעניִנ ליב האָט די סאאמענ,
ליב, ווי שוועסטער אונ ווי ברידער,
הילפ האָט ער געשיקט דער טונדרע—
שטאַרקע רויטאַרמייער־טײַלנ.
לעניִנ. לעניִנ. זון וועט קומענ.
וווּנדער־שיינ וועט זײַנ דאָס לעבנ
בא סאאמענ איִנ דער טונדרע".
האָבנ דאנ די פרעמדע רויבער
אונ די סאָכרימ אונ די קראָענ,
וואָס איִנ גאַלעכ־מאַנטלענ ברייטע,
זיכ צעפּישטשעט, ווי די מײַזלעכ.
שטאַרקע הענט בא די סאאמענ,
שאַרפ דאָס אויג סואמעלאַנדעס.
קיינער, קיינער, קיינמאָל, קיינמאָל
וועט ניט צונעמענ די זונ שויִנ
בא די מענטשנ פונ דער טונדרע.

3

... יאָרן פיל אַדורכגעגאַנגען,
דורכגעפֿלויגן אויף דער טונדרע,
ווינטערס פיל מיט קאַלטע ווינטן
דורכגעפֿלויגן אויף די שנייען.
מ׳האָט די ייִכעסדיקע פֿירשטן,
גענעראַלן און שאַמאַנען
מיטן וויכער ווײַט פֿאַרטריבן,
ווי די פֿליגעלעך די קליינע
צוגעטריבן צו דעם וואַסער.
„בלי, אוי, בלי, מאַראָשקע — קליוקווע,
גיס זיך אָן מיט זאַפֿט מיט רײַפֿער!
קום צו אונדז צו גאַסט צו פֿאָרן,
קלוגער עלטסטער, קלוגער לעניו!"
דורך אַ יאָר איז, אין דער טונדרע
שפּרייטן זיך אויפֿסנײַ ידיעות:
ס׳האָט זיך טונדרע־זון פֿאַרקײַקלט,
ס׳איז פֿאַרגאַנגען דער גוטער לעניו,
ס׳איז פֿאַרגאַנגען דער קלוגער לעניו.
זינגען מענטשן אין די דערפֿלעך,
גלייבן ניט דער בייזער נײַעס,
צינדן שײַטערס, און זיי זינגען
בײַ די שײַטערס ליד־געזאַנגען:

„שווימט אין עם יאַם
אַ קריהע — אַ באַרג,
און אינדזל אַ גרויסער
שווימט אין עם יאַם.
אויפֿן אינדזל פֿון אײַז
אונדזער עלטסטער לעבט.
ער האָט פֿון די דערפֿער

די סאָכרימ פאריאָגט.
ער האָט געהייסנ:
די טונדרע געהער,
דער יאמ געהער
דעמ פאָלק, וואָס לעבט
אפ דער לאָפער ערד.
אוי, דו אינדזל,
דו, גרויסער בארג,
אנ איינציק מאָל כאָטש
באוויַיז זיכ אונדז!

אוי, דו, לעניג,
דו, גרויסער מענטש!
ווי לאָפארנ לעבנ,
דו גיב א קוק!
ס׳האָבנ הירשנ־סטאדעס
זיכ פארמערט.
גוט איז איצט
אפ דער לאָפער ערד!
אוי, דו לעניג,
דו קלוגער מאנ!
נעמ אופ, נעמ אופעט
אונדזער דאנק.

עס וואשט די קריַהע
די כוואליע פונעמ יאמ,
עס היט די קריַהע
א מעכטיקער ווינט.

קומ צו פאָרנ
צו אונדז צו גאסט,
קלוגער פירער,
קומ צו גאסט!״

טרויעריק איז געווען די שקיִע,
אפן טשום האָט ווינט געוויעט,
גאָר מיט קריִהעס צו די יאמען
איז די נאכט אוועקגעגאנגען,
און דעם אומגליק און דעם אומעט
האָט צעזייט אין וועלט א וויכער,
און די טרערן אפן פּאָנעם
האָט דער וויכער אויסגעטריקנט.
ווידער האָט די זון באַלויכטן
ס'לעבן פון די טונדרע־מענטשן.

צו די אײַז־שטרעקעס די ברייטע
האָט געבּראכט די זון אונדז איינער,
אין שינעל אין גרויען, איינער,
וואָס איז קלוג אזויווי לעניִן,
וואָס איז שטארק אזויווי לעניִן.
ער איז צו אונדז אָנגעקומען
אף אן אײַזבּארג אף א גרויסן,
דורכן יאם, ווי אף א שיפל.

ס'איז אן אײַזבּארג, וואָס איז העכער
פון די בּערג פון די כיבּינער,
קיין לאפּלאנדיע געשווומען,
צוגעשווומען, ווי אן אינדזל.
ער געשטאנען איז א שטאָלצער,
ווי דער שפּיץ פון בּערג נאָרוועגער,
אין די הענט האָט ער געהאלטן
אונדזער זון־ראָד, אונדזער גינגאָלד.

צו דעם יאם־בּרעג צו דעם קאָלסקער
מיט דער זון איז ער אראָפּעט,

אפ דער ערד אוועקגעלייגט זי
און האָט זי א שטויס געגעבן,
איר מיט הויכער שטימ באפוילן:
„שפאן, דו זונ, איבער דער טונדרע,
מאכ דאָס לעבן שיינ אינ טונדרע,
שאפ דאָס גליק די טונדרע־מענטשן".

ער איז גרויס און קלוג, ווי לעניג,
ער איז גרויס — א פעלדז א פעסטער,
און א מילדער, און א גוטער,
פונקט ווי לעניג, פונקט ווי לעניג.

די סאאמען און די נענצעס,
אלע מענטשן, וועלכע לעבן
מיט א זויבערער נעשאָמע
און מיט אָרנטלעכער ארבעט,
זײַנען זײַנע פרײַנט די בעסטע.

ער איז פראָסט און קלוג, ווי לעניג.
אינ דער טונדרע ווייסן אלע,
יונג און אלט, סאאמ און נענעצ:
ס'איז זײַנ נאָמען — קלוגער סטאליג.

ר'האָט באפוילן די סאאמען:
„שענער זײַנ וועט אײַער לעבן
פון דער וווּנדערלעכסטער מײַסע,
ווי די זונ וועט זיכ צעבליִען

גאָר די ראכוועסדיקע טונדרע,
און בעשעפע וועט איר לעבן,
איר אליינ נאָר זאָלט דערופעט,
ווי געהעריק אכטונג געבן!".

די באַלעגופֿים און שאַמאַנען
פֿון דער טונדרע ר׳האָט פֿאַרטריבן,
און די לעצטע ייִכעס־פֿירשטן
ר׳האָט צעקוועטשט, ווי די מאָסקיטן.

ר׳האָט געזאָגט צו די סאַאַמען:
„איר האָט ס׳גאַנצע לעבן אײַערס
זון געוואָלט און זון געבעטן,
נאַט זי אײַך, די זון, — פֿון איצטער
זאָל זי אייביק, אייביק, אייביק
איין מאָל אין מעסלעס אין יעדן
אומגייען אַרום דער טונדרע,
וואַרעמען די טשומען־יורטעס,
נאַט זי אײַך און היט זי אָפּעט,
לענין האָט פֿאַר אײַך געלאָזט זי,
איך האָב זי געבראַכט אַהערצו,
זי געגעבן די סאַאַמען
אינעם לאַנד סואָמעלאַנדע״.

און קיין מאָסקווע דורך דער טונדרע
איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען.
וווּ ער האָט אַ שפּאַן געגעבן,
דאָרטן איז אַ שפּור געבליבן:
יעדער שפּור — אַ שטאָט אַ נײַע,
און אַן אײַזנבאַן, און בריקן.
אַפֿן אָרט פֿון וואַלד כיבינער
אויסגעוואַקסן אין דער טונדרע
איז אַ שטאָט אַ ליכטיק־שײַנע.
דורכגעגאַן דאָס לאַנד דאָס גאַנצע
איז דער פֿעלקער־פֿרײַנט און פֿירער,
אומעטום געלאָזן שפּורן, —

שטעט און הײַזער, ווי די פעלדזן,
ר׳האָט פארזייט אין לאנד אין גאנצן.

אז סע קומען טעג פון פרילינג,
אין קאָלווירטן פון דער טונדרע
זינגען מיר דעם פרײַנט און פירער
וועגן זון א ליד א גרויסע,
זאָגן אים „א דאנק!", דעם פירער.
ער וועט דורכגיין אלע פעלקער,
ווי געהייסן האָט אים לענין.
ער וועט ברענגען גליק די פעלקער
אפ דער ערד, וואָס האָט קיין סאָף ניט,
ער איז גרויס און קלוג. אין פרילינג
זינגען מיר אים ליד־געזאנגען.

★ ★

איציק פעפער

(אָרדענטרעגער)

סטאַלינס וואָרט

א וואָרט האָט גענומען דער פירער.
הערן די בויער סיבירער,
און שלאָגלער אַף בערגן באַטומער,
שפּרייטן זיך ווערטער פון פירער
אין ווינטער, ווי זוניקער זומער.
קאָלווירטלערס אַף סטעפּעס אוקראַיִנער,
אַן אַלטער מאָלדאַווער ציגײַנער
עס הערט אין זײַן וואָגל און וואַנדער,
א פּויער אין בערג סאַמאַרקאַנדער,
און קינדער אַף גליטשן אַף גלאַטע,
מיט קעפּלעך און היטלען פּאַטלאַטע,
און יאַטן, וואָס שפּאַלטן דעם אַטאָם,
פּילאָטן אין ווײַטקײַט אין בלויער.
און שלאָגלער אַף ברעג דניעפּראָבויער,
אַן אַלטער פּראָפעסאָר א גרויער.
ביפּלאַנען פאַרהייבן די פליגל,
א מולער בלײַבט שטיין מיט א ציגל, —
א וואָרט האָט דער פירער גענומען.
ווי זונען ווי ליכטיקע, קומען
די ווערטער פון פירער, זיי פרייען,
זיי רופן צו זיגן. מיר גייען!

ווי לויטערע פרישע פאַרטאָגן,
די שטאָלענע ווערטער זיך טראָגן,
די נעכטיקע לאַסטן פאַרשווינדן,
און אַנדערש די אויגן זיך צינדן!
דורך ווערסטן און ווײַטן אָן ענדן
מיליאָניקע אויגן זיך ווענדן
צום קרעמל, וואָס אָטעמט מיט זיגן,
ווו פאָנען אין זונען זיך וויגן.
און איבער דעם הימלאַנד דעם העלן,
און אונטער די גרויע שינעלן,
און איבער דער ערד דער פאַרשנייטער —
ווערט העכער דאָס לעבן און ברייטער.
לעבן גרענעצן רויטע פאַרגראָבן
ליגן די פינצטערע ראָבן,
און קרעמפן זיך, קרימען און שטומען, —
א וואָרט האָט דער פירער גענומען.
און ס'דאַכט זיך, אַז ס'שווײַגט שוין ניט קיינער,
עס רעדן שוין איצט מיטן פירער
די בויער אין שנייען סיבירער,
קאָלווירטלער אַפּ סטעפּעס אוקרײַנער,
דער אַלטער מאָלדאַווער ציגײַנער,
און קינדער אַפּ גליטשן אַפּ גלאַטע,
און יאַטן, וואָס שפּאַלטן דעם אַטאָם,
פּילאָטן אין הויכקײַט אין בלויער,
און שלאָגלער אַפּ ברעג דניעפּראָבויער,
דער אַלטער פּראָפעסאָר דער גרויער,
עס רעדן אַרמייער, שאַכטיאָרן,
און ס'ווערן אין זוניקע יאָרן
די פעלדזיקע ווערטער געבוירן,
די פעלדזיקע טאַטן געבוירן!
עס רעדן שוין איצט מיליאָנען,

עס רעדן אין פײַער די פּאָנען,
עס זײַנען שוין פּאָסטנס פארנומען,
עס איז שוין דער מאָרגן אין קומען,
א וואָרט האָט דער פירער גענומען!

★ ★

ו. קאזינ

ארבעט

נו, גיט א קוק אפ אונדזער לאנד,
ווי פרייע מי אינ שטעט, אינ דערפער
אינ רייענ, אינ מאסיוונ שפאנט
אונ שמידט איינ פעסטנ גרויסנ קערפער.

אפ ברייטע פלאכנ אינ קאלווירט,
אינ הויכנ קארפוס בא מאשינעס,
אינ טיפ פונ ערד, אינ קוילנ־שיכט —
פונ פרי ביז נאכט אונ ביז באגינענ.

דער ארבעטער ער פירט, ער שטויסט,
ער ברעכט די אלטע, פוילע צאמענ,
דער ארבעטער ער גייט פארויס,
ער שפרייט זיינ הערשאפט איבער יאמענ.

אונ דער, וואס איז געוועזנ נישט,
ער בויעט איבער אונ ער ענדערט,
אונ זאל שוינ ווערנ אפגעווישט
דער גרענעצ צווישנ אלע לענדער!

★ ★

יאקוב קאָלאָס

(אָרדענטרעגער)

מײַ—דער זיגער

מיט פרײַען וועג אָט אײַלט ער שוין,
מיט סטעפּישן און וואַלדישן,
ווי אונדזער הימלאַנד פרײַ,
צו אונדזער פרייד אַלפּאָלקישער —
מיט לידער מיט רויטפּאָלקישע
ער גייט, דער גרינער מײַ.

מײַן אויג אין הימל־הייכן טויכט,
איך קוק אַלץ, ווי סע שמייכלט הויך
די פרילינגדיקע זון,
אַ ברייט אַזאַ מין ליכטיקע,
אַ קאָכיקע, אַ טיכטיקע
אין פאָטערלאַנד בײַ אונדז.

אָט גייט דאָס פאָלק קאָלאָנעסווײַז,
און ס'איז דער רויש פון פאָנען הייס,
ווי פרילינג־טײַך ער קאָכט,
אין דערפער, שטעט צעוויקלטע,
די לידער פרײַ־באַפליגלטע —
זיי וויסן ניט קיין יאָך.

און ס'לויפט מיט שניי צעגאנגענעם
די וואסער די געפאנגענע
אין דעם גראניט־געפּענט,
דער יאם האָט די געלעגנהייט
דעם גרויסן פּרי באגעגענען
לעם הויפּטשטאָטישע ווענט.

איך ליב דעם דראנג דעם בויערשן,
פון טייכן צוויי דעם בלויען שטראָם,
וואָס זיגעריש דאָ פליסט,
דעם פירער, פאָטער טייערן,
וואָס פירט אין אלע פייערן,
דאָס גאנצע לאנד באגריסט!

מיט בערג און סטעפּעס איילט ער שוין,
מיט וואסער־וועג, מיט וואלדישן,
אייל, גרינער מיי, צעבליט,
אָ, וויפל וועג שוין דורכגעשפּאנט,
ווי רייף איז שוין מיין פאָטערלאנד,
ווי פּרעכטיק אונדזער ליד.

☆ ☆

דאָס קאַלווירטישע פערד

(פון קאַלמיקיש)

עך, ווי שיין איז אונדזער פערד,
דאָס קאַלווירטיש גוטע פערד,
קיין און קראַפט איז דעם באַשערט
אונדזער שוואַרצן אונדזער פערד!

דאָס איז איינמאָל שוין א פערד!
מיט דער קאָפּיטע א קלאַפּ,
און א הייב דעם שטאָלצן קאָפּ,
פליט ער, ציטערט אַזש די ערד!

היי, ווער קלינגט דאָרט אַף דער שייַן?
ס'האָט א פויגל זיך צעטרעלט?
ניט קיין פויגל זינגט אין פעלד,
ס'קלינגט זייַן גלעקל אַזוי פייַן.

דאָס איז איינמאָל שוין א פערד!
מיט דער קאָפּיטע א קלאַפּ,
און א הייב דעם שטאָלצן קאָפּ,
פליט ער, ציטערט אַזש די ערד!

אינעם סטעפּ, צום פערד־געלויף
קומען פערד פון יעדער הויף,

נאָר דער שוואַרצער טוט אַ ברויז,
און אָט פֿליט ער שוין פֿאָרויס.

דאָס איז איינמאָל שוין אַ פֿערד!
מיט דער קאַפּיטע אַ קלאַפּ,
און אַ הייב דעם שטאָלצן קאָפּ,
פֿליט ער, ציטערט אַזש די ערד!

אונדזער פֿערד איז קלוג און פֿעסט.
— זע, דערשמעק דעם סוינעס נעסט
ווער נאָר אונדזער לעבן שטערט,
וועט צעטאַפּטשען אים מײַן פֿערד!

דאָס איז איינמאָל שוין אַ פֿערד!
מיט דער קאַפּיטע אַ קלאַפּ,
און אַ הייב דעם שטאָלצן קאָפּ,
פֿליט ער, ציטערט אַזש די ערד!

★ ★

ל. קוויטקאָ

(אָרדענטרעגער)

צו סטאַלינען

ווען גליקלעכע דערציילט מען אָפּט געשיכטעס,
וויאַזוי סע מאַטערט זיי און פּאַשעט פּלאָגט
פונקט יענעם טאָג צו פּאַקן, יענע וואָרט דאָס ציכטיקס —
אַפּ אָפּצושפּיגלען דאָס, וואָס ס'האַרץ פאַרמאָגט.

אָט, איינער, ווערט דערציילט, איז צווישן פאָלק, אין זינגען
שטאַרק באַגייסטערטן, געשטאַנען שטום...
דערנאָך אַ ברום געטאָן, און ס'האָט דער ברום געקלונגען
פאַר יעדערן — ווי פרייד, געזאַנגען־רום.

און וועגן איינעם כ'ווייס — אַ באָלשעוויק, אַ פירער,
ווען ער, אין יענע יאָרן האָט דערהערט,
אַז ס'פאָלק פון אונגאַרן צעקלאַפּט די מאַכט פון גוויי־ים,
האָט ער פאַר פרייד זיך צוגעלייגט צו דר'ערד.

און איינעם האָט זיין שטאָלץ געפירט אין טיפער טאַכטע
און אים באַוועגט אַזוי צו קרישלען קויל —
אַז ס'גאַנצע לאַנד נאָך אים האָט זיך געלאָזט אין שלאַכטן,
און ס'גייט זיין רום אין וועלט פון מויל צו מויל.

געטרייַשאַפט, ווייסט מען, האָט געענערט די בוועק־פעלדער,
זי האָט איר מי איר שווערע ניט געציילט, —

הײַנט זינגט דאָס לאַנד די נעמען פֿון די מײדלעך־העלדן,
װאָס האָבן איטלעכס בלעטעלע געהײלט!

און איך, װאָס טראָג מײַן פֿלאַם־געפֿיל אין מאַרך, אין בײנער,
און יעדנס, יעדנס האַרץ אין מײַנעם שטױסט
זײַן פֿרײד, זײַן שטאָלץ, זײַן רום, זײַן ליבע און אַלץ אײנײנעם, —
װי גרױס דאַרף זײַן מײַן װאָרט! — נאָר ס'איז ניט גרױס.

ניט גרױס, — כאָטש ס'טרעט ניט אָפּ די יוגנט פֿון מײַן האַרצן,
און כאָטש די יאָרן לערנען מיך אין גאַנג,
װי אופֿצוהײבן שװערס, װי פֿירן זיך מיט צאַרטן,
און כאָטש עס הערשט די קראַפֿט אין מײַן פֿאַרלאַנג.

כ'האָב ניט געפֿונען נאָך דעם אױסדרוק, װאָס זאָל קלינגען
מיט אַלע טענער, װאָס דאָס לאַנד מײַנס װעקט.
אַ קאָפּ נאָר שלאָגט דאָס האַרץ פֿון פֿעלקער אין מײַן זינגען,
און סטאַלינס װאָרט און טאַט אין בלוט מײַנס לעבט.

װײַל איך בין אױסגעװוּען אין לאַנד, מיט פֿאָלק פֿאַרשידנס
באַגעגנט זיך און אײביק אָפּ אױיג געשטעלט —
דו האָסט אין פֿאָלק אין יעדן, אױך אין ייִדן
אַנטפּלעקט דעם מענטש, װאָס פֿעלט אַזױ דער װעלט.

אין דניעפּראָפּעטראָװסקער יאַטן האָב איך דערקענט דיך,
אין זײער אױפֿירונג אָפּ דעם עלבּרוס.
דו ביסט דער גרונט, אָפּ דיר עס װעבט זיך די לעגענדע
פֿון אונדזער װאָרט, װאָס פֿירט, װאָס הײבט די ברוסט.

דעריבער בין איך שטאָלץ, בײַ דיר מיט אַלע יונגע
צו לערנען זיך און דײַנער זײַן די װערט,
איך װעל מײַן װאָרט געפֿינען, ס'װועט אין װעלט אַ קלינג טאָן
מיט סטאַלינס טאָן, מיט הילך פֿון אונדזער ערד.

★ ★

א. קולישאָוו

דער פאָטער

(פון ווייסרוסיש)

ווען ס׳וועט ארומכאפּן מײַן לאַנד פון קריג א סרייפע,
מיט דעם צוויט פון מײַ, צי מיט נאָיאבער־ווינט,
אין דער פאָרם אָנגעטאָן,
וועל איך פארלויפן
אין קינדער־גאָרטן צו מײַן אייגן קינד.

עס קוועלט באם עפּל־בוים א קרעניצע א ריינע,
קומען כ׳וועל אליין אהינצו אָט דאָס מאָל
און אָנשעפּן, מײַן טאָכטערקע מײַן שיינע,
דײַן עמערל מיט וואסער ווי קרישטאָל.

עס וועט מײַן שווערד
א צווײַגעלע א בראָך טאָן,
א בלעטל וועט אין לופט זיך וויגן לאנג,
איך וועל דיך נעמען אף די הענט, מײַן טאָכטער,
און דו וועסט אײַנשלאָפן פון פויגלשן געזאנג.

כ׳וועל אונטער עפּל־בוים דיך שלאָפן לאָזן,
און אף מײַרעוו
פירן וועט מײַן שפּאן,
ניט עסן זאָל קיין פרעמדער פערד די גראָזן,
קיין פרעמדע פיס ניט טרעטן זאָל מײַן לאנד.

אז דער פײַנט זאָל מיט קיין בלײַ ניט קומען,
ניט ברענגען פון קיין קוילנוואָרפער פײַער
צו אונדזער לעבן,
ליכטיק ווי דער זומער,
צו דײַן זיסן שלאָף, טאָכטערקע, דו מײַנס.

איבער די מאיאָנטקעס וועט א שלאכט א זעץ טאָן,
אף שווערדן טראָגנדיק די ענדע קריג,
דאָרט אף דער פרעמדער ערד
מײַן טאָג מײַן לעצטן
וועט, מעגלעך, אויסקומען באגעגענען מיר.

און צו מײַן פאָטערלאנד — אין טײַכן־רויש
דערגרייכן
וועט די צאוואָע, וואָס איך גיב אצינד.
טאָכטערקע, צו דיר א מענטש וועט שמייכלען,
זאָלסט ליבן אים, ווי איך ליב דיך, מײַן קינד.

מײַן טאטע איז ער, היפש איז זײַן מישפאָכע,
מיט זײַן נאָמען אונדזער ערד איז גרויס,
יעדן יאָר, ווען יאָנטעוו
נעמט מיט פאָנען פאָכען
אף רויטן פלאץ, פון קרעמל ר׳גייט ארויס.

זע די שטריכן פון זײַן פּנים פון זײַן קלאָרן,
ווי מיר
וועט דאן דיר קלאָר ווערן אסאך,
ס׳איז א טאטע, וואָס אפילע זין פארלאָרן
האָט אף זײַן גרויסן און זײַן נײַעם שליאך.

פאר יעדן זון באזונדער איז געווען שווער אים,
ס׳האָט ווײ געטאָן דאָס הארץ

אין טרויער־טעג;
פארזשמורעט ער זײַן אויג, די קנייטשן אף זײַן שטערן,
ווי די שטרענגע איידעס פון זײַן שטאָלצן וועג.

ער איז מײַן טאטע;
און דער טויט ניט שרעקט מיך אָפּעט.
איך וועל פון אויג מײַן גאנצע שײַן,
מײַן לעבן אָפּגעבן ביז לעצטן טראָפּן,
און ס'וועלן קינדס־קינדער
אונדז דאנקבאר זײַן.

★ ★

יאנקאָ קופּאַלאַ
(אָרדענטרעגער)

אפ דעם טײַך אַרעסע

(אויסצוגן)

אָנשטאָט אַן אַרײַנפיר

פיל האָבן מיר מײַסעס,
לידער און לעגענדן
פון די טיפע זומפּן
פון פּאָלעסיער געגנט.

ניט געהערט קיין ליד גאָר
וועגן דער קאָמונע,
ווי טרײַע קאָמונאַרן
צו אַ לעבן קומען.

ווי זיי פּרוּוון פלײַסיק
דאָרט אפ וויסטע ערדן
פאַרן לאַנד דעם גאַנצן
נײַעם רום דערווערבן.

ניט געהערט קיין ליד גאָר
און קיין עכטע מײַסעס,
ווי די קאָמונאַרקעס
אַרבעט אונדז באַווײַזן.

ווי אַף כליופּקע פּעלדער,
זיך מיִענדיק צוזאמענ,
קיינ קויכעס ניט געשפּאָרט האָט
א טאָכטער אונ א מאמע.

ניט געהערט קיינ ליד גאָר
וועגנ ארבעט־העלדנ,
וואָס צווינגענ אָט די זומפּנ
מיט זאנגענ זיך צעהעלנ.

זיך שטעלנדיק אנטקעגנ
די שוועריקײַטנ גרויסע,
קומענ זיי אַף שליאכ אָנ
מיט ניצכוינעס דרייסטע.

ניט אונ ניט געהערט גאָר
יענע לידער בעסטע,
וואָס עס זינגט אָט איצטער
די נײַע שוינ פּאָלעסיע.

אונ עס רוישט דאָ אונ עס שאָרכט

אונ עס רוישט דאָ אונ עס שאָרכט,
גלײַכ די ערד זיך טרייסלט,
אינ פּאָלעסיע אפנ דאָרף
א בעהאָלע גרויסע.

אוקרײַנער אָנ א שיר
אונ סטאראָבינער, ווו קערסט זיך,
גלײַכ דער זומפּ איז א יאריד,
קומענ זיי אהערצו.

און די כעווּרע שיט און גײט,
איבּ בּערדיקע פאַרגרויטע.
שאַרפע זעגן אָנגעגרייט,
הובּלס און רידליויקעס.

וואָס־זשע וועט דאָ איצטער שטיין?
„מיט גאָרנישט וועט מען בּענטשן!״ —
האָבּן דאָנערשטיק געשטוינט
די פאָלעסיער מענטשן.

און אָט זונטיק, ווי נאָר טאָג,
א דלאָטע האָט געעקבּערט,
פונעם רידל בּלאָטע טראָגט,
קלעפּט זיך צו צום קערפּער.

רויש און ראַשיק איז אַרום,
ווי ערגעץ אפ א מאָלצייט,
און די רידלס גײען אום,
און די האַק צעפּאָכט זיך...

גראָבּן מענטשן טאָרפן־בּרוד
בּיזן האַלדז אין וואַסער,
און אין אָדערן רינט בּלוט,
ס׳שרעקט ניט בּלאָטע נאַסע...

און זיי ווייסן, ס׳וועט שוין איצט
ניט זײַן מער ווי אַמאָל דאָך,
אַז א צייכן בּלײַבּט פאַרקריצט
פון מעכטיקער מלאָכע.

ווי א סטרונע ליגט א ריוו,
ווײַטער נײַע ריוון,

אלע ענלעכ, אינ איינ טיפ,
רעכטס אונ לינקס פארקליבנ.

אונ אפ העקטארס אָנ א סאָפ
ציִענ ריונ־ניעטרעס,
ווײַטער גייט שוינ דאָ די מאָס
אפ גאנצע קילאָמעטערס.

מאגיסטראלנ אויסגעשפרייט
פארנ אויג גרויסארטיק...
ס׳איז דער טאָרפ־גרונט אפ פארזיי
גרייט שוינ באלד אונ פארטיק.

מאגיסטראלנ אינדערמיט,
א שליאכ אינ זומפ צו פאָרנ,
אוי, אויסגעלייגט דאָכ האָט אומזיסט
דער פאָלישוק אפ צאָרעס.

ניט דערזענ ט׳דער פאָלישוק
פונ זײַנער קליינער כאטע,
אז א טאָג ווערט צוגערוקט
אָנ דער ארבעט מאטער.

אָפגעריייניקט האָט פונ קויט
די זומפיקײַט די ווײַטע
דער נײַער מענטש, וואָס איצטער שטייט
בא ארבעט בא באפרײַטער.

אונ עס ליגנ ריונ,
יענע מאגיסטראלנ,
איבער זיי די וואסערנ
פאלנ אלצ אונ פאלנ.

יאָגן אין ארעסע
צווישן ווילדע פוסטקעס
רויערדיקע בלאָטע,
זינקענדיקע קוסטעס.

מאגיסטראלן גלײַכע
די שליאכן דורכגעווירעט,
און מע דארף דאָ ארבעט,
מענטשלעכע נאָך גוורע,

אז צוגעפּאסט דער באָדן
זאָל ווערן ווי געהעריק,
אז אין פעלד אין גלײַכן
א טראקטאָר זאָל זיך הערן.

אז הויך אזוי און וווּקסיק
זאָל אפ טאָרף דערלאנגען
דער געוויקס פון גראָזן
און דער גאָלד פון זאנגען.

ווארט טאקע פּאָלעסיע,
אז די מענטשן דרייסטע
זאָלן נעמען זיך איינינעם
צו דער ארבעט גרויסער.

אפ הענט ווארט זי, פּאָלעסיע,
אפ נײַע און געזעצטע,
שלאָגלער זאָלן קומען
און בריגאדעס פעסטע.

גיך וועלן זיי קומען,
פײַערן צעצינדן,

ביזן סאָפּ די בלאַטע
ווען פון זומפּ פאַרשווינדן.

ווײַל איך קאַנט דעם גאַנצן
גייען קלאַנגען אומעט,
אַז מ׳וועט געפינען אויצרעס
צווישן זומפּן־אומעט...

די קאַמונע

און אויפן טײַכל אויף אַרעסע
איז ליכטיקער געוואָרן,
ס׳גייט אַן אָנגריף אויף די בלאָטעס
פון מיזרעך און פון דאָרעם.

די קאַמונע אויף די טאָרפן, טאָרפן
איצטער דאָרט צעשײַנט זיך,
דער פּאָלישוק נאָר, לעצטער יאָכיד,
קוקט נאָך פונדערווײַטנס.

זײַ ניט מערער, גוטער פעטער,
אַזוי בייז פאַרכמורעט,
פאַר דײַן גורל די קאַמונע
ווערט דאָ איצט געפּורעמט.

און אויפן טײַכל אויף אַרעסע
א „מאַטאָרקע" פליט דאָרט,
ס׳אַלטע שיפל, ס׳אַלטע מולטער,
קוקט זיך אום פאַרגליווערט.

שוין דערלעבט די לעצטע שאָען
אין דער נײַער צײַט דאָרט,

ווײַל עס שנײַדט אדורך פּאָלעסיע
א שיפל א באַנײַטע.

פון נײַעם שיפל קויכעס טריפן,
שטאָלצקײַט גיסט זיך איבער,
און עס שפּיגלט זיך ארעסע
צווישן נײַע שטיבער.

און אפן טײַכל אפּ ארעסע
גײט א טעמפּ א פלינקער,
קאָמונארן, קאָמונארקעס
ארבעטן שוין גרינג דאָ.

און פארמעסטונג ווערט געאכטעט,
שלאָגלערײַ דאָרט ריזלט,
יעדער אײנער ווײס זײַן אָרט שוין,
ווײַל אויב אנדערש — ווי־זשע?

ניט פארלעשן זיך די שטערן,
ס׳קלײַבן זיך נאָך קויכעס,
ס׳ווערט פארברײטערט די קאָמונע
און די יאסליעס אויכעט.

און אפן טײַכל אפּ ארעסע
אָקטיאבערלעך זיך שטארקן,
פּיאָנערן, קאָמיוגיסטקעס —
באָלשעוויסטיש־הארטע.

וואקסט אזוי פאר קאָמונארן
אָט דער אומבײַט, זעסטו,
זײ ווען דינען דער קאָמונע,
ווי די טאטעס פעסטע.

און ניט לאָזן זיך פֿאַרפֿירן
אין שטורעמס און זאַווייעס, —
און די זון — זי שײַנט זיי ליכטיק,
די גאַנצע וועלט אַ היים איז.

און אויפֿן טײַכל אויף אַרעסע
מויערן, געבײַען,
שמעקט מיט סאָסנע און מיט סמאָלע,
מיט וואַפּנע דורכגעזײַערט.

די ווענט דאָ גלאַטיק אויסגעבויטע,
די בלעך פֿון דעכער גלאַנצט דאָ,
דער דיל, די סטעליע אויסגעהובלט,
פֿענצטער אויף אַ קלאַפּטער גאַנצן.

און באַטאָג די זון באַלײַכט זיי,
און באַנאַכט עלעקטרע,
אַזוי ט׳געבויט דער קאָמונאַר זיך
די געבײַדע פּרעכטיק.

און אויפֿן טײַכל אויף אַרעסע
וווּנדער איבער וווּנדער,
לעבן דאָרט די קאָמונאַרן
אייניק, ניט געזונדערט.

און זיי היטן די קאָמונע,
עס זאָל זיך בעסער לעבן,
און פֿאַרציִען מוטיק לידער:
— „וועט נאָר ווער פֿאַרטשעפּען,

די שאָ וועט שלאָגן, מע וועט רופֿן
צו אַן אַרבעט נײַער,

װעלן מיר די פּינסקער בלאָטעס
לאָזן זיך באַפרײַען...״

. . . .

מאַרינער בלאָטע,
קײנער קען ניט גלױבן,
װיפל דו באַהאַלטסט נאָך
רײַכקײַט פון די אױגן!

מאַרינער בלאָטע,
װער דײַן שײנקײַט שפּירט דאָ!
װיפל הײַנט פאַרמאָגסטו
קאָמונעס און סאָװירטן.

מאַרינער בלאָטע,
אָנבּרעגיקע צעלאָזטע!
מענטשן איצטער שפּײַזסטו
און אױך פי באַזאָרגסטו.

★ ★

א קירגיזער ליד

די זון ברענט די סטעפּעס מיט שטראַלן־פלאַם,
און זומער ברענט זי אײַנגאַנצן זיי אויס,
אָ, ווען די זון זאָל נאָך זײַן אַזוי שטאַרק,
זי זאָל קענען פאַרברענען אין הערצער דעם וויי!

מיר זײַנען פאַרמאַטערט און זייער מיד,
נאָך לעבנעדיקן טרויער מיר אַזוי לאַנג,
די זון קאָן דערהאַרגענען גרינסן אין סטעפּ,
נאָר טייטן דעם טרויער קאָן ניט די זון.

אונדזער ווייטעק איז הייסער פון איר,
אונדזער ווייטעק איז גרעסער פון סטעפּ,
קליין איז די ברוסט פאַר אונדזער וויי,
בעט זיך דער וויי דורך טרערן אַרויס...

ווען ס'הייבט זיך דער אָדלער אַרויף צו דער זון,
דערלאַנגט ניט צו אים אויך דאָס אויג פון קירגיז,
פון אָדלער איז העכער נאָר לעבנס געדאַנק,
ס'איז לעבנס געדאַנק אַזוי נאָענט צו דער זון,
דערפאַר איז ער ליכטיק און הייס ווי די זון.

ווען א וועלפישע סטאַיע דעם טיגער באַפאַלט,
הייבט זיך דער טיגער ניט אויף פון זײַן אָרט

און מאכט זיך ניט גרייט צום געשלעג,
שטארקער פון טיגער איז לעניב געווען,
ס'האָט קיינמאָל דער סוינע געשראָקן זײַן האַרץ.

ס'איז לעניב געשטאָרבן, אין מאָסקווע זײַן גוף,
וווּ די זון טונקלער ווי דאָ איז און קאַלט,
און בא אונדז האָט לעניב א ווייטעק געלאָזט,
און געלאָזט זײַן געדאנק און זײַן הייסן גאנג.

ס'האָט לעניב געזען אונדזער אומגליק און נויט,
ער האָט זיך געשלאָגן פאר אונדז ווי א פרײַנט,
און איצט, ווען מיר ווייסן פוןווירקלעכן גליק,
וועלן מיר פאר לעניניען גייען אין שלאכט.

★ ★

ס. קירסאנאָוו
(אָרדענטרעגער)

געזאנג פון פריינטשאפט

לאנד, מיין לאנד!
העכער שטייג, וואקס און שטייג,
בלויער מיי!
פון קאָמונעס א געביי!

ע, היי! ע, היי!
עס זידט מעטאל און נאפט
א געזאנג!
ארמעניע־לאנד!

הייב זיי אופ די געביידעס אין הויך,
און אויך שטעט גיב א הייב!
גיב די האנט, כאווער באקו!
גיב די האנט, כאווער טבילים!
גיב די האנט, כאווער באטום!
גיב זי, די האנט, קוטאיס!

ע, היי! ע, היי, היי!
א געזאנג מיט פרייד!
היי, גיב, קאכעטיע, די האנט!
דעם טרייעם פריינט.

היי, גיב אבכאזיע, די האנט,
גרוזיע, די האנט,
סוואנעטיע, קום!

★ ★

ליד וועגן לענינען

באַם בּרעג ווײַסן יאַם, אינעם דאָרף ניזשנע־זאָלאָטיצע, לעבּט די באַרימטע בּילינע־זינגערן מאַרפאַ סעמיאָנאָוונא קריוקאָווא. זי זינגט וועגן איר אופגעריכט דאָרף, וועגן טשאַפּאַיעוון, וועגן דעם בּירגערקריג. אין איר בּעסטער בּילינע־ליד דערציילט זי וועגן לענינען, וועגן סטאַלינען. מיר גיבּן דאָ אַן אויסצוג פון דער דאָזיקער ליד.

אַז דער רומפולער פירער געקומען איז,
האָט דאָס פאָלק אים מיט קאָוועד באַגעגנט.
מיט קאָוועד באַגעגנט, מיט מונטערקײַט.
זײַנען זיך פון די פעלדער געגאַנגען צו אים,
זײַנען מאַסן זאַוואָדישע מיטגעגאַן,
און ס׳האָט לענין דעם עמעס דערציילט פאַר זיי:
„צו מילכאָמע מיר דאַרפן אַ סאָף מאַכן,
לאָמיר צונעמען שליסל מעלוכישע
בּאַ די פּריצימלעך און בּאַ זאַוואָדטשיקעס,
און די ערד בּאַ זיי אַלעמען צונעמען
פאַר די פּויערים די האָרעפּאַשניקעס.
לאָמיר צונעמען זאַוואָדן בּאַ זאַוואָדטשיקעס,
וועלן אַרבּעטער אַלײן שוין אָנפירן.
לאָמיר צונעמען די קלײטן בּאַ די סאָכרימלעך,
בּאַ די הענדלערלעך און בּאַ די רײַכע לײַט“.
אַז דערהערט האָבּן זיי רייד אַזעלכענע,
גענעראַלן ווײַסע און זאַוואָדטשיקעס,
האָבּן זיי האַרמאַטן גלײַך אַרויסגעפירט
און דערשיסן לענינען געוואָלט,
אַז ער זאָל דאָס פאָלק ניט אופרייצן.
און זיי האָבּן צו האַרמאַטן זיך אַ לאָז געטאָן,

נאָר סאָלדאטן האָבן פריִער נאָך צעשרויפט שוין זיי,
און שיסן האָבן זיי שוין ניט געקענט.
האָט דאָס פאָלק דעם פירער אַף די הענט געכאַפּט
און אין פרייַען פעלד אַוועקגעפירט,
פון ראַקעטן־צווייַגעלעך א שאַלאַש געמאַכט
און אים אויסגעקליידט פאַר א פּאַסטעכל.
האָבן די אוריאַדניקעס אים לאַנג געזוכט,
נאָר ס'האָט קיינער די באַהעלטעניש ניט אויסגעזאָגט.
האָט געשריבן לעניִן קלוגע בריוועלעך,
און דאָס גרויסע פאָלק האָט זייַן וואָרט געפאָלגט.

אַז פאַרזאַמלט האָט דאָס פאָלק זיך מיט דער קראַפט פון גיבערשער
און א קער געטאָן די מוטער־ערד די רומפּולע
אַף אַן אַנדער זייַט, א גערעכטיקער,
און פאַרנומען האָט די שליסל גאָלדענע
בא די פּריצימלעך און זאַוואָדטשיקעס
און פאַרטרויט עס האָט די ראַסייושקע
גרויסן לעניִנען מיט די מיטהעלפער —
דער פּאַרטיי דער באָלשעוויסטישער.
ער האָט צוגענומען שליסלען גאָלדענע,
געגומען סטאַלינען פאַר א מיטהעלפער.
אויך פאַר מיטהעלפער מענטשן זיכערע
פונעם פּראָסטן שטאַם און פון אָרעמקייַט.
האָבן רייַכע לייַט גלייַך דערשראָקן זיך,
גלייַך דערשראָקן זיך און באַהאַלטן זיך.
איז דאָס פּראָסטע פאָלק לוסטיק־יאָנטעוודיק,
קליידער פאַרביקע האָט מען אָנגעטאָן,
לידער פריילעכע מ'האָט געזונגען דאַן.
נאָר ניט לאַנג האָט די פרייד געצויגן זיך,
ס'האָט געענדיקט זיך יאָנטעוו לוסטיקער.
שוואַרצע וואָלקנדלעך האָבן זון פאַרשטעלט

און געשוווּמען איבער ערד סאָוועטישער.
ס'האָט א שטורעם זיך צעווילדעוועט, צעבושעוועט
און אפ לאנג פארשטעלט אָט די הימל־שײַן.
זאמלען זיך צונויף גענעראלן און אוריאדניקעס,
זאמלען זיך צונויף פּריצים און זאוואָדטשיקעס,
זאמלען זיך צונויף פירשטן און די אדל־לײַט,
זאמלען זיך צונויף רײַכע סאָכרימלעך,
קלײַבן זיך צונויף אין געהיימע ערטעלעך,
אין געהיימע ערטעלעך, אין באהעלטעניש,
קלײַבן זיך צונויף און אזוי געזאָגט:
„רופן דארפן מיר אָפיצערעלעך,
אָפיצערעלעך און גענעראלעכלעך.
אלע ווײַסע לײַט קומט צונויפרופן
און דער רויטער ארמיי טון א שטארקן קלאפּ".

דער פירער לעניג שפּאנט אין קרעמל אום,
מיט דעם הענטעלע האלט באם שטערן זיך.
גייט אין צימער אום גיך און אומרויִק:
„אוי, איר לייבן, בייזע לעמפּערטן,
אוי, איר הינט, איר הינט מעשוגענע,
ס'לאָזן הינט זיך אונדז ניט אָפּרוען,
ניט זיך אָפּרוען און ניט ארבעטן.
מע וועט דארפן זיי די ביינער צעברעכן גאָר
און אין שלאכט פארניכטן זיי, אינעם בלוטיקן.
פון די סטעפּעס פון די פרײַע מירן רופן נאָך
קלים דעם העלד, דעם שמיד וואָראָשילאָוון,
פונעם שטילן דאָן מירן רופן נאָך
דעם קאָזאק בודיאָני העלדישן,—
זאָלן זיי די ווײַסע הינט צעשמעטערן,
אלע הינט, וואָס דאָס פאָלק פארהאסט".

האָט די קריוודע מיטן עמעס זיך באַגעגנט דאַן,
זיך באַגעגנט דאַן און אַ שלאַכט דערקלערט.
פון די נאָרעס איז די ווײַסע קראַפט אַרויס.
האָבן זיי געוואָלט טייטן, אומברענגען אַלע שלאַכט־פירער
און צוריק אוועקשטעלן דעם קייסערס אַלטע שטול,
ס׳זאָל דאָס לעבן גיין אויפן אַלטן לאַד,
אויפן אַלטן לאַד, ווי ס׳איז פריִער געווען.

אַז די ווײַסע גריוע האָט צעפּלאַטערט זיך,
אַז דער ווײַסער עק האָט צעווייעט זיך,
אויש פון פערדיש מויל זעצט אַ פלאַם אַרויס,
אויש פון פערדיש אויג פליט אַ פונק אַרויס,—
אויפן פערד עס זיצט אונדזער גרויסער העלד
מיטן נאָמען קלים וואָראָשילאָוו העלד,
און נאָך אים עס רײַט דער קאָזאַק פון דאָן,
ס׳פאָרט בודיאָני שנעל אויפן שוואַרצן פערד.
און נאָך אים עס יאָגט אונדזער רײַט־אַרמיי,
אונדזער רײַט־אַרמיי, אונדזער שטאָלצע קראַפט.
אַז מע האָט אַ טרײַב געטאָן אַלע ווײַסע לײַט,
האָבן ווײַסע לײַט דאַן דערשראָקן זיך,
שטאַרק דערשראָקן זיך און צעלאָפן זיך.

האָבן גענעראַלן דאַן אַ טראַכט געטאָן:
„ניט אײַנצונעמען איז אָט די רויטע קראַפט,
טייקעף דאַרפן מיר הילף אַרויסרופן,
הילף אַרויסרופן בײַ די אויסלענדער.”
מיט די קיניגס אויש פון אויסלאַנד מ׳האָט זיך גלײַך דערעדט—
זײַנען קיניגס גלײַך אויף דעם אײַנגעגאַן:
ס׳האָט געוואָלט זיך זיי, ס׳זאָל אַ קיניג זײַן,
ער זאָל קיניגן אין ראַסייושקע,
ער זאָל שענקען זיי שטיקער גרויסע ערד,
שטיקער פעטע ערד פון ראַסייושקע.

זײַנע פּאָלקן דאַן גלײַך געשיקט געװען,
האָבן װײַסע לײַט זיך פֿאַרפֿעסטיקט דאַן,
זיך אַ לאָז געטאָן אַף דער רויטאַרמיי.
און אין יענע טעג, אין דער אומרו־צײַט
האָט מיט לעניגען אַזאַ פֿאַל פּאַסירט.
אין זאַװאָד אַרײַן, איבער פֿאַבריקעס
דאַן געפֿאָרן לעניג איז אַלע טאָג.
אין אַ פֿאַבריקע הינטער מאָסקװע־טײַך
האָט אַ װאָרט געזאָגט צו דעם פֿאָלק איליטש.

פּונקט אין יענער צײַט, אין דעם רעגעלע,
האָט אַ בייזע שלאַנג זיך באַװיזן דאָרט
און אַ ביס געטאָן אונדזער לעניגען,
נאָך אַ קאַפּעלע, און אין האַרץ זי טרעפֿט.
און פֿאַרשאַפֿט האָט זי טיפֿן װייטעק אים,
און אַ װוּנד געמאַכט אים אַ גיפֿטיקע.

האָט איליטש אַ פֿאַל געטאָן אַף דער פֿײַכטער ערד,
האָבן אַרבעטער אים אַ הייב געטאָן
און אװעקגעלייגט אַף אַ טראָג־בעטל,
און געבראַכט מ׳האָט אים צו קרעמל־װענט,
צו זײַן ליבער פֿרוי, װאָס נאַדיעזשדאַ הייסט.
אַז איליטש האָט נאָר קראַפֿט דערפֿילט אין זיך,
קראַפֿט דערפֿילט אין זיך נאָר אַ קאַפּעלע,
האָט ער גלײַך געזאָגט: רופֿט מיר סטאַלינען.
איז אין צימערל סטאַלין באַלד אַרײַן
און איז צוגעגאַנגען צום בעט, צו אים.
האָט איליטש צו אים דאַן אַזוי געזאָגט:
„אַזאַ צײַטעלע איז געקומען איצט,
מע קען אַלעמען אונדז דערהאַרגענען,
גיי און העלף אַרויס מיט דײַן גיבער־קראַפֿט,

כאווער סטאַלין צווישן קאָלווירטניקעס.

קינסטלער ד. מאַרקייאַ.

מיט דײַן גיבער־קראַפט און מיט קלוגן ראָט,
ס'זאָל די רומפּולע רויטע גוואַרדיע מונטער פֿילן זיך,
מונטער פֿילן זיך און זאָל דרייסטער זײַן".
און ס'האָט סטאַלין דאָ ניט גערעדט קיין סאַך,
דעם באַפֿעל וועט ער זיכער אויספֿילן.
מיליטער־קליידער האָט ער אָנגעטאָן
און זײַן טרײַען פֿערד מיטגענומען זיך,
און איז גיך אַוועק אינעם פֿרײַען פֿעלד,
און געפֿלויגן גיך, ווי אַן אָדלער פֿליט,
ווי אַן אָדלער פֿליט אינעם פֿרײַען פֿעלד,
צו דער רומפּולער רויטער גוואַרדיע.

און געקומען סטאַלין איז צו דער רויטאַרמיי
און פֿאַרזאַמלט האָט אַלע דרייסטע זין,
און אין סטרעמעניעס זיך אַ שטעל געטאָן,
זיך אַ שטעל געטאָן און אַזוי געזאָגט:
„אוי, איר דרייסטע לײַט, רויטע שלאַכט־מענער!
ס'אַ צײַט אַצינד, גאָר אַ שווערע צײַט.
און מיר דאַרפֿן איצט מיט דער גאַנצער קראַפֿט
און מיט פֿלינקן טראָט די פֿײַנט צעשמעטערן,
די פֿײַנט צעשמעטערן און פֿאַרקערן זיי.
ס'האָט איליטש געשיקט מיך אַהער צו אײַך,
ער איז קראַנק אַצינד, ליגט און מאַטערט זיך
פֿון דער שלאַנגען־וווּנד דער געפֿערלעכער.
אַז מיר וועלן נאָר פֿײַנט צעשמעטערן,
וועט ער דעמלט גלײַך דאַן געזונט ווערן".

האָבן רויטע פֿאַלקן זיך אַ לאָז געטאָן,
זיך אַ לאָז געטאָן מיט דער גאַנצער קראַפֿט,
האָבן ווײַסע לײַט שטאַרק דערשראָקן זיך.
מע האָט אַ טרײַב געטאָן אָט די ווײַסע לײַט

און געטריבן זיי פון פאַרטאָג ביז נאַכט,
און פון נאַכט ביז טאָג. מ׳האָט געטריבן זיי,
און געשלאָגן זיי און געשניטן זיי,
און אין בלויען יאַם מע האָט פאַרטריבן זיי.

איין גענעראַל מיטן כאַיל — אינעם ווייסן יאַם,
און דעם צווייטן גענעראַל מיט זייניקע — אינעם שוואַרצן יאַם.
און דעם דריטן מיטן כאַיל — אינעם דאָרעם־יאַם,
און דעם פערטן מיטן כאַיל — אינעם מיזרעכ־יאַם.
און די איבעריקע אָפּיצערן און פּאָלקאָווניקעס,
די פּאָלקאָווניקעס און גענעראַלעכלעך
מע האָט אין בלאָטע קלעפּיקער פאַרטריבן זיי
און אין טיפע טייכן זיי אַריינגעיאָגט,
און אָט דאָ איז שוין זייער סאָף געוועזן.

★ ★

ש. ראָסין

סטאַלין רעדט

די אויגן די צעפינקלטע
בא ארבעטער פון גאָר דער וועלט,
די אויסגעשטרעקטע ברידערלעכע הענט,
דער אויער, דאָס געהער —
פון יעדן ווײַטסטן ווינקעלע,
פון שטוב, זאוואָד און פעלד —
זיי זײַנען איצט צו אונדז געווענדט,
אהער, צו אונדז,
צו קרעמל־זאל
זיי טראָגן זיך און כוואַליען,
אהער,
ווו ס׳רעדט דער פירער פון פארטיי —
דער כאוועך סטאַלין.

דער כאוועך סטאַלין רעדט,
און ס׳הערט אים די פארטיי,
די זין,
די בעסטע זין פון לאנד,
פארנעמען איצט זײַן וואָרט.
און ס׳הערט זיך צו די גאנצע וועלט
צו זײַנע רייד,

וואָס קלינגען אזוי פּראָסט
און וווּנדערלעך און קלאָר.

עס רעדט דאָס גאַנצע פֿאָלק,
עס רעדט אַ גאַנצער דאָר:
דער דאָר — דאָס אַרבעט־פֿאָלק —
עס האָט אַ וואָרט...
— ער וועט ניט אָפּטרעטן זײַן אָרט,
פֿון וועג ניט אָפּקערן
עס וועט דער דאָר.

פֿאַרמאָסטן האָט ער זיך
אויף גאָרער לענג,
אויף גאָרער טיף,
אויף גאָרער ברייט, —
אויף גאָרער וועלט
זײַן אויפֿגערודערטער,
זײַן האַסטיקער,
זײַן ברייטער שווּנג.

דער כּוואַער סטאַלין רעדט,
און ס׳גייט אַ קלונג
אין זײַנע רייד
דעם כּוואַער לענינס שווּנג,
דעם כּוואַער לענינס רייד!

די אויסגעשטרעקטע הענט
פֿון אַרבעטער פֿון גאָר דער וועלט,
די אויגן די צעפֿינקלטע,
דער אויער, דאָס געהער —
פֿון יעדן ווײַטסטן ווינקעלע,

פון שטוב, זאוואָד און פעלד —
זיי זײַנען איצט
צו אונדז געווענדט.

אהער, צו אונדז,
צום קרעמל־זאל
זיי ציִען זיך און כוואליען —
אהער,
וווּ ס׳רעדט דער פירער פון פאַרטיי —
דער כאַווער סטאלין!

☆ ☆

סולײמאַן רוסטאַם

(אוזערבײַדזשאַנער דיכטער)

סטאַלינען—סאַלאַם

סאַלאַם צו דיר, סטאַלין, אָ, גרויסער, סאַלאַם!
דו האָסט אונדז געגעבן באַגײַסטערונג־פלאַם,
דו פירסט אַלע פעלקער צו זון און צו גליק,
אין עפּאָס דעסטאַן איז דער רום פון דײַן זיג.

דו ביסט אונדזער פרײַנטשאַפט, די קראַפט פונעם לאַנד,
מיר וואַכן, באַוואַכן דײַן יעטווידער טראָט,
אין זון־שײַן געכאָוועט האָסט אזערבײַדזשאַן,
ס'איז דו ביסט דער גערטנער פון זעלטענעם סאָד.

עס טראָגט אונדז דײַן נאָמען געפעסטיקט אין שווונג,
דײַן רום מאַכט אַף אײביק, אַף אײביק אונדז יונג,
אָ, פירער און לערער! ביסט גרויס און ביסט קלוג,
און ס'לויבט אַף זײַן סאַז דיך דער גרײַזער אַשוג.

איז, פאָטער דו ליבער, נעם אוף דאָס געזאַנג,
פון דאַנקבאַרע הערצער אַ דאַנק.

ווי גליקלעך מיר זײַנען! דײַן אויג אונדז באַוואַכט,
דו האָסט אונדז באַפרײַט פון די אײביקע פענט,
אַ לעבן אַ פרײדיקס האָסטו אונדז געבראַכט,
און פליגל געגעבן, און מעכטיקע הענט.

די הייליקע ערד האָט פאר פײַנט ניט קיין אָרט,
זײַן פוס וועט זיך קיינמאָל ניט ווײַזן אָט דאָרט,
ס׳וועט קיינער די גרענעץ ניט געבן קיין ריר,
ווער קאָן נאָך באהיטן די גרענעץ ווי מיר?
דײַן אָטעם דײַן הויכער באהויכט אונדז מיט מוט,
פאר דיר וועט ניט קארגן קיין איינער זײַן בלוט!
פון אזערבײַדזשאן — דיר סאלאם!

ס׳איז שיין אונדזער וועלט, ווי א טרוים אף דער וואָר,
און אומעטום שפרייטן זיך פריילינג און פרייד,
ס׳איז שיין אונדזער וועלט, ווי א טרוים אף דער וואָר,
דער פאָלקישער טרוים איז אין לעבן פארשפרייט.

ביז ס׳לעבט אונטער הימלען די גאנצענע וועלט,
איז לעב, אונדזער סטאלין, ווי שטענדיק, צעהעלט,
דײַן אָטעם דײַן הויכער באהויכט אונדז מיט מוט,
פאר זײַן היימלאנד וועט קיינער ניט קארגן זײַן בלוט,
דער יאָנטעוו, דער פריילינג דערלאנגט ביזן רוים,
די וואָר איז נאָך שענער פון טרוים!

די הייליקע ערד האָט פאר פײַנט ניט קיין אָרט,
זײַן פוס וועט זיך קיינמאָל ניט ווײַזן אָט דאָרט,
ס׳וועט קיינער די גרענעץ ניט געבן קיין ריר,
ווער קאָן נאָך באהיטן די גרענעץ ווי מיר?
דײַן אָטעם דײַן הויכער באהויכט אונדז מיט מוט,
פאר דיר וועט קיין איינער ניט קארגן זײַן בלוט!
פון אזערבײַדזשאן — דיר סאלאם!

★ ★

סולײמאַן רוסטאַם

פּרוי

אפ דער וואנט — מײַן מאַנס אַ ביקס אַ ווילדע,
אַן אָנדענק פֿונעם בירגערקריג.
כ׳דערמאָן זיך דעם פֿײַער, די גרוילן,
וואָס האָבן דאָס האַרץ פֿון מײַן הײמלאַנד געשטיקט.
מײַן מאַן האָט געיאָגט אינעם פֿלאַם פֿון געראַנגל,
און איך בין געבליבן —
געשוויגן פֿאַרטראַכט.
און ס׳זײַנען געלאָפֿן פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס,
פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס, קרומע און לאַנגע,
און פֿינצטער און בלינד איז געקומען די נאַכט...
צעקלאַפּט איז דער סוינע.
קערט אום זיך צוריק
מײַן מאַן
און ער ברענגט אָט די ביקס.
ער האָט מיט איר צענדליקער סאָנים צעקלאַפּט,
איז הענג־זשע דאָ, ביקס, אפ דער וואַנט,
איבער מײַן קאָפּ.

איך האָב מיט מײַן מאַן האַנט בא האַנט ניט געקאָנט
פֿאַרלאָזן די שטוב און אוועק אפֿן פֿראָנט:
אַ פֿינצטערע פֿרוי — האָב איך גאָרניט געזען...

געוווג.
כ׳וועל אפ אייביק
מיט גורל מיט בייזן
זיך שיידן.
ווער פארלענדט,
ווער צעזייט, הונדערטיאָריקע פינצטער,
מײַן מויל איז פארזיגלט געוואָרן,
אין די ליידן
האָט מיר קיינער קיין הילף ניט געגעבן קיין מינדסטע
און קיינער האָט העלפן מיר דאן ניט געקענט.
נאָר ס׳וועט אזא טאָג מער ניט זײַן שוין, ווי יענער,
הײַנט איז שוין גאָר אנדערש,
כ׳פארמאָג גלײַכע רעכט מיט די מענער.
און א נײַע, א ליכטיקע זון אינעם לאנד הערשט,
אפ אייביק באפרײַט פונעם פינצטערן נעכטן.
און ווי נאָר דער האָרן פון קריג טוט א וועק,
באלד הייבן זיך אופ שטאָלצ א פאָלק נאָך א פאָלק —
זײַט וויסן,
אז ס׳וועלן אין קאָן פון געפעכטן
אלע פרויען פון לאנד קעגן סוינע אוועק
צו שלאָגן זיך הייס פארן גליק פונעם פאָלק.

★ ★

לויט לעבינס געבאָטן

(א רוסישער סקאַז)

ניט קיין ווינטן קאַלטע בושעוועט,
ניט קיין זאַמדן לויפן, טראָגן זיך, —
נאָר דער אומגליק האָט זיך נאָכאַמאָל,
ווי א וואָלקן ווי א פינצטערער,
ווי א שטורעם־ווינט מיט האָגל־בליץ,
ס׳לייגט דער טרויער אפן הארצן זיך.
אָט דעם טרויער אָט דעם גרויזאַמען
ניט צעווייען וועלן ווינטן שוין,
ניט פארטרייבן וועלן זאַמדן שוין,
ניט פארדעקן וועט די וואָלקן־נעץ.
איך וועל זיצן, גוט זיך אויסוויינען,
מיט די טרערן, מיט די וויטעקן
וועט דער בלויער יאַם זיך אָנפילן,
טיפע טייכן זיך צעכוואַליקן,
ס׳וועט דער ווייסער שטיין צעשפּאַלטן זיך,
ס׳וועט דאָס ריינע גאָלד צעשיטן זיך...

ווען כ׳זאָל זיין א קלאָרער סאָקאָל איצט,
אָדער זיין א טויב א בלוילעכע,
אָדער גאָר א שוואַלב א פלינקע זיין,
כ׳וואָלט קיין ביטער וואָרט ניט ארויסגעזאָגט

און קיין ביטער־טרער ניט פארגאָסן איצט,
כ׳וואָלט א מאך געטאָן מיט די פליגעלעך,
כ׳וואָלט דערפליגן אזש צו דער מאָסקווע־שטאָט,
ביז דער קרעמל־וואנט ביז דער שטיינערנער,
בא דעם מאוזאָליי זיך אראָפּגעלאָזט,
בא וולאדימירן, אונדזער לענינען,
כ׳וואָלט געזאָגט צו אים: זון מיינער ליטערע,
טו א קוק ארום און דערפריי מיין הארץ,
ווי געענדערט האָט אונדזער לעבן זיך,
סעדער בליִען איצט, זע, קאָלווירטישע,
פעלדער בליִען איצט, זע, קאָלווירטישע,
און ווי ליכטיק־העל דאָס לעבן איז!
אין די שולן לערנען קינדער זיך,
אין די הייכן — זינדלעך־סאָקאָלן,
מיידלעך אונדזערע פירן טראקטאָרס איצט!
לעבן לעבן מיר פון דער פולער האנט,
אין די הענט בא אונדז שפילט די ארבעט זיך,
ס׳ברענט די ליבע הייס אינעם הארץ בא אונדז.
צו דיין קלוגן קאמף, צו דיין העלדישקייט
האָסט געטאָן פאר אונדז, ניט געקארגט קיין קראפט,
און דיין כאָכמע אונדז ניט געזשאלעוועט,
האָסט געברענט פאר אונדז, האָסט געשייטערט זיך,
וואָס געטראכט האָסטו, איז געשען אצינד!

ווי דו האָסט געזאָגט און געבעטן אונדז,
פירט צום גליק אצינד סטאלין אונדזערער,
גרויסע אָדלערס האָבן קליינע אָדלערלעך,
און דער סאָקאָל פליט ווי די סאָקאָלן,
אָקעאנען צוויי — ברידער בלוטיקע.
סטאלין לענינען איז א ברודער־פריינט
לויט דער מי און לויטן אָדלער־פלי,

לויטן שווונג און רום פון סאָקאָלן.
כ׳גיי מיט סטאַלינען, ווי מיט לענינען,
כ׳רעד מיט סטאַלינען, ווי מיט לענינען,
אלע דומעס אונדזערע אינעם קאָפּ בא אים,
ס׳גאנצע לעבן זײַנס נאָר ער קלערט פון אונדז.

מיט זײַן פירערשאפט, מיט זײַן זאָרג פאר אונדז,
איז ניטאָ קיין מענטש אָן א היים בא אונדז,
אָן א שײוועט־פּרײַנט, אָן א היימלאנד־היים,
קיין יעסוימים און אלמאָנעס ביטערע
און קיין לעבנס־טעג, קיין קאפּצאָנישע.
קיין פאָלין ניטאָ, ווילדע קרײַטעכצער,
נאָר איין וועג איז דאָ נאָר, איין סטעזשקעלע,
און צום גליק זיך ציט ס׳ברייטע שטראַליקע.
פירן פירט אונדז איצט אפּן סטעזשקעלע
אונדזער קאָמפּארטיי, אונדזער טײַערע,
און דאָס סטעזשקעלע צום גליק צום לויטערן
ניט צעווייען וועלן ווינטן פינצטערע,
ניט צעטראָגן וועלן זאמדן מידבערשע,
ניט פארגיסן וועלן טײַכן רוישיקע,
ניט פארדעקן וועלן וואָלקנס שטורמישע!..

★ ★

מאקסימ רילסקי
(אָרדענטרעגער)

מארינא

פראָלאָג—ווידמונג

דער אָוונט גייט, ס׳האָט אָפּגערוישט די ארבעט,
ווי טרערן, ציטערט די לאמטערן־ליכט,—
אפ קינדער אונדזערע קיינ מוירע ווארט ניט.

א שטערנ פינעפשטראליק שימערירט
פאר זיי, אונ ס׳זײַנען פרעמד זיי ווערטער בייזע:
אי קנעכט, אי פּאנ, אי אונטערטאנ, אי פירשט.

נאָר מיר געדענקען גוט די שווערע ליידנ
פונ הארבער צײַט. מ׳האָט אונדז געלערנט דאנ
דאָס לאנד פונ טיורמעס אָנרופנ גאניידנ.

אינ ווײַרעכ־רויכ, אינ קלויסטערס פרומער שאנד,
פונ אונטער לאסט פונ דעמ זשאנדארמענ־טשאָבאָט,
פונ אונטער ראָד פונ דעמ געגילטנ שפּאנ,

ניט וואגנדיק קיינ וואָרט קיינ אייגנס האָבנ,
האָט דוירעסלאנג געלעבט דער מענטש פונ מי
אונ דער געדאנק געגליט האָט, טיפ פארגראָבנ.

מיט דאָפּלטדיקער לאסט, א טראכט גיט, ווי
אינ טיפנ כוישעכ האָט די פרוי געליטנ:
אינ קאלע־קראנצ—אינ דערנער זע איכ זי.

זי האָט אונדז אָפט אין האָפענונגסלאָזע לידער
דערציילט איר האָפענונג, איר שווער געמיט,
געטרונקענע קישעפדיקע סאַם מיט ציטער.

אין קינדהײט כ׳האָב געהערט אזא מין ליד,
זי איז בא מיר אַן איינציקע געבליבן,
כאָטש כ׳בין אין לעבן שוין פון לידער מיד.

דאָס גאַנצע אַלטע, דאָס „געבענטשטע״ לעבן,
דער אַלטער, דער פאַרפלוכטער ווײ־און־ווינד
איז אין דער ליד. מײַן שוועסטער, מאַמע — לעבן,

פאַר דיר, מײַן פרוי, מײַן פרײַנט, מײַן טײַער קינד,
די גלידער פון דער ליד דער נײַ־געבויטער
ניט אַף געוויין, און ניט אַף קלעם איך בינד,

ווי אויך ניט אַף פאַרווײַלונג, ניט אַף פלוידער.
ניין! כ׳וויל דיר זאָגן: קוק דאָס לעצטע מאָל
אַפן שווערן כאָלעם, אַף דעם אַלטן שוידער,

און גיי, ווי דימענט, האַרט און שטײַף, ווי שטאָל,
אָן אָפּרו אין דער צוקונפט דער באַנײַטער,
פאַרגעס דעם כוישעך און דעם שווערן אָל,

דו, ראַטנ־פרוי, דו, בויערן באַפרײַטע!

★ ★

מאקסים רילסקי

אין דעם טאָג

נו, זאָג נאָר, אַלטער, וואָס גראָד הײַנט
זיי שמייכלען, אַלע דײַנע ווערטער,
ניט אַנדערש אין דײַן אַלטן קערפּער
איז קאַמף און ליבע הײַנט אַרײַן?
— אין אָט דעם גרעסטן צווישן טעג
אַפּן יונגן וועג איז אַלץ אַוועק.

וואָס פרייסטו זיך, דו, ברודער שמיד?
וואָס גרויסטו זיך, דו, מענטש באַם אַקער?
וווּהין איצט שפּאַנט איר ביידע טאַקע
אַרומגענומענע, ברידער אין געמיט?
— דער גרויסער טאָג האָט אונדז באַפרײַט,
די שמידן און די אַקער־לײַט. —

פאַרוואָס האָסט דו הײַנט אָנגעקליידט
דאָס שענסטע קלייד דײַנס, וועבער,
פאַרוואָס די קליידער דײַנע שוועבן
מיט בלומען־קרענץ פון האַרבסטן־בייט?
— דער טאָג דער גרעסטער פון די טעג
פאַר אַלע וועבער ווײַזט אַ וועג. —

וואָס האָסט דו, יונגלינג, אָפּגעווענדט
פֿון בוך דײַן בליק, דײַן גיריק־רײַכן,
און זיך געשטעלט מיט דײַנע גלײַכן
אין פרײדיק־ריר־עוודיקער וועלט?
— דער טאָג דער ערשטער צווישן טעג
האָט אונדז אנטדעקט א זײַטל גליק. —

וואָס קלינגט עס הילכיק אזוי היינט,
מײַן קינד, דײַן קאָל דײַן זיס, דײַן צארטס,
וואָס ווארעמסטו מיט פרילינג־שײַן
די קאלטע כוואליעס פֿונעם הארבסט?
— לעקאָוועד אָט דעם טאָג אלס לוין,
אָקטיאבערל מע רופט מיך שוין.

★ ★

מאקסימ רילסקי

א ליד וועגנ סטאלינענ

איבער בערג, מיט הויכ פארווייטע,
פליט אנ אָדלער פעסט אונ יונג,
ניט צעברעכנ פליגלענ ברייטע,
ניט פארהאלטנ יענעמ שווונג.

ניט צעברעכנ פליגלענ ברייטע,
ניט פארהאלטנ יענעמ שווונג.

הייכנ זײַנענ אונדז געפעלנ,
אינ די אויגנ — זונענ־ברויז,
מיט זײַנ אָדלער־פלי דעמ העלנ
פירט דער פירער אונדז פאָרויס.

מיט זײַנ אָדלער־פלי דעמ העלנ
פירט דער פירער אונדז פאָרויס.

זאָל די ערד מיט לידער שפילנ
אינ באפליגלטנ ארומ,
צווישנ אונדז איז סטאלינס ווילנ,
סטאלינס וואָרט לויכט אומעטומ.

צווישנ אונדז איז סטאלינס ווילנ,
סטאלינס וואָרט לויכט אומעטומ.

1843—26

טונקלע וואסערנ מיר צוימענ,
פעלדער פאָלגנ אונדזער צײַט,
די זאוואָד־ליד רוישט אינ רוימענ,
ס׳ווערט די אלטע ערד באנײַט.

די זאוואָד־ליד רוישט אינ רוימענ,
ס׳ווערט די אלטע ערד באנײַט.

אונדזער קויעכ האָט קיינ ברעג ניט,
ס׳גייט פאָרויס דער באָלשעוויק,
מיט די אָדלערישע וועגנ
פירט אונדז סטאלינ צו דעמ זיג.

מיט די אָדלערישע וועגנ
פירט אונדז סטאלינ צו דעמ זיג.

אונדזער פלאמ וועט מענ ניט שטילנ,
שײַנט די צײַט, ווי אונדזער רומ.
צווישנ אונדז איז סטאלינס ווילנ,
סטאלינס וואָרט לויכט אומעטומ.

צווישנ אונדז איז סטאלינס ווילנ,
סטאלינס וואָרט לויכט אומעטומ.

★ ★

מאקסים רילסקי

מײַן פֿאָטערלאַנד

מײַן פֿאָטערלאַנד איז ניט פֿון זיידעס א רײ,
וואָס קוקן מיט שטאָלץ פֿון די בילדער,
ניט קיין שטים פֿון קאָזאַק, ניט דער אָרדעס־געשריי
פֿון אוראַלטע לידער.

מײַן פֿאָטערלאַנד איז ניט קיין פּאַלאַצן־פּראַכט
אַף אומעט פֿון גרוילעכע שטיבלעך,
קיין קלויסטערס, קיין טראָן, קיין געדריי פֿון שלאַכט
מיט בלוט אַף די פֿליגלען.

מײַן פֿאָטערלאַנד איז ניט פֿון סרייפֿעס באַהעלט,
ווו ס׳הוידען זיך מייסים אַף שײַטערס.
מײַן פֿאָטערלאַנד — דאָס איז אַן גרענעץ א פֿעלד,
ווו די מי ז׳א באַפֿרײַטע.

מײַן פֿאָטערלאַנד — דאָס איז א פֿעלד פֿון קאַמף —
דער מענטש מיט זײַן אַרבעט באַגריסט עס.
מײַן פֿאָטערלאַנד ווײַנגערטנער נײַע פֿאַרפֿלאַנצט
אין די זאַמדיקע וויסטעס.

מײַן פֿאָטערלאַנד — דאָס זײַנען טראַקטאָרס פֿאַרשפּאַנטע,
פֿאַבריקן, וואָס זינגען און שײַנען,

פעלדזן צערודערטע, טײַכן פארצאמטע,
דאָמנעס, קאָמבײַנען.

מײַן פאָטערלאַנד — דאָס איז מיטשורינס א סאָד,
דערהויבענע ווערטער פון דיכטער.
מײַן פאָטערלאַנד גייט ניט צוריק אף קיין טראָט —
פאָרויס איז די ריכטונג!

מײַן פאָטערלאַנד איז, ווי אן אָדלער, א העלד,
וואָס איז ארויס פון טומאַנען.
ס׳איז דעמטשענקאָס ווילן, וואָס קומט פונעם פעלד,
ס׳איז די קראפט פון דעם נאָמען — סטאכאנאָוו.

מײַן פאָטערלאַנד — דאָס איז די לויטערסטע לופט,
דער זיג איבער נאכט פון אמאָל.
מײַן פאָטערלאַנד דאָס איז איליטשס א רוף
און סטאלינס מעכטיקער קאָל.

•

עס בליען קאווקאז, טורקעסטאן, קאזאכסטאן,
רוסלאנד צעבליט און אוקראַינע.
פון פעלקער און לענדער — א פעסטער פארבאנד,
פאָטערלאַנד מײַנע!

★ ★

ט. שאמשיִעוו

(קירגיזישער דיכטער)

דעם כאווער סטאלינ

גערריקט האָט פּינצטער דער איסלאם — אַפ די קירגיזנ,
געוועג פונ טרערנ, בויט א יאמ — בא די קירגיזנ.
מע האָט גענארט, געיאָגט, געסאמט — אונדז די קירגיזנ,
האָט כאווער סטאלינ פאָלק אונ שטאמ — דעם וועג געוויזנ.

אונ אינ זײַנ ליבנ קאנט מיט פרייד — קירגיז דאָ לעבט,
באנאנד מיט גאָרנ לאנד ער גייט — פונ טרעפּ צו טרעפּ.
איר, פײַנט, די פײַל אַפ אונדז איר גרייט — איז היט די קעפּ,
ס׳האלט דער קירגיז די שווערד אינ שייד — צו גיבנ קלעפּ.

פאראנ פיל מײַסטערס פונעמ פעלד — בא די קירגיזנ,
דאָקטוירימ, לערער, גאָרניט פעלט — בא די קירגיזנ.
פאראנ ניט איינ געפּרווטער העלד — בא די קירגיזנ,
עס האָט אונדז אַפ די פיס געשטעלט — דער ריז פונ ריזנ.

אָ, ס׳ארא לעבנ א געזונטס — אינ אָט די בערג,
אָ, סארא זונ צעצונדנ בונט — אינ אָט די בערג,
ווי זי באלוינט אונ ווארעמט אונדז — אינ אָט די בערג.
אלצ קוועלט אונטער דער סטאלינ־זונ — אינ אָט די בערג.

עס שעפּט דער פאסטעכ, דער קירגיז — פונ ביכער־קוואלנ,
ס׳באהערשט די קונסט הײַנט דער קירגיז — אינ ווינקלענ אלע.

הײַנט זעט מען אויך אפֿ א קירגיז — די אָרדען־שטראַלן,
ס׳האָט אונדז דערצויגן ניט אומזיסט — דער כאוועך סטאַלין.

מיר זײַנען פֿון טיאַנשאַנער בערג — צו אים געקומען,
ער האָט אונדז פֿרײַנטלעך אויסגעהערט — ארומגענומען,
מיט בליקן צאַרטסטע אפֿ דער ערד — אונדז אופֿגענומען,
מיר זײַנען פֿון טיאַנשאַנער בערג — צו אים געקומען.

דער שטורעם, וואָס פֿאַרטרײַבט דעם פֿײַנט — איז כאוועך סטאַלין,
דער אופֿגאַנג, וואָס אין לאַנד דאָ שײַנט — איז כאוועך סטאַלין,
דער מענטש, וואָס מיר באַגריסן טרײַ — איז כאוועך סטאַלין,
און אונדזער וואָרט, און אונדזער הײַנט — איז כאוועך סטאַלין.

★ ★

יאסיר שיוואזא

(דונגאנישער סאָוועטישער דיכטער)

איך שרײַב

יאָ, איך שרײַב.
אונ אויב
איך וועל מײַנ ליד ניט שרײַבנ,—
וועט מײַנ דיכטער־וואָרט
אפ לאנג אוועק אינ ווײַט
פונ מײַנ ליכטיק הויז,
אונ כ׳וועל פארבלײַבנ
אָנ מײַנ גליקלעכסטער,
מײַנ בעסטער צײַט.
כ׳ווייס:
מײַנ דיכטער־פּענ
איז ענלעך אפ א שפּיז,
נאָר נאָך שטארקער פונ א שפּיז
דעמ פײַנט דערצאָרנט.
כ׳גיי אונ גיי
אונ כ׳פיל, ווי גוט מיר איז
אלצ באלעבנ
מיט מײַנ וואָרט מײַנ וואָרנ.
יאָ, איך שרײַב,
כ׳בינ שטאָלצ דערמיט, ווי ס׳קאָנענ
שטאָלצ אונ פעסט זײַנ
באָלשעוויקעס אינ א קריג.

און אויך אין דונער־קנאַל
פון פײַנטס קאַנאָנען
וועל איך דיר זינגען רום,
מײַן היים,
מײַן גליק.
מײַן היים,
מײַן לאַנד
איז ראַכוועסדיק און בלענדט,
איז שײן,
איז פּרעכטיק,
ווי דער שטערן־ריז שליוסין.
איך האָב דאָך אויך
דאָס וווּנדערלאַנד דערזען,
איך — זינגער,
איך — א זון פון כונעס זון.
יאָ, איך שרײַב.
און אויב
איך וועל מײַן ליד ניט שרײַבן,
וועט מײַן דיכטער־וואָרט
אפ לאַנג אוועק אין ווײַט
פון מײַן ליכטיק הויז,
און כ׳וועל פאַרבלײַבן
אָן מײַן גליקלעכסטער,
מײַן בעסטער צײַט.

★ ★

אינהאלט

פון אודמורטיש — העלער פון דער זון — ייִדיש — אי. פעפער 5
„ — זעט ווי שיין — „ „ 7
פון אוזבעקיש — די מילכאָמעס און לעגינן — ייִדיש — אי. פעפער 9
פון אויראָטיש — ס׳ווינט אין מאָסקווע א מענטש — ייִדיש — מ. העלמאנד . . 14
פאוולאָ אוסענקאָ — די שאָטנס פון אלטן דעמב — ייִדיש — ד. האָפשטיין 17
„ „ — ליבע צו די געפאלענע — „ „ 20
„ „ — יאָנטעוו — „ „ 22
„ „ — א מאָלדאווישע ליד — „ „ 25
„ „ — א ליד וועגן דאָרף — „נאָווי סאנזשארי" און א באַ־
רימטן פוטילאָוועץ — ייִדיש — אי. פעפער 27
פון אוקראַיִניש — ניט געוועזן קיינמאָל נאָך — ייִדיש — ע. פינינבערג 34
„ — יעדעס וואָרט דײַנס פאר אונדז איז טײַער — ייִדיש —
ש. טשערניאווסקי 36
פון אוקראַיִניש — סאָקאָלן — ייִדיש — ד. גאָלדענבערג 38
מ. איסאקאָווסקי — ליד וועגן סטאלינען — ייִדיש — אי. פעפער 40
אלימאָוו — פארטיזאנישע ווײַטמיזרעכדיקע — ייִדיש — אי. פעפער 42
אסאד — (פון אזערבײַדזשאניש) רײַכקײַטן — „ „ 43
אסייעוו — בודיאָנעס קאוואלעריע — ייִדיש — ד. האָפשטיין 45
„ — מארש פון די רויטע פליִער — „ „ 47
„ — אוויִאַ־מארש — „ „ 49
„ — זעקס און צוואנציק — „ „ 51
אָסמאנקול — סטאלינען — ייִדיש — א. גאָנטאר 52
אן אָסעטינער ליד וועגן לענינען 53
פון ארמעניש — באָכער כאטשא — ייִדיש — אי פעפער 55
ארמענישע ליד — אף אונדזער פעלד — ייִדיש — ד. האָפשטיין 57
פון ארמעניש — אונדזער צײַט — ייִדיש — א. קושניראָוו 59

מיקאָלא באזשאנ — אומשטערבלעכקײַט — ייִדיש — אי פעפער 61
„ „ — 21 יאנוואר 1924 יאָר — ייִדיש — ד. האָפשטײנ 67
„ „ — שטײט א מענטש אינ צעשטערנטנ קרעמל —
ייִדיש — אי. פעפער 70
— די ליד פונ אומבאוווסטנ
באכשי פונ דערוואז — ייִדיש — ד. האָפשטײנ 71
מ. באַלאַטינ — אינ טורקמענישער זאמד — ייִדיש — ד. האָפשטײנ 72
„ — די ליד וועגנ טשאפאיעוונ — „ „ 73
ה. בלאָשטײנ — א געזאנג צו סטאלינענ — „ „ 75
בעכער יאָהאנעס — די ליד וועגנ דער רויטער פאָנ — „ „ 77
בראָווקאָ — פעלדער — „ „ 78
מ. גאַלאַדני — פארטיזאנ זשעלעזניאק — ייִדיש — אי. פעפער 79
„ — די ליד וועגנ שטשאָרסנ — ייִדיש — א. ווערגעליס, עמ. קאזאקעוויטש . 81
„ — א ליד — ייִדיש — ד. האָפשטײנ 83
„ — א ליד וועגנ יוגנט — ייִדיש — אי. פעפער 86
ס. גאַלאָוואניוסקי — די וועלט באזינגט דעם פירער — ייִדיש — אי. פעפער . . 89
א. גאָנטאר — סטאלינ 98
וו. גאפרינדאשווילי — געדאנק וועגנ פירער — ייִדיש — ד. האָפשטײנ 101
וו. גוסיעוו — פעלדער, איר פעלדער — ייִדיש — א. ווערגעליס, עמ. קאזאקעוויטש . . 103
פ. גערמאנ — אלצ העכער — ייִדיש — עמ. קאזאקעוויטש 105
פונ גרוזיניש — גרוזיע — ייִדיש — א. קושניראָוו 107
פונ דארגיניש — איי־גאזי — ייִדיש — אי. פעפער 109
ל. דזשערזשינסקי — פונ גרענעצ ביז גרענעצ — ייִדיש — א. ווערגעליס, עמ. קא־
זאקעוויטש 111
דזשאמבול דזשאבאיעוו — מײַנ היימלאנד — ייִדיש — אי. פעפער 112
„ „ — א ליד צו קאווקאז — ייִדיש — האָפשטײנ, כאשטשעוואצקי,
מארקיש, פינינבערג 120
„ „ — דעם כאווער מאָלאָטאָוו 122
שיקע דריז — די ליד פונ א מוטער 127
דאַוויד האָפשטײנ — א דאנק סטאלינענ 129
„ „ — סטאלינענ 131
סאמעד ווורגונ — קאווקאז — ייִדיש — מ. העלמאנד 132
ווײַסרוסישע פאָלקסליד — זײַ געזונט — ייִדיש — אי. פעפער 134
וולאדימירסקי — ליד וועגנ העלדנ — ייִדיש — ד. האָפשטײנ 137
נאירי זאריאנ — סטאלינ — ייִדיש — א גאָנטאר 139
ל. זימני — די ליד אפנ לינקאָר — ייִדיש — ד. האָפשטײנ 141
גאלאקטיאָנ טאכידזע — איכ רימ די נײַערד — ייִדיש — ד. האָפשטײנ 143
„ „ — אָקטיאבערשער אָרקעסטער — ייִדיש — מ. העלמאנד . . 144
פונ טאָטעריש — דער יאמ האָט געקרעכצט 147
כאדי טאקטאש — מיר נײענ אויס א פאָנ — ייִדיש — מ. העלמאנד 149
פונ טורקמעניש — איכ זינג די ליד פונעמ פאָלק — ייִדיש — אי. פעפער 152

יוסף טורוסבעקאָוו — אונדזער קירגיזסטאַן — ייִדיש — אי. פעפער 156
פּאַוולאָ טיטשינאַ — אַפֿן פּלאַץ — „ „ 158
„ „ — מיט האַרפֿעס־שײַן — ייִדיש — ד. האָפשטיין 159
„ „ — איך גיי פֿון אַרבעט, פֿון זאַוואָד — ייִדיש — ד. האָפשטיין . 161
„ „ — די ליד פֿון דער רויטער אַרמיי — ייִדיש — ד. האָפשטיין . . 162
„ „ — לענינ — ייִדיש — אי. פעפער 164
„ „ — ליד וועגן קיראָוון — ייִדיש — מ. טאַלאַלאַיעווסקי 166
„ „ — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע — ייִדיש — מ. העלמאַנד 171
„ „ — די פּאַרטיי פֿירט — ייִדיש — ל. קוויטקאָ 173
נ. טיכאָנאָוו — ליד פֿון גרענעצלער — ייִדיש — מ. העלמאַנד 176
סימאָן טשיקאָוואַני — פֿרילינג — ייִדיש — ד. האָפשטיין 178
„ „ — קאַכעטינער האַרבסט — „ „ 179
„ „ — מינגרעלער אָוונטן — ייִדיש — י. קאָטליאַר 181
„ „ — א ליד וועגן סטאַלינען — ייִדיש — אי. פעפער 182
פֿון טשערקעסיש — ס'וועט דאָס גאַנצע לאַנד דיך רימען — ייִדיש — מ. העלמאַנד 184
ייִדישע פֿאָלקסלידער — הערשל קאַצאַפּ — לויט סטאַלינס וואָרט 186
„ „ — „ „ — סטאַלין 187
„ „ — בראָכע קיסינע — זאָל לעבן דער כאַוועֿר סטאַלין . . . 188
„ „ — בוזיע סניטמאַן — א בריוו צו קאַלינינען 189
„ „ — א. פֿערטשיק — פֿאַראַן א וועכטער 193
„ „ — ה. קליינער — לעבן לאַנג זאָל אונדזער פֿירער 194
„ „ — יאַנקל טשאָרני — די ליד פֿון אַלטן שמיד 195
„ „ — סאָרע פּאַליי — ניט גרויס זיך, בוים 197
גאַסעם לאַכוטי — א רײַזע אין לעוואָניקן טעמפּל 199
פֿון לאַקסקער — סטאַלין — ייִדיש — אי. פעפער 209
לעבעדיעוו־קומאַטש — מאָסקווע — ייִדיש — א. קושניראָוו 211
„ „ — מאַרש פֿון טראַקטאָריסטן — ייִדיש — אי. פעפער 214
„ „ — א ליד וועגן וואָראָשילאָוון — ייִדיש — אַקסעלראָד 217
„ „ — דאָס ליד וועגן היימלאַנד — ייִדיש — ש. ראָסין 221
„ „ — אויב ס'איז מאָרגן א קריג — ייִדיש — אי. פעפער 224
וו. מאַיאַקאָווסקי — די קאָמיוגישע ליד — ייִדיש — ד. האָפשטיין 227
„ — וולאַדימיר איליטש לענין (פֿראַגמענטן) „ „ 234
„ — אַרבעט־שוץ — „ „ 242
א. מאַלישקאָ — מיט אים מיר לעבן — „ " 247
„ — א ליד וועגן שטשאָרסן — ייִדיש — מ. העלמאַנד 249
פּערעץ מאַרקיש — דעם פֿירערס וואָרט 253
אַליאַ מאַשאַשווילי — דו ביסט אַוועקגעגאַנגען — ייִדיש — מ. כאַשטשעוואַצקי 255
„ „ — דאָס היימלאַנד פֿון פֿירער — ייִדיש — אי. פעפער . . . 257
מײַמבעט — וויגליד — ייִדיש — מ. העלמאַנד 260
כאַצאַ נאַמאַסאַראַיעוו — דעם גרויסן סטאַלין — ייִדיש — א. קושניראָוו 263
— א ליד פֿון יאַמאַלער נענצעס — ייִדיש — אי. פעפער . . 265

פון סאאמער — סטאלינ װײסט — ייִדיש — אי. פעפער . . . 267
װ. סאָסיורא — רויטער װינטער — ייִדיש — ד. האָפשטײן . . . 268
" — ס'איז דו, מײַן קאנט — ייִדיש — מ. העלמאנד . . . 270
" — דניעפּערבוי — ייִדיש — אי. פעפער . . . 271
פון סאװאניש — א סאװאנער ליד װעגנ סטאלינען — ייִדיש — אי. פעפער . . . 273
מ. סװעטלאָװ — קאכאָװקע — ייִדיש — ד. האָפשטײן . . . 275
א. סורקאָװ — די ליד פון דער רײַטער־ארמײַ — ייִדיש — א. װערגעליס . . . 276
" — דעלעגאט — ייִדיש — ד. האָפשטײן . . . 278
סולײמאנ סטאלסקי — דעם כאװער סטאלינ — ייִדיש — ע. פינינבערג . . . 281
" " — א װאָרט װעגנ דער סטאלינישער קאָנסטיטוציע — ייִדיש — ע. פינינבערג . . . 283
" " — א פּאָעמע װעגנ סערגאָ אָרדזשאָניקידזע — ייִדיש — אי. פעפער . . . 285
" " — דאָס געזאנג װעגנ הײמלאנד — ייִדיש — אי. פעפער . . . 301
פון עװענקיש — װו האָט װלאדימיר געלעבט — ייִדיש — ע. פינינבערג . . . 314
ל. פּערװאָמײַסקי — מײַנ מונטערע יוגנט — ייִדיש — אי. פעפער . . . 327
אלעקסאנדער פּראָקאָפיעװ — רומ — " " . . . 329
" — הײמלאנד — " " . . . 331
פאָלקסשאפונג — א ליד װעגנ סטאלינען . . . 333
" — א ליד פון קאָלװירטניצעס װעגנ סטאלינען . . . 335
" — די ליד פון די דאָנער קאזאקנ . . . 337
" — טשאפּאיעװ־ליד . . . 338
" — סטאלינ, אונזער זונ . . . 342
ע. פינינבערג — הײַנט (פונעם לאָפארישנ פאָלקלאָר) . . . 343
אי. פעפער — סטאלינס װאָרט . . . 354
װ. קאזינ — ארבעט . . . 357
יאקוב קאָלאס — מײַ — דער זיגער — ייִדיש — מ. העלמאנד . . . 358
פון קאלמיקיש — דאָס קאָלװירטישע פערד — ייִדיש — אי. פעפער . . . 360
ל. קװיטקאָ — צו סטאלינען . . . 362
א. קולישאָװ — דער פאָטער — ייִדיש — מ. ליפשיץ . . . 364
יאנקאָ קופאלא — אפ דעמ טײַכ ארעסע — ייִדיש — ז. אקסעלראָד . . . 367
" " — אונ עס רוישט דאָ אונ עס שאָרכט . . . 368
" " — די קאָמונע . . . 372
א קירגיזער ליד — ייִדיש — אי. פעפער . . . 376
ס. קירסאנאָװ — געזאנג פון פרײַנטשאפט — ייִדיש — ד. האָפשטײן . . . 378
מ. קריוקאָװא — ליד װעגנ לענינען . . . 380
ש. ראָסינ — סטאלינ רעדט . . . 387
סולײמאנ רוסטאמ — סטאלינען — סאלאמ — ייִדיש — אי. פעפער . . . 390
" — פרוי — ייִדיש — מ. העלמאנד . . . 392
רוסישער סקאז — לויט לענינס געבאָטנ — ייִדיש — אי. פעפער . . . 394

מ. רילסקי — מארינא — ייִדיש — ד. האָפּשטיין 397
„ — אין דעם טאָג — „ „ 399
„ — די ליד וועגן סטאלינען — ייִדיש — אי. פעפער 401
„ מײַן פאָטערלאנד — ייִדיש — מ. טאלאלאיעווסקי 403
ט. שאמשיִעוו — דעם כאווער סטאלין — ייִדיש — מ. העלמאנד 405
יאסיר שיוואזא — איך שרײַב — ייִדיש מ. העלמאנד 407

★ ★

איינבונד, פּאָרזאַץ און טיטלבלאַט
פון קינסטלער א. פּײַערטשוק

★

פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר — מ. מאַציעוויטש

קינסטלערישער רעדאַקטאָר — י. יאַכניס

טעכנישער רעדאַקטאָר — ג. פריצקער

קאָרעקטאָר — ה. גאָכמאַן

★

פאפיר 108 × 72 1/16 50 קג. 26 דרוקבויגנ
18,63 דיסקאָנט־אווטאָר־בויגנ. פארלאג № 285
טיראַזש 150 + 2850 עקז. באפולמ. פונ
הויפטליט № 4631 באשט. № 1843
אָפּגעגעבנ אינ זאצ 13/VIII
אונטערגעשריבנ צומ דרוק 7/X 1939
9־טע פּאָליגראפישע פאבריק אופּט
קיִעוו, רויטער פּלאצ 2a

★

פּאָרזאצ אָפּגעדרוקט אינ דער
1־טער בוכ־זשורנאלנ־פאבריק אופּט, קיִעוו

★

טיפּ דרוק — אינ דער 4־טער פּאָליגראפּ־
פאבריק, קיִעוו, קאלינינ־פּלאצ 2.

★